STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09883

# FUN UNZER GAYSTIGE HRIFES

D. Kirshenbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון

# אונזער גייסטיגער חריפות

ערשטער טייל

## געדאַנקען און שטימונגען

פון

## דוד קירשענבוים

רב בקהלת בני משה בן יהודא בלאָנדאָן, אשר באָנטאריא

ניו־יאָרק, תרצ"ח

בהוצאת

בית מסחר ספרים „פרדס"

י. ז. בוכבינדער, נשיא

44-42 רחוב קאנאל, ניו־יאָרק, נ. י.

Copyright 1937 by
PARDES PUBLISHING HOUSE, INC.
AND
RABBI D. KIRSHENBAUM

Printed in U. S. A.

POSY - SHOULSON PRESS
19 WEST 21st STREET
NEW YORK, N. Y.
255

# יום־טוב׳דיגע שילדערונגען פון אונזערע
# נשמה׳דיגע געפיהלען

# א ידידות-בריוועל פון א באַוואוסטען אידישען שריפטשטעלער

למעלת כבוד הרב המפורסם לשם ולתפארת וכו׳ כמו״ח דוד קירשענבוים שלום וברכה רבה: —

נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעלייענט אייערע הערליכע שטימונגס-בילדער וועגען אונזערע אלטע ימים-טובים, האָבען זיך ביי מיר דערוועקט זכרונות פון מיין יוגענד און עס האָט זיך פאַר מיר אַוועקגעשטעלט דאָס בילד פון מיין אלטער היים, פון מיין פאָטער, פון מיין זיידען, גלייך ווי פון מיינע אנדערע פרומע קרובים, ווען די נשמה מיינע איז נאָך געווען אין גאַנצען אומשולדיג און זי האָט נאָך נישט געהאט דערקענט די שלעכטיגקייטען פון דער וועלט. און אזוי ווי עס האָט זיך מיר ביים לייענען פון אייערע שטימונגס-בילדער אויסגעדאכט, אז איך בין צוריק דאָס קינד פון דעמאָלט, האָבען די געדאנקען אייערע געלאָשטשעט מיינע רעליגיעזע געפיהלען און ביי יעדען קאַפּיטעל פון אייער ספר האָב איך אייך פשוט מקנא געווען פאר אייער „סענטימענטאַליטעט״, אָדער „נשמה׳דיגקייט״, ווי איהר רופט דאָס, ווי איהר קענט אריינבלאָזען א ניי לעבען אין געדאנקען, וואָס דאַכט זיך ווי אַלט.

אין דער היינטיגער צייט, וואָס מען סטאַרעט זיך פון אלע זייטען, צו פאַרמינדערן די ווערדע פונ׳ם גלויבען, איז אַזאַ ספר ווי אייערער א גרויסער טרייסט, ווען מען זעהט, ווי איהר קענט אזוי שעהן פאַראידישען יעדען מאָדערנעם געדאַנק אין די פיינסטע ווערטער און ווי איהר ווידמעט יעדען זאַץ לכבוד דעם אויבערשטען און זיין תורה.

זאָל אייך דערפאַר דער גאָט פון ישראל שיקען זיין ברכה, זאָל ער שטאַרקען אייערע הענד און אייך געבען די נויטיגע קרעפטען, איהר זאָלט קענען ווייטער אָנגעהן אויף דעמזעלבען וועג ווי ביז אַצינד.

אָט דאָס ווינשט אייך אין איבערגעבענער פריינדשאפט און גרויס אכטונג

גרשם באַדער

הספר הזה מוקדש

לזכרון אמי מורתי היקרה

שיינדעל לאה ע"ה בת החבר ר' מאיר מנחם זאלצמאן נ"ע

שנפטרה י"א אדר שנת תרפ"ט בטורונטו, קנדה

הליכות ביתה וכל מעבדה
רק לה' הקריבה.
הצנע לכת עם אלהיה
כיאות לאשה צנועה וחסודה.

„רבש"ע — הב לי בנים
יראים ושלמים לאלהים"
היא בקשה,
לעטר לה כתר תורה.

חבל ששבקה את עולמה
בדמי ימיה,
ולראות נחת לא זכתה
מבניה בחייה.

ואני, אם בקשתה טרם מלאתי
הקדשתי את חיי לעמי
והנני עומד במערכה בשדה הקודש
חולם ולוחם את מלחמת עמי
— ותהי זאת לה לעטרה!

בנה המתאבל עליה

המחבר.

ובעת השתפך עלי נפשי, חושב אני לחובה, להציג ציון לנפש יקרה ואהובה תפארת משפחתנו

**הוא דודי היקר והחביב ר' מנחם מענדיל ב"ר אברהם חיים קירשענבוים ע"ה**

שנפטר ט' אייר תרצ"ה בטורונטו קנדה. הוא היה הראשון לסלול דרך לארץ החדשה עבור משפחתנו וזכרונו יהיה תמיד חרות על לוח לבי.

המחבר

**דוד קירשענבוים**

# אינהאַלט

זייט


פאָרוואָרט ... 9
אלול ... 13
סליחות אין דער אַלטער היים ... 17
קומי רוני בלילה... ... 24
ימים נוראים ... 31
תכלה שנה וקללותיה, תחל שנה וברכותיה ... 36
ערב יום כפור אין דער אַלטער היים ... 44
די נאַכט פון „כל נדרי" ... 50
יום כפור ... 56
די סוכה ... 59
די ערשטע סוכה אין דער היים ... 63
סוכות — דער „חג האסיף" ... 80
חנוכה ... 92
פורים אין דער אַלטער היים ... 98
„לך כנוס את כל היהודים" ... 103
מגלת אסתר — די געשיכטע פון אידישען גלות ... 109
שבת הגדול ... 121
ערב פסח אין דער אלטער היים ... 126
דעם טאַטענס סדר נאַכט ... 132
כהא לחמא עניא ... 137
והגדת לבנך ... 140
פסח מצרים, פסח לדורות ... 145
דער יום טוב פון דער אידישער גאולה ... 151
שבועות ... 158
דער יום־טוב פון גייסטיגער דערהויבונג ... 164
מיט׳ן כח פון דער תורה ... 169
אבל אשמים אנחנו! ... 182
מיינע בית־המדרש טעג ... 188

# פאָרוואָרט

די אַרטיקלען וואָס באַהאַנדלען אונזערע רעליגיעזע נאַציאָנאַלע אידישע ימים־טובים זיינען איינפאַכע געדאַנקען, אינערליכע געפיהלען, טיעף נשמה'דיגע שטימונגען און איבערלעבונגען, וואָס זיינען איינגעקריצט פון דור דורות אין מוח, איינגעזאַפּט אין די בלוטען פון יעדען אידען, וואָס איך האָב אָפּט, לויט מיינע מעגליכקייטען אויסגעדריקט אין מיינע יום־טוב'דיגע דרשות אויף דער בימה און איך גלויב, אַז אַזוי פיהלט, טראַכט און דענקט, יעדער פּשוט'ער רעליגיעז נאַציאָנאַלער איד אין די קדושה־פולע לויטערע הימלישע יום־טוב טעג — אַזוי פיהל איך, כמעט אַזוי האָב איך זיי גערעדט, אַזוי גלויב איך פיהלט יעדער דורכשניטליכער איד, מיט'ן זעלבען איינפאַכען דורכלעבען און שטימונגס־געפיהל, האָב איך פונקט אַזוי פּשוט, אָהן שום וועלכע פּרעטענזיעס זיי באַשריבען.

און ניט בלויז זעה איך אין אונזערע ימים־טובים רעליגיעזע קדושה פון נאַציאָנאַלער אידישער געשיכטע, אוראַלטע נסים־ונפלאות'־דיגע געשעהענישען, היסטאָרישע פּאַסירונגען און נאַציאָנאַלע פייערונג טעג פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט — נאָר איך זעה און פיהל, און גלויב, אַז אַזוי זעהט און פיהלט יעדער רעליגיעז נאַציאָנאַלער איד, אַז אין אַלע צייטען, אין אַלע דורות, האָבען אונזערע ימים־טובים פאַר דאָס אידישע פאָלק די זעלבע רעליגיעז נאַציאָנאַלע באַדייטונג, מיר שעפּען פון זיי די זעלבע אמונה און בטחון, האָפנונג און טרייסט, אינספּיראַציע און דערמוטיגונג, ווי אונזערע אבות אבותינו, בעת זיי האָבען צום ערשטען מאָל דעם נס אדער די היסטאָריש־נאַציאָנאַלע פייערונג, דורכגעלעבט און געפייערט.

אינ'ם מלחמת־הקיום, אין דעם שטענדיגען קאמף פאר אונזער עקזיסטענץ אלס א באזונדער פאלק, שטעהען אונזערע ימים־טובים ווי געפאנצערטע פעסטונגען, וואס העלפען אונז באשיצען אין די פאר־טאלסטע מאמענטען, מיר זאלען ניט ענטמוטיגט ווערען און רעזיגני־רען, זיי זיינען פאר אונז ליכטיגע הימלישע פריידענס טעג, וואס קומען עטליכע מאל אין באשטימטע צייטען פון אידישען לוח, איבער־צורייסען די אלגעמיינע מאנאטאניגקייט, די פאר'חושכ'טע מרה־שחורה, דאס שטענדיג פארפינסטערט פארגאלט אידישע לעבען און ברענגען מיט זיך האפענונג און טרייסט, פרייד און ליכטיגקייט, ליעבליכקייט און אינטימטקייט, דערפרישונג און אויפמונטערונג אין דאס צרה'דיגע פארביטערט, טרויעריג אידיש גלות לעבען.

די אידישע ימים־טובים באזיצען אזא גיגאנטישען אויסערגער־דענטליכען כוח, זיי פארמאגען אין זיך אזא טיעף נשמה'דיגען פאלקס־טימליכען כל־ישראל אידעאל, אז אין די באשטימטע טעג אין יאהר, ווען זיי קומען, ווערט דער אבסטראקטער פארבארגענער געטליכער קשר, וואס בינדט צוזאמען דאס אידישע פאלק איבער גרויסע ימ'ען אין די פארווארפענסטע ווינקלען אין דער וועלט, בכל קצוי ארץ, א רעאלע קאנקרעטע ווירקליכקייט, זיי פאראייניגען כמעט דאס גאנצע אידישע פאלק איבער דער וועלט, ברענגען מיליאנען אידען אין די שוהלען און בתי מדרשים, ברענגען זיי נעהענטער צום גאט פון ישראל און מאניפעסטירען, ברענגען עפענטליך ארויס פאר דער וועלט די אינערליך רעליגיעזע נאציאנאלע אידישע נשמה פון דער אידישער אומה, וואס פארבינדט אלע אידישע קינדער מארבע כנפות הארץ פאר אן איינהייטליך סאלידאריש, אחדות'דיג פאלק.

אבער אויסער קדושה, הייליגקייט און נאציאנאלען פאלקס־אחדות, וואס אונזערע ימים־טובים סימבאליזירען, פארמאגען זיי אין זיך סודות'דיגען מיסטיציזם און פרומען ראמאנטיזם, וואס קומען ווי ספעציעלע שלוחים פאר'ן אנקומענדיגען יום־טוב — אים ערב יום־טוב, לאזען זיך פיהלען און פארשפרייטען זייערע געהיימ־ניספולע מיסטישע פליגלען פאר'ן טונקעלען יום־טוב'דיגען אוועגט, בפרט האט אזא ערב יום־טוב־דיגע הייליגע סודות'דיגע שטימונג געפיהלט זיך און איז ממש געווען קענטיג און אויסגעשפרייט איבער די קלענערע פראווינציעלע שטעדטלאך אין דער אלטער היים אין רוסלאנד, פוילען, ליטא און גאליציע, די פארשמייעטע פארהאוועטע

הכנות און די ערב יום־טוב׳דיגע אטמאָספערע אין די קלענערע היי־מיש אידישע שטעדטלאך, די פלאַטערדיגע הייליגקייט, פרייד און ציטער פאַר׳ן אָנקומענדען יום־טוב, וואָס פלעגט אַזוי געהיימניספול, סודות׳דיג אויסשפרייטען זיך איבער די אידילישע אידישע מארקען און צודרעהטע געסלאך, האָט ממש ארויסגעשמעקט פון די קראָמען און הייזער, — איז גאָר באזונדער געווען מחיה׳דיג געשמאַק, ליעב־ליך אַנגענעם, אַן און פאַר זיך, ספּעציפיש ערב יום־טוב׳דיג — אַ יום־טוב בפני עצמו...

האָב איך דארום געפיהלט אַז מיין ספר וועט ניט זיין כלו־יום־טוב׳דיג, ווען עס וועלען פעהלען, און איך וועל איגנאָנצען אויסלאָזען די ערב יום־טוב׳דיגע שטימונגס אַטמאָספערע פון היימישען שטעד־טעל, ובפרט אין די היגע מקומות, ווען די ימים־טובים אליין האָבען פיעל פאַרלאָרען פון זייער נשמה׳דיגען תוכן, פּאַעטישען חן און רע־ליגיעז נאַציאָנאַלער פייערליכקייט, איז דער איינדרוקספולער מחיה־נפש׳דיגער, היימיש ליעבער ערב יום־טוב כמעט אינגאַנצען שוין פארשוואונדען, זיינען דאָך די ערב יום־טוב׳דיגע עראינערונגען, וועל־כע דערוועקען קינדערשע זכרונות פון טרוימערישע זיסע יאָהרען בלי ספק אינטערעסאַנט און אונפאַרגעסליך — האָב איך אין ספר באַשריבען עטליכע היימישע ערב יום־טוב׳ס, זיינען אודאי און אודאי פאַראַן פיעל בעסערע, טאַלאַנטפולערע שילדערונגען און שטימונגס בילדלאך, ווי די, וואָס איך האָב דאָ באַשריבען, נאָר ווי געזאָגט, האָב איך מיט׳ן באַשרייבען די היימישע ערב יום־טוב׳ס בלויז באַ־צוועקט צו געבען דעם ספר אַ מעהר יום־טוב׳דיגען תוכן, ווי וויט דאָס איז מיר געלונגען בין איך נרייט צו פארטראָגען דעם לעזער׳ס קריטישען אורטייל...

ביים שלוס פון דער הקדמה פון מיין ערשטען ספר פארשאַפּט עס מיר באַזונדערע פארגעניגען, צו האָבען די געלעגענהייט אויסצודריקען מיין טיעפסטע הארציגסטע דאנקבארקייט און אינערליכסטע איבער־געבענהייט, צו מיין חשוב׳ער ווירדיגער קהלה, „בני משה בן יהודא״, אין לאָנדאָן, אָנטאַריאָ, קאַנאַדע, (המכונה „האַרטאָן סט. שוהל״), פאַר זייער גרויס אַכטונג און כבוד, צוטרוי און רעספּעקט, וואָס זיי האָבען מיר ארויסגעוויזען, במשך די לעצטע עלף יאָהר, וואָס איך שטעה ביי זיי אַלס גייסטיגער מנהיג, זייער דרך־ארץ׳דיגע האַלטונג, ווירדיגע אָפּשאַצונג, ברידערליכע איבערגעבענהייט צו מיר, איז

באמת א וועלטענהייט צווישען די ארטאדאקסישע אידישע קהלות אויף דער זייט קאנטינענט. א דאנק זייער טרייער ליעבהארציגער אי־בערגעבענהייט האבען זיי מיר דערמעגליכט ארויסצוגעבן דאס ספר— וויגש איך זיי, מעומק לבי, אז דער אלקי כל הבריות זאל בענשען אלע שוהל מיטגלידער, די חברים פון דער „חברה תומכי שבת", די ענערגישע אקטיווע „לידים אקזילערי פון דער הארטאן סט. שוהל" (ביידע ארגאניזאציעס געגרינדעט דורך מיין איניציאטיווע) מיט זייערע משפחות, זאלען זיי געבענשט זיין מעין הברכות, מיט אריכות ימים ושנים, מיט געזונט, פרנסה, ברכה און הצלחה, נחת און פרייד, עושר וכבוד, מיר זאלען צוזאמען דערלעבען צו זעהן בבנין ציון וירושלים — אן אמת'ע הילף און גאולה שלמה פאר דאס אידישע פאלק.

**דוד קירשענבוים.**

# אלול

אלול — דער לעצטער מאָנאַט פון אידישען לוח, דער בין־השמשות חודש פון יאָהר, ווען די הימלען וואָלקענען אָפּטער, די נעכט ווערען גרעסער, קיהלער, ציטערדיגער, מרה־שחורה'דיגער, די בוימער טוען אויס זייערע גרינע באַבלעטערטע קליידער, די בלעטער געלע, פאַרוועלקטע, אָפּגעדאַרטע, פאַלען טויטע צו דער ערד, און דאָס יאָמערדיגע צוויטשעריי פון די פויגעלאַך און שוואַלבען וואָס פליהען, שפּרינגען, דערשראָקען פון צווייגעל צו צווייגעל, אויסקלאַגענדיג אין דער לופט זייער אינערליכען צער פאַר דעם אָנקומען פון קאַלטען מרה־שחורה'דיגען הערבסט, וואָס צווינגט זיי אוועקצואוואַנדערען אין די וויטערדיגע זומערדיגע מקומות — ווערט דער איד אימה'דיג אויפגעציטערט, זיין הארץ ווערט דערוועקט, א מיסטיש סודות'דיגע פאַרטראַכטקייט ווערט אויף זיין פנים אויסגעשפּרייט, אַן אויסערגעוועהנליכע אומרוהיגקייט באַהערשט זיין גאַנץ וועזען, ער פאַרטראַכט זיך וועגען לעבען, וועגען תכלית און צוועק און אין זיין מוח דערוועקען זיך טיפע פילאָזאָפישע מחשבות.

אלול — דער לעצטער חודש פון יאָהר, דערמאָנט דעם אידען אין די לעצטע טעג פון מענשליכען לעבען, אַז דאָס מענשליכע לעבען איז ניט אייביג — אנוש כחציר ימיו, כציץ השדה, כן יציץ, כי רוח עברה בו ואיננו, ולא יכירנו עוד מקומו, אַז אַ מענש איז גלייך ווי גראָז פון פעלד, אַט שפּראָצט דאָס, בליהט זיך פאַנאַנדער, וואַקסט אויס פּראַכטפול, אַזוי איז דער מענש, יונג, שעהן, קרעפטיג, און אַט גיט נאָר דער ווינד אַ בלאָז און ער איז שוין ניטאָ, גלייך ער וואָלט לגמרי ניט געבוירען געוואָרען...

אלול — מאַכט דער איד זיין חשבון הנפש, אַ יאָהר פאַרשווינדט, אַ יאָהר לעבען איז אַוועק, אַ טריט נעהענטער צום קבר, וואָס האָט ער דאָס פאַרגאַנגענע יאָהר אויפגעטאָן, ער האָט געאַרבייט, שווער און ביטער געהאָרעוועט, געלאָפען, געהאַוועט, געיאָגט, פון פריה־

מאָרגען ביז׳ן אָוונט, ניט געגעבען קיין שלאָף צו זיינע אויגען, האָט ער פאַרמאָגט הונדערט, האָט ער געשטרעבט צו פאַרמאָגען צוויי הונדערט. ער איז קיינמאָל ניט צופרידען, האָט קיינמאָל ניט גענוג, לויפען די טעג, חדשים און יאָהרען, ער שטרעבט, ער פאַנטאַזירט, ער חלומ׳ט, ער האַפט, קומט פּלוצלונג דער מלאך־המות, צושטערט דאָס מענשליכע לעבען, פאַרענדיגט אַלע חלומות, פאַנטאַזיעס, האָפע־נונגען און שטרעבונגען, אַלץ ווערט פאַרשלונגען, אַלץ ווערט גאָר־נישט, די ערד דעקט צו. וואָס איז דער תכלית ? וואָס איז דער ציעל ? פאַר וועמען ? נאָך וואָס דאָס אַלץ ? און וואוהין ? . . .

אלול — עלף חדשים הערשט דער גוף, דאָס גראָבע, חומר׳דיגע, מאַטעריאַליסטישע, ליידענשאַפטליכע, ערדישע. קומט דער חודש אלול דערוואַכט דעם איד׳ס נשמה, שטייגט העכער, באַפרייט זיך פון חומר׳דיגען לבוש, טראַכט טיעפער, אַבסטראַקטער, וועגען תכלית, נוצליכקייט, אינהאַלט פונ׳ם לעבען, און דער איד דערפיהלט, אַז דאָס אמת׳דיגע, גליקליכע, הנאה׳דיגע לעבען באַשטעהט ניט אין לוקסוס, וואָס מעהר זעטיגען דעם גוף, מעהר הולטאַיעווען, מעהר באַלעווען, מעהר קערפּערליכע פאַרגעניגען, נאָר דער ווירקליכער ווערט, דער תוכן פון לעבען איז נאָר דאַן, ווען מיר שאַפען עפּעס מיט אונזער לעבען, ווען מיר בויען, פּראָדוצירען, העלפען ממשות׳דיגעס, קאָנקרעטעס, עפּעס אויפצוטאָן פאַר אונזערע מיטמענשען, פאַר דער געזעלשאַפט, פאַר די צוקונפטיגע דורות, בעת מיר וועלען זיך גרייטען אין אייביגען וועג, די וועלט צו פאַרלאָזען, זאָלען מיר קענען אין די לעצטע שעה׳ן פון אונזער לעבען זיך פיהלען גליקליך, אַז מיר האָבען אונזער צייט, מאַרך און האַרץ בייגעשטייערט צו פאַרשענערען און פאַרבעסערען די וועלט — און אויך אונזער גוף, אונזער חומר פאַרשווינדט, וועלען אָבער די פּרוכטען פון אונזערע מעשים בלייבען אונפאַרגעסליך און אונשטערבליך.

אלול — דערפיהלט דער איד אַן אינסטינקטיווע מורא פאַר גאָט. ער דערפיהלט אַן אינערליכע נויטווענדיגקייט אויסצוגיסען זיין האַרץ פאַר׳ן אַלמעכטיגען, דאָס אינערליכע, נשמה׳דיגע, קווינטעסענציעלע, וואָס איז במשך די עלף חדשים פון יאָהר געלעגען פאַר־באָרגען, פאַרשטיקט, — דערוואַכט, צוטליעט זיך אין אַ געטליכען הייליגען פלאַם, און דער איד דערפיהלט אין זיך דעם פאַרבאָרגענעם

ניצוץ־הפנימיות, דעם הייליגען פונק, דאָס קליינע אינערליכע פינטעלע, דאָס געטליכע. ער פאַרשטעהט בעסער דעם וועלט באַשאַפער, דעם בורא כל עולמות, וועלכער האָט יעדע זאַך באַשאַפען מיט שכל, מיט הימלישער חכמה, מיט א תכלית, מיט א צוועק אויסגערעכענט, און שפּייזט מיט חסד און גנאדע אלע זיינע באַשעפענישען, פון דער קלענסטער מילב ביז צו דער גיגאַנטישער וויזעלטיהר ...

אלול — ווערט דער אייביגער קאַמף פון נשמה מיט'ן גוף, דאָס קערפּערליכע און גייסטיגע, גוטס און שלעכטס, דער יצר־טוב און יצר־הרע שאַרפער, בולט'ער און דייטליכער, דרייסטער, מוטיגער, קעמפט די נשמה געגען דאָס ערדישע, שטערבליכע, זוכט זיך צו באַפרייען פון נידעריגען חומר, פון קערפּערליכער תאוה. זי ווערט די געוועלטיגערין, די הערשערין, העכער שוועבט זי אין די הימלישע ספערן פון אייביגקייט און אונשטערבליכקייט, דאָס פּלאַץ פון וואַנען זי איז געקומען און וואוהין זי מוז סוף כל סוף זיך צוריק קערען...

אלול — געהט דער איד אויף קבר־אבות, עם דערוועקט זיך ביי איהם א נאָהענטקייט, א ליעבע, אַן אונפאַרגעסליכקייט צו זיינע פאַרשטאָרבענע קרובים, ער בעט, וויינט און קלאָגט אויף די קברים פון די צדיקים, קדושים וטהורים, וואָס האָבען זייערע גופים מקריב געווען צו פאַראייביגען און הייליגען גאָט'ס נאָמען און זייערע נשמות האָבען זיך באַהאָפטען צוריק צו דעם מקור, פון וואַנען זיי זיינען געקומען.

אלול — רופט דער איד די וועלט, די פעלקער, די גאַנצע מענשהייט צו תשובה, פאַר א ריינעם אָפּגעהיטענעם ארט לעבען, רחמנות צום שוואַכערען, מיטלייד צום הילפלאָזען, העלפען דעם נויטליידענדען, שטיצען דעם אָרימאַן און עלענדען, אויסצוראָטען דאָס שלעכטע, פאַרניכטען דאָס גרויזאַמע, פאַרדאַרבען דאָס רוצח'ישע, דאָס ברוטאַלע, דאָס בעסטיאַלע, אז יושר, הומאַניטעט און גערעכטיגקייט זאָל הערשען פאַר אַלעמען, עס זאָל אויך איטליכער אויסשטרעקען א סאָלידאַריש ברודערליכע האַנט צום דערשלאָגענעם, דערנידעריגטען און געפּלאָגטען.

אלול — דער חודש פון תשובה, חרטה און תפלה, בעט דער איד ביים אלמעכטיגען, אז יעדע גוטע טאַט זאָל באַצאָהלט ווערען, יעדע וואונד זאָל פאַרהיילט ווערען, יעדע אונגערעכטיגקייט זאָל

פארגיטיגט ווערען, און די פייניגער, טיראניזירער, מערדער, וואס פארגיסען מענשליך בלוט, באדען זיך מיט מעפיסטאפעלישער שמחה אין יענעמס טרערען, אין פרעמדען בלוט, גלויבען ביי זיך אז עס איז לית דין ולית דיין, באגעהען זיך דארום לגבי זייערע מיטבירגער, מיט אומשולדיגע מענשען, מיט העסליכע גרויזאמע אינקוויזיטארישע שטראפען, זאלען באשטראפט ווערען, די אומשולדיגע טרערען און דאס אומשולדיגע בלוט וואס זיי פארגיסען, זאל זיי ניט געשענקט ווערען, ווייל דאס פארגאסענע בלוט און טייכען טרערען שרייען פאר ראכע, פאר נקמה, זאלען די רשעים וויסען אז די וועלט איז ניט הפקר, יושר, גערעכטיגקייט, הומאניטעט זאל טריאומפירען, גוטסקייט, מענשליכקייט, ברודער־ליבע זאל די מענשהייט באהערשען און אויף דער ערד געוועלטיגען.

אלול — דער מאנאט פון תשובה, פון התעוררות, פון ווערען בעסער, ערהאבענער, נאבעלער, באשיידענער, עניוות׳דיגער, גאנץ באזונדערס בין אדם לחברו, קלאפט דאס אידישע הארץ אומרוהיגער, מורא׳דיגער. טראכט דאן דער איד טיעפער, גרינדליכער, וועגען אלגעמיין מענשליכען לעבען און דאס אידישע לעבען בפרט.

# סליחות אין דער אַלטער היים

גלייך ווי עס זיינען אָנגעקומען די אלול־טעג, אין שוהל האָט זיך דערהערט דער ערשטער בלאָז פון שופר, האָט א מיסטעריעזע אַטמאָספערע באַהערשט דאָס גאַנצע שטעדטעל, האָבען אַלעמענס געזיכטער אויסגעדריקט אַן אומבאַוואוסטע אימה, געמישט מיט מרה־שחורה.

אריינקומענדיג באַלד דעם ערשטען טאָג ראש־חודש אלול אין בית־המדרש, אָדער שוהל, האָט מען גלייך ביים עפענען די טיר דערפיהלט אַז עס קומען טעג, וואָס זיינען אַנדערש, אויסער־אָרדענטליך און אונגעוועהנליך — מעהר פאַרכטיגע, ווי די פאַר־גאַנגענע טעג פון גאַנצען יאָהר.

דאָס בית־המדרש איז געווען געפאַקט מיט מתפללים, צווי־שען זיי אַזעלכע, וואָס פלעגען קומען דאַווענען, בלויז אין א יומא־דפגרא, אַלע זיינען געשטאַנען מיט די פנים'ער צום מזרח, פאַר־הילט איבער די קעפ מיט די טליתים, האָבען זיי שטיל הכנעה'דיג געדאַווענט, אַלע זיינען זיי געווען פאַרטיעפט, פאַר'דבקה'ט אין זיך. האָט א מתפלל אויסגעדרעהט זיין פנים צום עולם הינטער זיך, האָט זיין פנים ניט אויסגעדריקט יענע מונטערקייט און פרייליכקייט, ווי ביים דאַווענען, דאָס גאַנצע יאָהר.

ביים עמוד פאַר'ן בעל־תפלה, זיינען געשטאַנען זיבען גרויסע חלב'נע ליכט, דאָס פייער פון די ליכט, האָט געצאַנקט און גע־שפרונגען, אַז עס האָט זיך מאָמענטענווייז אויסגעדאַכט, אַז אָט־אָט, געהן זיי אַלע אויס און אָט ווידער, האָבען די בלויע פייער־ליך געצווינגען, שפּיציג הויך, לייכטענדיג העל און ליכטיג, א נאַ־גענדיגע וואַרימקייט, האָט געשוועבט אין חלל פון בית־המדרש, וואָס האָט דעם אריינקומענדיגען גלייך געמאַכט פיהלען די געענדערטע אומגעוועהנליכע אַטמאָספערע. ערענסטקייט ווי שרעק, פאַר אַן אומ־באַוואוסטער אָנקומענדער אימה, האָבען אַלעמענס פנים'ער אויס־

נעדריקט. אפילו אברהם משה, דער שטענדינער לץ פון שטעדטעל, האט זיך איבער'ן בית־המדרש ארומגעדרעהט מיט איין האנט טיעף פארשטעקט אין גארטעל און אין דער צווייטער האט ער גע־האלטען א תהלים'על און דבקות'דיג, מיט גרוים כונה, געזאגט תהלים און ווען דער שמש, האט דעם צווייטען טעג ר"ח געבלאזען שופר, זיינען אלע אין בית־המדרש ווי פארשטיינערטע, א רגע געבליבען שטעהן, אלעמענס הערצער האבען אויפגעציטערט, די תקיעה איז געווען דער אנזאג, צו מאכען די נויטינע הכנות, פאר די קומענדע אימה'דיגע טעג, ווען א פיש אין וואסער ציטערט.

און גלייך נאך דער ערשטער תקיעה, האט דאס קול־שופר, ניט אויפגעהערט גאנץ אלול. דעם גאנצען חודש אלול האט דער קול שופר, ציטערדיג מיט צובראכענע, ניט פארענדיגטע תקיעות, ווי מיסטעריעזע קולות פון געהיימניספולע עולמות, וואס דער־שרעקען און מאכען ציטערען, ווען מען הערט זיי, אפגעקלונגען אי־בער'ן שטעדטעל, פון די בית־המדרש בחורים, וואס פלעגען אוים־נוצען דעם חודש אלול, צו לערנען זיך בלאזען שופר.

פארביינעהענדיגע, וועלכע פלעגען שנעל דורכלויפען דאס בית־המדרש געסעל, זייענדיג פארטאן אין מסחר, נאך דעם, ווי זיי האבען זיך באפרייט פון דער אלול־שטימונג, בעת'ן דאווענען אין בית־המדרש, זייערע קעפ זענען געווען באשעפטיגט און די געדאנקען פארטיעפט אין אנדערע מחשבות, האבען דערהערענדיג, די אפגעריסענע ציטערדיגע, צובראכענע קולות פון שופר, זיינען זיי אויטאמאטיש געבליבען שטעהן, מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם זיך איינגעהערט, צו די יאמערדיגע, הארץ ברעכענדע קולות, און זיינען צוריק ארייגעפאלען אין דער פריהמארגענדיגער מרה־שחורה'דיגע שטימונג. זיי האבען פארלארען דעם חשק, וויטער צו לויפען, צו האווען, פאר זייערע געשעפטליכע באשעפטיגונג. פרויען וואס פלעגען דאס בית־המדרש געסעל דורכגעהן, האבען זיך צוגעהערט, צו די יאמערדיגע קלאנגענדע, ניט פארענדיגטע טענער פון שופר, האבען אויפגעציטערטע, פלוצלונג דערשראקענע, נעווישט מיט די פארטוכער, זייערע נאסע אויגען.

די שטימונג האט אזוי אנגעהאלטען, ביז די סליחות טעג. און אז עס איז געקומען דער שבת פאר סליחות, האבען אלע אין שטעד־

טעל אינסטינקטיוו דערפיהלט, אז די מורא'דיגע, אימה'דיגע טעג ווערען נעהענטער, האט דאס שטעדטעל פיבערדיג, ציטערדיג, פול מיט שרעק פאר'ן אימת־הדין, אנגעהויבען אימפולסיוו שנעלער, צוגרייטען זיך פאר די טעג פון משפט.

שבת, בין השמשות, האבען ביים רב אין שטוב, פארזאמעלט זיך, די פראמינענטעסטע בעלי־בתים פון שטעדטעל, געמיינזאם מיט די ימים־נוראים'דיגע בעלי תפלות, מסדר צו זיין, ווער ס'זאל דאווענען שחריתים, ווער מוספים. שבת, פאר מעריב, האט דער שוהל חזן געזאגט „למנצח בנגינות", מיט דעם טראדיציאנע־לען, ראש־השנה'דיגען ניגון. כמעט אלע פרויען פון שטעדטעל זיינען געלאפען הערען דעם חזן זאגען „למנצח". דאס איז געווען דער ערשטער סיגנאל, אז די ערווארטעטע מורא'דיגע טעג זענען נאהענט, און דער עולם, האט אנגעהויבען מאכען הכנות פאר די ערשטע סליחות.

די ערשטע סליחות, וועלכע געפאלען תמיד אין א שבת צו נאכטס, האבען ניט געהאט די שארפקייט און אימה'דיגקייט, לויט די אנגעצווינגענע שטימונג פון גאנצען חודש אלול. דאס רוב עולם איז צו די ערשטע סליחות געקומען אנגעטאהן אין די שבת'דיגע בגדים און האבען אויסגעזעהן, זאטע, אויסגערוהטע, און אפטימיסטיש אויפגעלייגטע. מאנכע פון עולם, זענען גלייך נאך מעריב, פארבליבען אין בית־המדרש צו סליחות, מיט די פרעהליכע שבת'דיגע זארגלאזע פנים'ער, מיט קיין שום אויס־דרוק פון אימה אדער פחד, צוזאמענגעקומען איז זיך דער עולם פיעל פריהער, איידער די סליחות האבען זיך אנגעהויבען און מען האט צייטווייליג געשמועסט, וואס אין מויל איז אריינגעפאלען, וועגען פאליטיק, וועגען שטעטלדיגען רב אדער שוחט, אנדערע קהל'שע קליינשטעטלדיגע ענינים, אדער מ'האט זיך דערצעהלט מעשיות וועגען חסידישע רביים.

אויך אין די חסידים שטיבלעך, איז געווען לעבעדיג, מ'האט נאך די סליחות צוגעגרייט א געשמאקע מלוה־מלכה, אפילו ווען דער שמש פון בית־המדרש האט פונקט צוועלף א זייגער ביינאכט, געגעבען דריי קלעפ אין דער בימה, און דער חזן האט אנגעהויבען דעם ימים נוראים'דיגען טראדיציאנעלען „יתגדל" פון סליחות

און זיין שטימע האָט זיך אָנגעהויבען קרייזלען העכער, ארויסצו־רופען א ציטער ביים עולם, האָט דאָס אויך ניט געמאַכט, דעם געהעריגען רושם. דער עולם, האָט זיך געפיהלט שבת׳דיג, נשמה׳יתירה׳דיג, פרעהליך, זאָרגלאָז, און די אימה, וועלכע האָט מ׳כלומר׳שט באהערשט, דעם עולם איז געווען א געמאַכטע, אַן אויבערפלעכליכע ניט פון טיעפענישען פון דער נשמה.

דערפאר זיינען די סליחות פארטאָג געווען אויסערארדענטליך פאַנטאַסטיש און אימה׳דיג.

אין דער טיעפער נאַכט, ווען דאָס גאַנצע שטעדטעל איז גע־ווען פארזונקען אין א געשמאַקען שלאָף, האָבען זיך פלוצלונג דער־הערט צוויי האַסטיגע קלעפ און נאָך א קורצער פויזע, א דריטער, מיט א הילצערנעם האמער אין די הילצערנע, פארמאַכטע לאָ־דען, וואָס האָבען אימה׳דיג אָפּגעקלונגען איבער׳ן גאַנצען שטעד־טעל, ווי עפּעס א שטרענגע שליחות, פון אונבאַקאַנטע עולמות, גלייך נאָכדעם האָט זיך דערהערט דעם שמש׳ס הויכע באַסאָווע שטימע:

— ישראל עם קדושים, שטעהט אויף צו סליחות!

אין שטוב איז געווען שטאָק פינסטער, דער שלאָף איז געווען א זיסער, דער מאָמענטאַנער שרעק פון שמש׳ס דריי קלעפּ אינ׳ם לאָדען איז אריבער און דער עטוואָס אויפגעהויבענער קאָפּ איז צוריקגעפאַלען אויפ׳ן ווייכען קישען, דער שלאָף האָט געצויגען, איז געווען אזוי זיס און אנגענעם, די אויפגעמאַכטע אויגען דעק־לאָך האָבען געפּרואווט צוריק זיך שליסען, האָט מען זיך אָבער דערמאָנט, אָז די מורא׳דיגע טעג, וואָס קומען באַלד און א היי־ליגער ציטער, האָט דורכגענומען די הערצער, ניט צו פארשפּע־טיגען די סליחות — א קלייניגקייט, אזא שעת־הכושר, די טעג צו באַשטימען דאָס לעבען פון צוקונפטיגען יאָהר, זיינען געציילטע, טאָר מען ניט פארשלאָפען, מוז מען זיך שטאַרקען ווי א ליבּ, שנעל האָט מען געכאַפּט אָפּגיסען נעגעל וואסער, זיך אָנגעטאָהן, געכאַפּט די סליחה אין האַנט און געלאָזט זיך לויפען אין שוהל אריין.

אין דרויסען איז געווען פינסטער. די אָנהויב אָסיענדיגע קעלט האָט טיעף אריינגעדרונגען אין די ביינער. דער הימעל איז געווען לויטער קלאָהר, כאָטש עס איז אומעטום געווען פינס־

טער, די גאסען זיינען געווען שטיל, פונדערווייטענס האבען זיך נאך געהערט די שוואכע קלעפ אין די פארמאכטע לאדענס, פון שמש'ס הילצערנעם האמער, פון די געסלאך האבען זיך געהערט איינזאמע שנעלע טריט, סקריפען פון אויפגעשלאסענע טירען, וואס האבען, ווי א ווידער־קול אפגעקלונגען, איבער'ן שטעדטעל.

איינצעלנע מענשען, מיט בלעבענע לאמטערנעס אין איין האנט און אין דער צווייטער, די סליחה, מיט טלית און תפילין, זיינען שנעל געלאפען ניט צו פארשפעטיגען סליחות זאגען. פרויען איינגעהילט אין טיכלאך, מיט סליחות און תחנות אין די הענט, זענען שנעל, ציטערדיגע פון קעלט, געלאפען אין דער ריכטונג צום שוהל.

צוקומענדיג צום שוהל, איז די אימה געווארען גרעסער, דער אריינגאנג אין שוהל, איז געווען פינסטער, דאס קליינע חלב'נע ליכטעלע, וואס האט קוים באלויכטען די נידריגע טרעפלאך ביים אריינגאנג מיט די מרה־שחורה'דיגע פענסטער פון די פינסטערע זייטיגע פאלעשען, וואס זענען ארויסגעגאנגען צום אלטען בית־החיים... האבען אנגעווארפען א שרעקליכען פחד, דאס קומען אין אזא אויסערארדענטליכער צייט אין דער שוהל דאווענען און בעטען צו גאט, האבען אלע אינסטינקטיוו געפיהלט, איז אונ־געוועהנליך און עת־צרה'דיג. אלע האבען געפיהלט די ערנסט־קייט פון מאמענט, א הייליגער שוידער, האט דורכגעדרונגען די ביינער, יעדער האט געפיהלט, אז עפעס שטיקט איהם אין האלז, די שווערקייט פון א שטיין ליגט און פרעסט אויפ'ן הארצען און אז דא, אין שוהל, וועט מען זיך אפרעדען פון הארצען, אויס־וויינען זיך, וועט לייכטער ווערען.

אין שוהל האט געהערשט א טונקעלקייט. די חלב'נע ליכט־לאך, וואס זענען געשטאנען ארום דעם עמוד, האט געטריעפט פון זיי אן אומעטיגער מרה'שחורה'דיגער שיין, אויפ'ן בימה איז געשטאנען אהרן מענדעל דער שמש, א זקן, פון א יאהר עטליכע און זעכציג, מיט א ווייסער פאטריארכאלישער באָרד, אונטערגעשפארט מיט א האנט אונטער'ן קאפ, האט ער מיט א פארשטיקטער הייזעריגער שטימע און אן אבל'דיגען ניגון ארויס־געלערנט פון א משניות.

בּיסלעכווייז איז דער עולם אין שוהל געוואָרען גרעסער. דער עולם, האָט אויסגעזעהן, ווי זיי וואָלטען אַנטלויפען פון עפּעס א בהלה, פון א פּלוצלונגדיגער שרפה, וואָס האָט אויסגעבראָכען אינמיטען נאַכט, אז מ'האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך ארומצו־וואַשען. די בּערד און פּאות זענען געווען צופּלאָשעטע, די בגדים ניט רעכט פאַרשפּיליעט. אידען מיט לאַנגע נאַסע אויסגעצוואָ־גענע בּערד, נאָר וואָס קומענדיג פון מקוה, האָבען ווי שאָטענס, אריינגעשאַרט זיך אין שוהל. פון די פינסטערע ווינקעלאַך אין דער הויכער שוהל, האָט געבלאָזען א קעלט פון אימה. אין דער הויך, פון די עזרת־נשים, האָט זיך געהערט, קרעכצען און גע־וויינען, פּונקט ווי פון קליינע קינדער, וואָס בעטען אָדער פאַר־לאַנגען עפּעס פון עלטערען. יאָסעל שוחט, א איד, מיט א בריי־טער פּאַטריאַרכאַלישער בּאָרד, האָט ארומגעדרעהט זיך איבער'ן שוהל, געריבען איין האַנט אין דער צווייטער, און שטיל, אימה'דיג, געהיימניספול, געשעפּטשעט. דאָס האָט ער זיך מכין געווען, צו זאָגען סליחות פאַר'ן עולם. יאָהרען שוין, ווי יאָסעל שוחט, זאָגט סליחות אין דער שוהל. זעלטען ווען איינער, האָט זיך דורכגעוואָרפען מיט'ן צווייטען, מיט עפּעס א וואָרט, אָדער באַ־מערקונג, האָט ווער עפּעס ארויסגערעדט, איז דער קול געווען אָפּגעהאַקט, ציטערדיג, פאַרשטיקט הייזעריג, ווי מען וואָלט פאַר וועמען מורא געהאַט צו רעדען הויך.

אהרן מענדעל, דער שמש, האָט גענעבען צוויי הויכע קלעפּ אין שלחן אויף דער בימה. יאָסעל שוחט, ארומגעהילט אין טלית און זילבערנע עטרה, איז שנעל צוגעגאַנגען צום עמוד. דער עולם האָט זיך ראַפּטום אויפגעשטעלט. די אימה איז געוואָרען שטאַר־קער, אַלע האָבען דערפיהלט, אז דאָס איבערפולטע, פאַרקלעמטע האַרץ וועט אָט באַלד האָבען זיין תיקון, מיט התלהבות, טרייסלענ־דיג זיך איינגאַנצען פאַר אימה, האָט יאָסעל שוחט אָנגעהויבען זאָגען דעם יתגדל פאַר סליחות. דער פּחד אין שוהל איז געוואָרען גרעסער, אַלעמאָל ווען ס'איז געקומען צו „אל מלך יושב", האָט דער עולם הויך פון דער טיפעניש פון האַרצען, התלהבות'דיג אונטערגעכאַפּט די קולות פון בעל־תפילה און האָבען מיט די טיכלאַך געווישט זייערע אויגען. בּיסלעכווייז איז די קעלט,

וואָס האָט געהערשט פאַר סליחות זאָגען פאַרשוואונדען. די פּנים'ער זענען געוואָרען צופלאַמטע, דער עולם איז געוואָרען דערוואַרימט, די קולות האָבען פאַרלאָרען זייער הייזעריגקייט און האָבען באַקומען דעם אויסדרוק פון הויכע הילפס געשרייען פאַר סכנות נפשות'דיגע רעטונג.

ווען עס איז געקומען צו ענדע פון סליחות, איז געוואָרען אַ גאַנצע ענדערונג אין דער שטימונג. אין דער שוהל איז געוואָרען רוהיגער, דאָס געשריי איז געוואָרען שטילער, עס האָבען זיך געהערט נור לייכטע זיפצען ווי פון קינדער, וואָס ווערען מיעד פון וויינען און בעטען, אויסקוקענדיג אַז דער פאָטער זאָל רחמנות האָבען אויף זיי און דערפילען זייער בקשה.

דער פריהמאָרגען האָט אויפגעבראָכען, די פענסטער פון שוהל זיינען באַגאָסען געוואָרען מיט אַ בלויקייט, דער אומעטיגער שיין פון די חלב'נע ליכטלאך זענען צוביסלאך פאַרשוואונדען, די פאַרוויינטע אויגען האָבען אָנגעהויבען שטראַהלען מיט באַגייסטערונג, דערפיהלט האָבען אַלע, אַז דאָס וואָס האָט געפּרעסט און געדריקט אויפ'ן הארצען איז פאַרשוואונדען, אַ לייכטקייט האָט אָנגעפילט די נשמה, אָפּגערעדט זיך פון הארצען, אין האלז שטיקט ניט מעהר, דער עולם האָט זיך געשטעלט דאַווענען מיט דער האָפענונג און זיכערקייט, אַז זייער געוויין און געבעט האָט געגרייכט דעם כסא־הכבוד און זיי וועלען האָבען אַ גוט יאָהר.

# קומי רני בלילה...

## סליחותידיגע געדאַנקען

און ווידער שטעהען מיר אויפ'ן שוועל פון א נייעם יאָהר, דער הערליכער זומער מיט זיין רייץ צום לעבען, וועלכער דערוועקט ביים מענשען יוגענדליכקייט, פרישקייט און לעבענס-לוסטיגקייט, פאַרגעהט טעגליך, מיט טריבע און טונקעלע גרויע וואָלקענס, ווערט דער הימעל פאַרצויגען, פאַר'צער'ט, אבל'דיג, פול מיט יאוש שטעהן די בוימער מיט ארונטערגעלאָזטע תפילה'דיג פאַנאַנדער־געשפרייטע צווייגען, ווי זיי וואָלטען בעטען רחמים ביים בורא, פאַר זייער לעבען, דאביי דארפען זיי צוזעהען דאָס פאַלען פון די געלע פאַרוועלקטע טויטע בלעטער ארום זייער אייגענעם שטאָם, מיט שרייענדיגער נאַקעטקייט ליגען די אָפגעשניטענע פאַרגעלטע פעלדער ווי איינגעקאָנסערווירטע, ווייזען ניט ארוים קיין סימנים פון לע־בען, מחנות'ווייז לויפען פויגלען אוועק אין ווייטע לענדער און אין זייער פלאַטערען און טשוויטשערייען, הערט זיך אומעטיגע קלאָגען און א טרויעריג־רירענדער געזאַנג.

טרויעריג, פאַרזאָרגט און באַטריעבט ווערט אויך דער מענש, ער פאַרלירט זיין מוט און קוראַזש, דערפיהלט זיך איינזאַם און עלענד. פאַר זיינע אויגען שטאַרבט אָפ די נאַטור, די זונען שטראַהלען, די אונערשעפליכע קוואַלען פון מענשליכער ענערגיע, מוט און שעפפערישקייט, הערען אויף צו וואַרימען, טרויעריגער אומעט און אינערליכע אומרוהיגקייט דריקט און פרעסט זיין נשמה, ענגשאַפט און איינגעפרעסטקייט שטיקט זיין האַרץ, ערנסט, פילאָ־זאָפיש, נאַכדענקענד, ווערט דער מענש. ער פאַרטראַכט זיך טיעפער, גרינדליכער וועגען מענשליכען לעבען, וועגען זיין אייגענעם לעבען, א מיסטעריעזער אינסטינקטיווער געפיהל, וואָס ליגט

ערגעץ אין מענשענס וועזען פארבאָרגען דערוואכט פּלוצלונג און דערמאָנט דעם מענשען וועגען צוועק און תכלית פון לעבען.

פּאַרטאָג, באַשמורת־הבוקר, פון רעכטען געשמאַקען זיסען פריהמאָרגען שלאָף, רייסט זיך אַרויס דער איד פון בעט. א שרעקליכע אומרוהיגקייט נאָגט זיין נשמה, א היילינגער ציטער שטראָלט דורך זיין קערפּער. דער זומער איז אוועקגעגאנגען, אין דרויסען ווערט אַלץ פארוועלקט און פארגאנגען, א יאָהר פון מענשליכען לעבען פארגעהט, א טייל פון מענשליכען לעבען פאר־שווינדט. איז דאָך דאָס מענשליכע ניט ווי דער יאָהר פון דער נאַטור, וואָס ווערט יעהרליך באַנייט, יעהרליך באַפרישט און יעהרליך אויפגעלעבט, אונזער יאָהר איז דאָך, כרוח נושבת, וכחלום יעוף, ווי א ווינט, וואָס קומט קיינמאָל שוין ניט צוריק און ווי א חלום וואָס שוועבט אַוועק.

קלאַפּט מיט שרעק דעם אידענס האַרץ, קען ער רוהיג ניט ליגען אויף זיין געלעגער; א יאָהר לעבען גוסס'ט, שטאַרבט אָפּ, וואָס האָט ער אויפגעטאָהן אין דעם פארגאַנגענעם יאָהר? שטענ־דיג איז ער געווען פאַריאָגט, פאַרהאַוועט, מיט קליינליכע דאגות, עול הפּרנסה, הבלי הזמן...

הייסט דאָס לעבען?

האָט אַזאַ לעבען א תוכן?

איז דאָס דער צוועק פון מענשליכען לעבען?

לכך נוצרתי?

דאַרויף איז דאָס דער מענש באַשאַפען געוואָרען?

ומותר האדם מן הבהמה אַין?

אָפּצואַרבייטען ווי א פּיער פיסיגע חיה אַלע יאָהרען פון זיין לעבען און לסוף אָפּשטאַרבען?

איז דאָך פאַראַן עפּעס העכערס, הימלישעס, היילינגערעס, וואָס ליגט פאַרבאָרגען בחדרי חדרים, אין די באַהאַלטענסטע קעמער־לעך פון מענשליכען לעבען, צו וועמען דער מענש טראָגט געוויסע התחייבות'ן און פאַראַנטוואָרטליכקייט אויסער זיינע טעגליכע איני־דיווידועלע און משפּחה'דיגע דאגות און התחייבות.

האָט ער דערפיהלט, כאָטש אין א מינימאַלען אופן די הע־כערע פאַראַנטוואָרטליכקייט.

און אָט קומט ווידער א ניי יאָהר לעבען, מיט וואָס פאר א חסד און מעשים, קען ער וויזען זיין פנים פאר'ן אלמעכטיגען גאָט, צו בעטען פאר א ניי גוט יאָהר?...

פייניגען און מוטשען די מחשבות און באַטראַכטונגען דעם אי־דען אויף זיין געלעגער. ער קען מעהר ניט שלאָפען, ער קרעכצט, ווארפט זיך אומרוהיג אויפ'ן קישען. ער פיהלט זיך שולדיג, זיין הארץ ציטערט, אין זיינע אויערען קלינגט דער אַנגעהערטער גאַנץ חודש אלול'דיגער שופר בלאָזען, וואָס ווײנט, קרעכצט און יאָמערט, רופט און וועקט דאָס נשמה'דיגע טיעף מענשליכע ביים אידען.

בליץ שנעל, מיט אויסערגעוויינליכע זריזות, רייסט דער איד איבער זיין פרימאָרגען שלאָף, וואשט שנעל זיין פנים און הענט, אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט; לויפט ער שנעל אין גאָט'ס הויז — אין שוהל אריין אויסצוגיסען זיין איבערפילט פארביטערט הארץ פאר'ן אלמעכטיגען און מיט א צובראָכען הארץ און טיעף נשמה'דיגער ריינקייט צעוויינט ער זיך פאר'ן בורא עולם —

ל א   ב ח ס ד   ו ל א   ב מ ע ש י ם   ב אָ נ ו   ל פ נ י ך ,   כ ד ל י ם   ו כ ר ש י ם   ד פ ק נ ו   ד ל ת י ך . . .

* * *

פארטאָג, ווען נאַטור און מענש זענען פארזונקען אין שלאָף, די אַטמאָספערע אינדרויסען איז א פאר'כשופ'טע, א פארגליווערט שטילע, קאַלטע און ציטערדיגע, די לעצטע בלישטשענדיגע שטערען אין הימעל פארשווינדען אייניציגוויז, בלויז דער מאָר־גענשטערען פינקעלט, בליאַסקעט מיסטעריעז, לייכט און לעשט זיך סודות'דיג, דערצעהלט מיט זיין ליכטיג ברמיזה'דיג אויג, פון גע־היימניספולע פארבאָרגענע עולמות, פון שוועבענדע ווייסע מלאכים און געטליך הימלישע געשטאַלטען — דאַמאָלט איז די צייט, ווען דער מענש פיהלט זיך נאָהנט צום בורא, דערפיהלט זיין געטליכע נשמה, דעם חלק אלקי ממעל, די נשמה יתירה, זיין מוח איז לויטער

קלאָר, זיינע רעיונות ריין און הייליג, דאַן איז דער פּאַסיגסטער מאָ־מענט פון גייסטיגער דערהויבענקייט, פון פילאָזאָפיש זיך פאַר־טראַכטען, ווארפען א בליק צום הימעל, אריינטראַכטען זיך אין דעם געהיימניספולען אוניווערז, אויסטאָן זיך פון די ערדישע חומר׳דיגע תאוות, דערהויבען זיך צו א מעגליכער מדרגה פון התפשטות הגשמיות, פון אַבסטראַקט נאָכדענקען און דאדורך דערמאָנען זיך, אז מיר זענען ברואים וואָס האָבען אָן אַנהויב און א סוף.

אין אַזא אויסעראָרדענטליכען ערהאבענעם מאָמענט, פאַרטאָג, ווען נאַכט פון טאָג שיידט זיך, לויפט דער איד שנעל אין שוהל אריין אויסצוגיסען זיין הארץ פארן באשעפער אין הימעל, דאָרט קריגט זיין נשמה א תיקון, ער זאָגט סליחות, מיט אימה און פאַרכט ווענדעט ער זיינע אויגען צום הימעל און מיט העכסט רעליגיעזען פּאַטאָס שרייט ער אויס: „שחר קמתי להודות!”...

מיט׳ן אָנפאנג פון די ערשטע סליחות, די לעצטע עטליכע טעג פון דאָס פארגאנגענע יאָהר, געציילטע טעג צום יום איום ונורא, קומט דער איד יעדען פרימאָרגען אין שוהל אריין, מאַכען זיין באלאַנס פון מעשים, בעטען דעם אל מלך יושב, ער זאָל איהם. שענקען א ניי־יאָהר, ראשית־כל, אנערקענט דער איד זיין אייגענע נישטיג־קייט, זיין קערפּערליכע ווערטלאָזיגקייט, אז זיין גאנצער עקזיסטענץ הויבט זיך אָן פון עפר און ענדיגט זיך מיט עפר, און מיט א צע־בראָכענעם געמיט איז דער איד זיך מתודה פארן הימלישען באַ־שעפער —

הנשמה לך, והגוף שלך, חוסה על עמלך! . . .

* * *

באשמורת־הבוקר, ווען דאָס פולסירענדע שטורמיש לעבען ליגט מיעד, מיט בהרחבה׳דיג אויסגעשפרייטער רוהיגקייט פארטיעפט אין דרימעל, כמעט יעדע מענשליכע ארבייטענדע אקטיוויטעט איז אָפּ־געשטעלט, דער גערויש, דאָס קלאַפּען און טומעל פון גאַס ליגט אין פארגליווערטער שטילקייט, מיליאָנען מענשען ליגען אין זייערע בעטען, רוהען זיך אויס פון זייערע טאָגיגע ארבייטען, בלויז דאָס קרייען פון האָן הערט זיך פונדערווייטענס, וואָס וועקט די שלאָ־

פענדיגע פון זייער פארזונקענעם שלאף — פיהלט זיך דאמאלט דער מענש דערנעהענטערט צום וועלט־באשעפער, עס פארשווינדט, דאכט זיך אוים, די ווייטקייט און הויכקייט צווישען מענש און באשעפער, דעם מענשענס קול, זיין געשריי, הערט זיך ווייט, קלינגט אפ ווי אן עכא פון ווייטע עולמות, די נאטור איז צארט און ליעבליך, דער־וואכט דאמאלט ביים מענשען דאס געטליכע, דאס נשמה'דיגע, די נפש אלוקית, עפענט זיך ביי איהם דער פארבארגענער קוואל פון אינערליכער ליעבע צום אלמעכטיגען, דערפיהלט ער ברמ"ח איבריו דעם „ואהבת את ד' אלוקיך בכל לבבך ובכל נפשך", דריקען און פרעסען איהם די אינערליכע כוחות, וועלכע זיינען אנגעפילט מיט רעליגיעזען עקסטאז אויסצוזינגען א שבח והודיה צום וועלט באשעפער, לויפט דער איד פארטאג אין שוהל אריין אויסצו־דריקען זיינע הייסע אינערליכע לעבענס געפיהלען צום האר פון דער וועלט —

באשמורת הבוקר קראתיך אל מהולל!

אונגעוועהנליך, אמת הימלישע דיכטונג ליגט אין די תפילות פון סליחות, יעדע תפילה איז א נשמה'דיגע השתפכות הנפש, ווייל געקראגען האט דער סליחות'דיגער דיכטער זיין פאעטישע באגייסטע־רונג פון ניט אויסערליכען גלאנץ, פון נאטורס רייכע און שיינע פארביגקייט, פון נאטורס וואונדערבארע לאנדשאפטען און אויס־געפורעמטע לעבעדיגע דעקאראציעס, אדער פון דער פיין־קינסטלע־רישער פארם, פון דער הערליכער עסטעטיק, נאר אין דער שטילער חשכות'דיגער פינסטערניש, ווען די נאטור און אלעס ארום איהר איז טויט, ווען די וועלט איז אין זיסען שלאף איינגעהילט, אין דער שטילער סודות'דיגער נאכט, האט דעם דיכטער'ס נשמה דאס געטליכע אין איהם אויפגעלעבט, און פון גרוים הימלישע התפעלות, האט ער א תפילה צום רעגירער פון דער וועלט אויסגעזונגען.

פילט מען דערפאר אין די סליחות'דיגע תפילות, נאכטיגער עלענד, פארוואגעלטער מדבר'דיגער יאמער, הילפלאזער צער, רירענ־דען געוויין, רחמים'דיגען געבעט, הערט זיך אין די סליחות'דיגע דיכטונג אזא רחמנות'דיגע אימה'דיגע ביטערניש, אזא הארצריי־סענדער זיפצען און קרעכצען, אז די הימלישע שטערען און מזלות, גערירט פון דיכטערס צעוויטאגטער, צער'פולער נשמה, פון זיין

אינערליך טיעפען אויסגוס, פון רנה ותפילה, צום האר פון דער וועלט, פון זיין קינדעריש שטארק רחמים ותחנונים׳דיגען געבעט צום פאטער פון הימעל, אז זיי זיינען זיך מצטרף מיט׳ן דיכטער, העלפען איהם זינגען און לויבען, וויינען און קלאגען און בעטען צום וועלט באשעפער —

שכל הבוכה בלילה, כוכבים ומזלות בוכים עמו . . .

זיינען דערפאר די סליחות׳דיגע תפילות אנגעזאפט מיט אן אייגענארטיגען שטארק פאעטישען כאראקטער, פארמאגען אין זיך אזא הויך הימלישען אויסדרוק פון ווארט, אזא אונפארגלייכבארע נשמה׳דיגע פארכאפונג, ווייל פון סליחות׳דיגען דיכטער זינגט ניט ארויס זיין ערדישער אינסטינקט, זיין גשמיות׳דיגער געפיל, נאר זיין געטליכער רוח, וועלכער סימבאליזירט דאס אלערהעכסטע און אייביג־סטע און ניט צו דער שיינער נאטור זינגט דער דיכטער, נאר צו איהר שעפער, צו גאט —

שפכי כמים לבך נוכח פני ד׳.

* * *

מיט די ווערטער „קומי רוני בלילה״ האט דער גרויסער פאע־טישער מקונן ירמיהו, אמ׳בולט׳סטען כאראקטעריזירט די צעוויי־טאגטע יסורים׳דיגע אידישע נשמה.

די מורא׳דיגע טראגעדיע פון אידישען פאלקס־לעבען אין גלות איז וואס אפילו אונזער געזאנג, אונזער פאעזיע און דיכטונג, אונזער שמחה׳דיגע נגינה און שירי־העם, הערט זיך אין דעם די אינ־סטינקטיווע מרה־שחורה, מעלאנכאלישע טרויער, יסורים׳דיגע זיפצען, ביינאכטיגער שרעק און חושכ׳דיגע אימה . . .

גרויס איז אבער דער כוח פון א פאלק, וואס קען זינגען אין דער צייט, ווען שונאים האלטען אונאויפהערליך אין פייניגען און מאטערען זיין קערפער מיט אכזריות׳דיגע אינקוויזיטארישע בלי־משחית און דער גאנצער גוף איז באדעקט מיט אייטערדיגע צובלו־טיגטע וואונדען.

אייזען שטארק איז דער כוח פון א פאלק, וואס קען אויפ־שטעהן ביינאכט מיט אויסערגעוועהנליכער פרייד, מיט נשמה׳דיגע

שמחה, מיט אן אמת'דיג לויטער חדוה'דיג הארץ, זינגען, לויבען, און דאנקען זיין באשעפער, זיין גאט, ווען די גאנצע וועלט, דאס לעבען, איז פארן פאלק אונערטרעגליך, פארביטערט, פארגאלט, מיט שרעקליך געדיכטער פינסטערניש איינגעהילט.

איבערנאטירליכע פארבארגענע גבורה, מוז דאס פאלק אין זיך פארמאגען, ביכולת צו זיין - אין אזא עת־צרה'דיגען מאמענט, מוטיג אויפצוהויבען דעם קאפ צום הימעל, קוקען אין דער טיעפער פינסטערניש, אויסצוזינגען זיינע צרות, יסורים, גזירות, רדיפות, גרושים און שחיטות — אזא מעכטיגער הימלישער געזאנג פון א פאלק מוז די פינסטערע וואלקענס און די נאכטיגע שאטענס שפאלטען!

די צייט מוז קומען, ווען דער הימעל וועט ווערען קלאר, וואלקענלאז, די שווארצע שאטענס וועלען פארשווינדען, די פינסטערע נאכט וועט פארגעהן, דער מארגענשטערען וועט זיך אויסלעשען, דער ליכטיגער פרימארגען וועט אויפברעכען, דער שמאלער פאס פון ליכטיגקייט וואס שיינט פון מזרח, וועט דורך דעם מעכטיג, מוטיג, עקשנות'דיגען געזאנג פון די קינדער, פון געפלאגטען, דערנידעריגטען פאלק, אויסגעברייטערט און פארגרעסערט ווערען. ליכטיג אין איהר פולער פראכט און גלאנץ, וועט די מזרח'דיגע זון פאר דאס פאלק אויפשיינען, און דער לשמוע אל הרנה ואל התפלה, וועט פארוואנדעלט ווערען אין א פריידיג מעכטיג טריאומפאלען געזאנג צום אלמעכטיגען פון אלע פעלקער, פון דער גאנצער מענשהייט, אין דער וועלט, אויסצוזינגען א דאנק־ליעד צום באשעפער פון דער וועלט צו דעם גאט פון ישראל — ממזרח שמש עד מבואו מהלל שם ה' !!!

# ימים נוראים

הונדערטער יאָהרען שוין, זייט פילאָזאָפען און געלערנטע באַשעפטיגען זיך מיט דעם נאָך ביז איצט אומגעלעזטען פּראָבלעם — וואָס איז דער אונטערשיעד פון דאָס אידישע פאָלק, לגבי אנדערע פעלקער אויף דער וועלט?

אז אזא אונטערשיעד, אזא חילוק, עקזיסטירט ווירקליך, באַשטעטיגען אלע — פריינד און אפילו פיינד.

די ערשטע דערקלערען דעם אונטערשיעד, מיט די אויסערגעוועהנליכע מעלות אונזערע, זיי שעצען און אכטען אונזערע גרויסע גייסטער, אונזערע נביאים, אונזערע חכמים, וועלכע האָבען געפריידיגט הומאַניטעט, מענשען ליעבע, און די פארברידערונג פון דער גאנצער מענשהייט. זיי לויבען ביז אונטערען הימעל אונזער תורה, אונזערע חוקים ומשפטים, אונזער מאָראַל איבערהויפּט וואָס מיר האָבען די מענשהייט געגעבען דעם געדאנק פון אחדות־הבורא, פון מאָנאָטעאיזם.

דאגעגען די לעצטע מאכען אונז לחלוטין צו קליין געלד, פראָפאַגאנדירען ווייט און ברייט אונזערע חסרונות, אין יעדער וועלט טראַגעדיע, איז דער איד ביי זיי דער שולדיגער, דער קרבן אשם. פון דער גרעסטער ביז דער קלענסטער טראַגישער וועלט געשעהעניש, האָבען זיי א פארטיגע תשובה — די אידען זענען שולדיג. אינסטינקטיוו, פארבאָרגען אין זייערע פארגיפטעטע מוחות שפּירען זיי דאָך, אז עס איז א גרויסער חילוק, א גרויסע דיפערענץ, וואָס איז עד־היום אלגעמיין אומפארשטענדליך, צווישען דעם אידישען פאָלק לגבי אנדערע פעלקער אויף דער וועלט.

מיר פּראָסטע בשר־ודם מענשען, וועלכע זעהן געגענשטאנדען כמו שהם, ווי זיי זיינען אין זייער רעאַליטעט, אָהן חקירות און פילאָזאָפישע אינטערפרעטאציעס, וואָלטען געקאָנט דעם אונטערשיעד, פשוט, איינפאך אויפקלערען, אז א סך איז אָפּהענגיג

ווי אזוי דאָס אידישע פאָלק און אַנדערע פעלקער פייערען זייערע ימים־טובים, ובפרט דאָס אָנקומען פון דאָס ניי יאָהר.

בעת ס'קומט דער אידישער ניי יאָהר—פיער וואָכען פריהער מאכט דער איד הכנות, ער פיהלט אז אויסערגעווענליכע טעג קומען אָן, אַן אומבאוואוסטע נאָגענדע בענקשאפט דערוועקט זיך אין זיין נשמה.

עלף חדשים, פארהאוועט, פאריאָגט, קומט דער צוועלפטער חודש דערפיהלט דער איד, אז דער חודש איז אויסערגעוועהנליך, הייליגער, נשמה'דיגער. א געהיימער כח שטויסט איהם צו באפרייען זיך פון זיין טעגליך פראאזיש לעבען, ארונטערוואַרפען פון זיך זיין חומר'דיגען לבוש, ווערען נשמה'דיגער, אידעאלער, באגרייפען דאָס העכערע, דאָס אבסטראקטע, דאָס ערהאבענע — מאכט א דין וחשבון מיט זיך אליין, האָט חרטה און טוט תשובה אויף די נארישקייטען, אין וועלכע ער איז א גאַנץ יאָהר געווען פארקאָכט, ווי שלעכט ער איז זיך באַגאַנגען מיט זיינע מיט־מענשען, ווי טיראַניש, אכזריות'דיג ער האָט זיי אָפט באהאַנדעלט, ובכלל ווי צושפליטערט מיר זיינען צווישען זיך געזעלשאפטליך און דאָרט וואו אחדות און איינינקייט האָט אונז באדאַרפט פאַר־איינינגען, פארנעמט דאָס פלאַץ צושפּאַלטענקייט, קנאה און שנאה.

קומט דער איד אין זיין ניי־יאָהר, אין שוהל אריין מיט א צוגעגרייט, גערייניגט הארץ, פארגייט זיך אין א געוויין צום אל־מעכטיגען, זיין נשמה שוועבט אין הויכע ווייט אומבאקאנטע עולמות, ער האָט חרטה און טוט תשובה, שלאָגט זיך על חטא און בעט מחילה און סליחה.

פיהלט דער איד ווי זיין הארץ ווערט געלויטערט ריין, גלייך ווי אימיצער וואָלט עס אָפּגעוואשען מיט לויטער קריסטאל וואסער און אָפּגעשווענקט דעם גאַנצען זשאווער און משא שטיינער וואס האָט זיך אָנגעקליבען דאָס גאַנצע יאָהר.

אזוי ארום פייערט דער איד זיין ניי־יאָהר, זיין ראש השנה.

אויף וואָס פאַר אַן אופן פייערען אַנדערע פעלקער זייערע ניי־יאָהרען ? . . .

אויך זיי מאַכען הכנות עטליכע טאָג פריהער, גרייטען צו מכל־המינים, עסענוואַרג, פאַרשיעדענע פארוויילונגען. דאָס גשמיות'־

דיגע, דאָס חומר'דיגע דערוואַכט, וואָס מעהר צופרידענצושטעלען דעם קערפּער, וואָס מעהר צו זעטיגען דעם גוף.

אין'ם טאָג פון ניי־יאָהר טאַנצט מען, מען זינגט, מען טרינקט זיך אָן מיט רויטען וויין, — לויט דעם כאַראַקטער אָדער טעמ־פּעראַמענט פון פאָלק — ס'איז אַ מאָמענט פון זאַטקייט, אַ מאָ־מענט פון אויסערגעוועהנליכע קערפּערליכע פרייד, פון שכרות און נאָך פון אַזעלכעס וואָס איז טיעף דערווידער דעם אידישען פאָלקס־כאַראַקטער און דעם אידישען פאָלקס גייסט!

דאַרף מען זוכען אַ מעהר בולט דייטליכען קאָנטראַסט, אַ גרע־סערען אונטערשיעד, פון דאָס אידישע פאָלק, לגבי אַנדערע פעל־קער? ...

דער אידישער ניי יאָהר איז אַן ערוואַכונג פון דער נשמה, דערוועקט ביי דעם אידען, דעם באַוואוסטזיין פון פּאַרצייאונג און פאַרבעסערונג ניט בלויז פאַר דאָס אינדיווידועלע מענשליכע, נאָר אויך פאַר דאָס אַלגעמיינע געזעלשאַפטליכע, די שטרעבונג פון ויעשו כולם אגודה אחת. די וועלט זאָל זיך פאַראייניגען אין שלום און אחדות, אַנערקענען פאַר אַלעמען איין באַשטימטען געזעץ פון גערעכטיגקייט.

אין געגענטייל, די ניט אידישע ניי יאָהר פייערונגען ווערען געפייערט מיט חדות הנפש און חדות הגוף און זייער שטרע־בונג און צוועק איז צו פאַרזענליכער הערשאַפט און דעספּאָטישער מאַכט.

וואָס איז דער אונטערשיעד צווישען דאָס אידישע פאָלק און אַנדערע פעלקער?

דער אופן ווי זיי פייערען זייערע ניי־יאָהר פייערונגען. דאָ זעהט זיך ארויס דער גאַנצער מהות פון'ם פאָלק.

* * *

אין מזרח און מערב, אין צפון און דרום — אין אַלע ווינ־קעלאַך אויף דער וועלט, שטעהן די זיהן און טעכטער פון דאָס אידישע פאָלק פאַרזאַמעלט אין די שוהלען און בתי מדרשים מיט

אין ערנסטען געפיהל פון פאראנטוואָרטליכקייט, באוועגט פון דאָס אינסטינקטיווע, פון דאָס טיעף מענשליכע, באאיינפלוסט פון גאַנצען חודש אלול און פון סוף חודש — שטעהן זיי אין אָנפאַנג יאָהר, זאָגען די הארציגע נשמה'דיגע תפילות, פארטיעפט אין זיך אליין, אנאליזירען זיי דעם עבר, פאר דעם שיין פון אייגענעם געוויסען, זיינען פאר זיך מתודה אויף אלע זייערע חטאים און עונות, האָבען חרטה אויף דער פארגאַנגענהייט, זיינען גרייט תשובה צו טאָהן, פארלאַנגען פון אלמעכטיגען סליחה ומחילה, און זענען דערפאר מבטיח מיט א טיפען ערנסט, מיט ריינע הערצער, ניט צו ווידערהאָלען דאָס פארגאַנגענע, זיי וועלען זיין בעסער, פארנינפטיגער, מענשליכער און אידעאלער.

א גאַנץ יאָהר געפינט איהר זיי, פארהאָרעוועטע, פאר'דאגה'טע, צוזייעט און צושפרייט אין אלע געזעלשאַפטען. קומען אָבער אָן די ימים נוראים, ציטערט אויף דאָס אידישע הארץ, דאָס אי־דישע נשמה'דיגע קריגט די אויבערמאַכט און צוברעכט די קייטען פון חומריות וואָס שמידט דעם גוף דאָס גאַנצע יאָהר.

מעג ווער זאָגאר זיין אָפגעריסען פון אידישען שורש. קומט דער הייליגער טאָג, דערוואַכט אין איהם דאָס פינטעלע איד, דער־פיהלט ער אז ער איז א מיטגליעד פון דאָס אידישע פאָלק, פון אידישען שטאַם, דערשפירט ער די הייליגקייט און עהרפורכט און א געהיימער רוף, הילכט דאָן אָפּ אין זיין אידיש הארץ און צווינגט איהם איבערגעוואַלד צו באפרייען זיך פון זיין טאָג טעג־ליכען הו־הא לעבען, פון זיין גשמיות און גראָבקייטען זיך צו לייטערען און הייליגען.

מעגען דאָס מאַנכע באַצייכענען פאר שאָוויניזם, אָדער אתה בחרתנו'איזם. אדרבא, קאָנט איהר אָנצייגען אויף נאָך איין פאָלק אין דער וועלט, וועלכעס זאָל אזוי טיעף נשמה'דיג, אזוי הומאַניטאַריש מאָראליש פייערען זיינע ימים טובים?

ווייסט ווער, וועלכער געהיימער כוח, וועלכע פארבאָרגענע קראַפט, די ימים נוראים באזיצען, וואָס איז ביכולת צוזאַמען צו־ברענגען די אלע אָפגעריסענע, פארפרעמדטע אידען צו זייער מקור און דרינגט אריין אין די פארבאָרגענסטע ווינקעלאך פון דעם אָפגעריסענעם פון אידישען שורש, עלעקטריזירט זיין נשמה

און ווארפט ארויף א מעלאנכאליע אפילו אויף דעם וואס די אידישע תורה איז איהם לחלוטין פרעמד?

אט דער כוח, די געהיימע קראפט, די וואונדערבארע מע־לאדיען פון די תפילות איז א דערוואכונג פון העכערען מענשלי־כען באוואוסטזיין צו א רעכטפארטיגען און בעסערען לעבן. עס איז די דערוואכונג פון דער נשמה, צו אן אמת׳ן חשבון הנפש, אויב דאס פארגאנגענע יאהר האט מען ניט פארשוועדט אויף קליינ־ליכע צילען און אבסורדישע שטרעבונגען, דאס איז אן אויפ־שטייג צו העכערעס, גייסטיגעס, אבסטראקטעס, און דערהויפט צו דערנעהענטערן דאס מענשליכע באוואוסטזיין צום ווירקליכען מקור החיים.

# תכלה שנה וקללותיה, תחל שנה וברכותיה

ווידער איז א יאָהר פארשוואונדען, א יאָהר אוועק. שטעהן מיר ווידער אויפ'ן שוועל פון א ניי יאָהר. ווידער באַגעגענען מיר דאָס נייע יאָהר, פונקט ווי דאָס פארגאַנגענע, פון פאראיאָהרען, פאר צעהן יאָהרען, ווידערהאָלען מיר ווידער דיזעלבע אוראַלטע טראַדיציאָנעלע ברכה פון אונזערע עלטערען און אור־עלטערען, וואָס האָבען מיט האָפנונג אין זייערע יום־טוב'דיגע הערצער, יאָהר איין, יאָהר אויס, פון זייער געבורט ביז זייער טויט, געוואונשען און געהאָפט — תכלה שנה וקללותיה, תחל שנה וברכותיה.

געהן יאָהרען און קומען, זיינען די קללות, חרמות, יסורים, נגישות, גזירות און פארפאָלגונגען ניט ווייניגער געוואָרען. אין געגענטייל, יעדער יאָהר ברענגט אונז נייע קללות, נייע פארפאָלגונגען, נייע גזירות־רעות, נייע גרויזאַמע גרוילטאַטען, גרויליגע אינקוויזיציע, ברוטאַלע ווילדע שנאה, — ואין לך יום שאין קללתו מרובה משל חברו.

צוויי באַזונדערע, פאַרשיידענע נעמען ווערט אונזער נייער יאָהר גערופען — ראש־השנה און יום־הזכרון.

דער ערשטער נאָמען, ראש־השנה, דערוועקט ביים אידען דעם געפיהל פון יום טוב, פון שמחה, פון הנאה'דיגער פרייד, פון א טאָג שכולו־טוב, פון גייסטיגע און קערפערליכע מנוחה, ווען דער איד טהוט אויס זיין וואָכעדיגען לבוש, פארגעסט זיינע טעגליכע דאגות, זיינע פערזענליכע ליידען און אויך צרות הכלל, זיין נשמה שוועבט און זעטיגט זיך אין די הויכע הימלישע ספערען, אין א וועלט פול מיט האָפנונג, אין א וועלט פון אונבאַגרעניצטער שמחה, הימלישע נשמה'דיגע חדוה.

א ניי יאָהר קומט, א יאָהר פון פרייד, א יאָהר פון ברכה. דאָס אַלטע שלעכטע יאָהר איז אוועק אין דער אייביגקייט אין חשבון פון די יאָהרען מששת ימי בראשית. אוועק זיינען די צרות, דאגות, יסורים, פארשוואונדען איז די טונקעלקייט, שווארצקייט, גרויקייט. א גרינגקייט, א דערלייכטערונג דערפיהלט דער איד אויפ׳ן הארצען. ער אָטעמט פרייער אָפּ, פּטור געוואָרען, איבערגעקומען דאָס שלעכטע יאָהר — דאָס ניי יאָהר גע׳טובל׳ט אין די געטליכע לויטערקייט, ריין פון שלעכטס, ווי א נייע געבאָרען קינד, הימליש ווי א מלאך, וועט בודאי זיין בעסער, פרייער, גליקליכער, צופרידענער, פאר׳ן יחיד און פאר׳ן כלל ישראל און ווי אַן אָדלער, וואָס דערהויבט זיך פון דער ערד, פליהט נעהנטער צו די הימלען, אזוי דערהויבט דער יום טוב ראש־השנה, דעם איד׳ס נשמה פון דאָס ערדישע, גשמיות׳דיגע, חומר׳דיגע און לאָזט זיך שוועבען העכער, אבסטראקטער, יום־טוב׳דיגער.

דאגעגען, דער צווייטער נאָמען פון אונזער ניי יאָהר — יום הזכרון, איז היפּוכ׳דיג, דאָס פארקערטע, א גוואלדיג גרויסער קאָנטראסט, פון ערשטען יום־טוב׳דיגען נאָמען.

יום־הזכרון — דער טאָג פון געדענקונג, דערמאָנט דעם אידען, דערלאָזט איהם ניט פארגעסען זיינע צרות, דאגות, זיין איבערגעפילט שווער פארביטערט הארץ, זיין צעוויטאָגטע נשמה, די קערפּערליכע מאטערענדיגע וואונדען, די רדיפות פארפאָלגונגען, דערנידעריגונגען, דעם פינסטערען עמק־הבכה, וואָס ער האָט דאָס פארגאַנגענע יאָהר אַלס מענש ובכלל אַלס איד דורכגעמאכט און פיינליך געליטען, זיין נשמה ווערט צעריסען, אָנגעפילט מיט שרעק, און אומבאוואוסטע אימה, מורא׳דיגער פּחד, טליעט אינסטינקטיוו אין אידענס הארץ.

א ניי יאָהר קומט, ווער ווייסט, צו דאָס ניי יאָהר, וועט זיין בעסער, צופרידענער, גליקליכער, ווי דאָס פארגאַנגענע. וואָס פאר אַן אויסערגעוועהנליכע שטורמדיגע טעג ס׳קומען, צו וועלען די בייזע גיפטיגע ווינטען נעגען אונז אויפהערען בלאָזען, וועט די וועלט, וואָס האָט דאָס לעצטע יאָהר זיך צוקאָכט, צושטורמט, צוברענט, מיט א העליש פייער אונז צו פארניכטען, עוקר מן

השורש צו זיין, אויפ'ן נייעם יאָהר זיך אָפּקיהלען. וועלען די חיות אין מענשען געשטאַלט, ווערען לייטישער, מענשליכער, איידעלער, הומאַניטארער, ובכלל וועד ווייסט? — זאָל דאָס צו־קונפטיגע יאָהר, חלילה, אמאָהל ניט ערגער זיין ווי דאָס פאַרגאַנ־גענע, ווער קאָן דאָס פאַראויסזאָגען?

מוטשען די אומעטיגע, מורא'דיג פינסטערע רעיונות אין אידענס מוח, ציטערט דער איד, בעת ער דערמאָנט זיך אינ'ם יום־הזכרון, אורטיילענדיג נאָך די שלעכטע מעשים פונ'ם אלטען יאָהר, איז דער איד מקבל־פנים דאָס ניי יאָהר, מיט קרעכצען, זיפצען, טרעהרען, ער שרעקט זיך פאַר דאָס ניי־יאָהר, — ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ צרות דאָס נייע יאָהר וועט מיט זיך ברענ־גען?...

בעת דער ערשטער נאָמען פון אונזער נייעם יאָהר — ראש־השנה, איז באַדייטענד פאַרשפּרעכענד, בטחונ'דיג, יום־טוב'דיג, מאַכט אונז האָפען אז תחל שנה וברכותיה, דערמאָנט אונז דער צווייטער נאָמען, דער יום־הזכרון, אז דאָס יאָהר איז פאַרשוואונ־דען. די באַשטימטע צוועלף חדשים פון דאָס פאַרגאַנגענע יאָהר זיינען אוועק, שבקו חיים לכל חי, והלכו לעולמן אין דער איי־בינקייט. אָבער די קללות, די ווילדע מעשים תעתועים, די שווי־דערליכע בלוטיגע טהאטען געגען אונז פון דאָס פאַרשוואונדענע יאָהר האָבען ניט אויפגעהערט, זיי ווערען אכזריות'דיג, גרויזאַם, בעסטיאַליש פאָרטגעזעצט.

ראש־השנה — בלויז ביי איין קליין פאָלק צווישען די פעל־קער, בלויז ביי איין קליינער מינאָריטעט מענשען פון דער אל־וועלטליכער מענשהייט, איז דער היינטיגער טאָג, לויט זייער חשבון, דער אָנפאַנג פון יאָהר.

בלויז איין פאָלק אויף דער וועלט, דאָס אידישע, איז מקבל־פנים זיין ניי־יאָהר — מיט זיפצען, טרעהרען און געוויינען. די אַנדערע פעלקער, די ניט אידישע וועלט, ציילט די יאָהרען, חדשים, אַנדערש, פייערען זייער ניי יאָהר אַנדערש און זיי ווייסען לגמרי ניט, האָבען ניט קיין השגה, קענען פשוט ניט משיג זיין, דעם אידישען ראש־השנה.

אין דער ניט אידישער וועלט, רופט אַרוים דער אויפטריט

פון א ניי יאָהר — פרייד, גרויס שמחה. מ׳באגעגענט דאָס ניי יאָהר, מיט פויקען, טענץ און שכרות, ווי מ׳וואָלט אנטקעגענ־געגאנגען א הירא, א העלד, א דערלייזער, וואָס ברייגגט מיט זיך גליק הילף און דערלייזונג פאַר דער מענשהייט.

מיר אָבער באגעגענען אונזער ניי יאָהר מיט טרויער און שרעק, מיט טרערען, קרעכצען און יללות.

אָבוואָהל אין אונזער לעבען אינ׳ם חושכ׳דיגען גלות, אלס באזונדערע אומה, מיט באזונדערע מנהגים, מיט אונזער באַ־זונדער נאציאָנאל רעליגיעז לעבען, עקזיסטירען מיר אויף דער וועלט, א דאנק אונזער שטאַרקען אָפּטימיזם, ווייל מיר זיינען גרויסע בעלי־בטחון, מיר ווערען ניט אנטמוטיגט, מיר פאלען ביי זיך ניט ארונטער. אין יעדען קאמף געגען אונז, זיינען מיר כמעט תמיד זיכער מיט א זיג, מיט א נצחון, איבער אונזער שונא, ווי שטאַרק דער שונא אונזערער זאָל ניט זיין, ווי גרוי־זאַם, בעסטיאַליש, גאליג, ער זאָל אונז אטאקירען, זיינען מיר כמעט אימער זיכער, אז מיר וועלען דעם שונא איבערלעבען, ווייל אזוי האָט אונז די געשיכטע שוין ניט איינמאָל באוויזען און איבערצייגט. דאָס גיט אונז מוט אין אונזער קאַמף, מיר זיינען אָפּטימיסטיש, מיר דערווארטען אונזער אויסדערוועהלטען משיח אף על פי שיתמהמה — פונדעסטוועגען האָפען מיר יעדען טאָג אז אונזער גואל, אונזער דערלייזער, וועט קומען.

בעת אָבער דאָס אָנקומען פון אונזער ניי יאָהר, זיינען מיר זיך ניט סומך אויף אונזער שטאַרקען אָפּטימיזם, אויף אונזער שטאַרקען פאָלקס בטחון, צו דאָס אָנקומען פון אונזער ניי יאָהר באציהען מיר זיך סקעפּטיש, מיט אינערליכען שרעק, מיט אומ־רוהיגקייט, מיט ציטער און פחד, ווייל די דערפאַרונגען פון יאָה־רען האָבען אונז געמאכט פאַר סקעפּטיקער.

יעדער אוועקגעהענדיג יאָהר, באַגלייטען מיר מיט דער האָפ־נונג, אז דאָס ניי יאָהר וועט זיין די התחלה פון א נייער יושר׳־דיג, רוהיג, געבענשט יאָהר, תחל שנה וברכותיה, — האָבען אָבער דאָס רוב, די פאַרגאנגענע יאָהרען אונז אזוי ביטער אנטוישט, אז די אידישע צרות, פּאָגראָמען, פאַרפאָלגונגען, דערנידעריגונגען האָ־בען זיך נאָך מעהר פאַרשטאַרקט, אז מיר גלויבען מעהר ניט, אז

דאָס נייע יאָהר וועט זיין בעסער, ליכטיגער, און גערעכטער צו אונז.

ווען מיר דערמאָנען זיך וואָס מיר האָבען דורכגעלעבט אינ'ם פאַרגאַנגענעם יאָהר, און אַז מיר ציהען זיך אריין אינ'ם נייעם יאָהר, אונטער די זעלבע געפאַהרען, די זעלבע רשעות, אַז די אַלע ביטערנישען בחנמ'דיגע שנאה, וואַנדאַליסטיש אכזריות'דיגע באַציהונגען לגבי אונז האַלט ווילדער, אייפערדיגער, און גרויזאַמער אין פאַרטגעזעצט ווערען, רייסט זיך אַרויס אַ פאַרשטיקטער זיפץ און אַ צעווייטיגטער קרעכץ פון דער טיפעניש פון אונזערע הערצער און אונזער גוף ווערט מורא'דיג שוידערדיג אויפגעציטערט.

ווייל וואָס מ'שטיינס געזאָגט, פאַר אַ נייע יאָהר פון מנוחה, יושר, גלייכהייט, קענען מיר דערוואַרטען, ווען מיר ציהען זיך אריין אינ'ם נייעם יאָהר צוזאַמען מיט'ן ווילדעסטען באַרבאַר פונ'ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, היטלער ימח שמו, מיט זיינע סאַדיסטיש קאַניבאַליסטישע בלוט־הינט און מיט אזעלכע פינסטערע מיטעלאַלטערליכע יודאָפאָבישע ווילדע שונאי ישראל, ווי די פוילישע ענדעקעס, רומענישע קוזיסטען, שווארצער לעגיאָן, שווארצע, ברוינע, זילבערנע, העמדעלדיגע ניפּטיגע אנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זייער איינציגער ציעל און אָנשטרענגונג באַשטעהט, צו פאַרפאָלגען, דערנידעריגען, אָנפיהרען אַ סיסטעמאַטישען אויסראָטונגס קאַמף געגען אונז, מאַכען אונזער לעבען אונערטרעגליך, פאַריאָגען אונז פון עפענטליכען סאָציאַלען עקאָנאָמישען לעבען און רודפ'ן אונז עד־חרמה.

מאַכענדיג אַ קורצען סך־הכל, וואָס מיר אידען האָבען במשך די פאַרגאַנגענע דריי יאָהרען, זינט אשמדאי היטלער, ימח שמו, איז געוואָרען דער פיהרער, ניט בלויז פונ'ם „קולטורעלען" דייטשלאַנד, ווייל ער איז איינציייטיג אויך דער פיהרער פונ'ם איצטיגען ווילדעסטען, שוידערהאַפטעסטען אַלוועלטליכען אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז אין געוויסע פּרטים פאַרגלייכבאַר צו דער פאַרשאָלטענער טיוואָלאַנישער שפּאַנישער אינקוויזיציע, שאַצענדיג לויט דער פאַרגאַנגענהייט, לגבי אַנדערע שלעכטע יאָהרען, וועלען די פאַרגאַנגענע דריי יאָהרען פאַרשריבען ווערען אין דער אידישער געשיכטע אַלס די שווארצעסטע, בלוטיג פינסטערע, זינט נאָכ'ן חורבן בית־שני.

אין די לעצטע דריי יאָהר, זינט היטלער איז געקומען צו דער מאכט אין דייטשלאנד און ער האָט זיך געקרוינט פאר'ן מאָדערנעם המן, האָט אנטיסעמיטיזם, ברוטאלע אידען שנאה, געמאכט פאר א טייל פונ'ם אָפיציעלען רעגירונגס פראָגראם, האָט כמעט די גאנצע ציוויליזירטע וועלט זיך א קער געטאָן צו היטלער'ן, צוריק צום מיטעלאלטער, צוריק צום בארבאריזם, צו ברוטאליטעט. מיט איינמאָהל האָט דערוואכט דער גאנצער פינסטערער ווילדער אנטי־סעמיטיזם פון פרעה'ס און המנ'ס צייטען. א ווילדער מבול פון שנאה, טייוולאָנישער האס, בייזוויליגע בלבולים, שענדליכע גרויליכע פארפאָלגונגען, האָבען די פארגאנגענע דריי יאָהרען געבראכט אויף אונזערע קעפ און ניט בלויז אויף דער ערד, האָט די הייסע לאווערדיגע שנאה אויף אונזערע קעפ זיך אויסגעגאָסען, נאָר אפילו אין דער לופט, צווישען הימעל און ערד, די אטמאָספערע איז סם־המות'דיג, מיט גיפטיגע אויסראָטונגס שנאה פאר אונז אידען פארפינסטערט געוואָרען, און אומזיסט זענען געוועזען אונזערע געשרייען, אונזערע פראָטעסטען, אונזערע אפילן, אונזערע הילפלאָזע רופען נאָך הילף, נאָך ליכט!...

זאָגען מיר אין איינער פון אונזערע ראש־השנה'דיגע תפילות — „וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון”, אז באמת דארפען אלע פעלקער, די גאנצע מענשהייט, אין דעם טאָג, אין אידישען ראש־השנה, באשטימען דעם טאָג פאר חשבון, וואָס דאָס פארגאנגענע יאָהר האָט זיי געבראכט, ווייל אויך זיי ווערען דעם טאָג געמשפט, געאורטיילט, — אָבער ווי אנדערש איז דער חשבון, דער באלאנס אונזערער, לגבי דעם סך־הכל פון אנדערע פעלקער?

בעת מאנכע פעלקער פאררעכענען דאָס פארגאנגענע יאָהר פאר א שלעכט קריטיש יאָהר אויפ'ן עקאָנאָמישען און אינדוסטריעלען געביט, פאר א יאָהר פון ארבייטסלאָזיגקייט, און שרעק פאר דער צוקונפטיגער מלחמה, האָבען מיר צו פארצייכענען דאָס פארגאנגענע יאָהר, דאָס ביטערסטע שוידערליכסטע אין אונזער לאנגער מארטירער געשיכטע, ווען א גרויסער טייל פון דער ניט־אידישער וועלט האָבען אונז אָפען דערקלערט מלחמה.

ווי קענען מיר פייערען דאָס אָנקומען פון אונזער ראש־השנה, מיט פרייד, מיט שמחה, מיט צופרידענע יום־טוב'דיגע

הערצער, אז דער צווייטער נאָמען פון אונזער ניי יאָהר, יום הזכרון, דער טאָג פון עראינערונג, דערמאָנט אונז אין די עבר'דיגע טעג פון יאָהר וואָס מיר אידען האָבען, בכל מקום שהם, דורכ־געלעבט און געליטען, אז יעדער טאָג אין יאָהר איז דעם צוויי־טען טאָג איבערגעשטיגען מיט זיין שווארצקייט, פינסטערקייט, גרויליגער שנאה און בלוטיגע רדיפות.

ווי אזוי קענען מיר זיך פיהלען יום־טוב'דיג, ווי אזוי קענען מיר זיין פרעהליך, ווי אזוי קענען מיר זיך זעצען, מיט אונזער בני־בית ביי געגרייטע טישען מיט כל טוב און פייערען אונזער ניי יאָהר, אז אינ'ם מאָמענט, ווען מיר פריוויליגירטע, מזל'דיגע, שטעהן היינט אין די פרעכטיגע שעהנע שוהלען אונזערע, צייט־ווייליג פרייע, אָהן שרעק און אימה פאר'ן מחוץ תשכל חרב, מיר ווייגען, קלאָגען, בעטען ביים אלמעכטיגען — מי באש, ומי במים, מי בחרב, מי ברעב, ומי בצמא — תפלה'דיגע ווערטער, וואָס בלויז אונזער מויל רעדט, מאַכט דאָס אויפציטערען אונזער גוף, טרערען אונזערע אויגען און אין דערזעלבער צייט, קלינגט אין אונזערע אויערען דער קול שועת בת עמי מארץ מרחקים! פון אונזערע גע'רודפ'טע, דערשלאָגענע, דערנידריגטע און באַ־שפיגענע אידישע ברידער, אין דייטשען גיהנם, אזוי ווי פון אונזערע אויסגעהונגערטע, אויסגעצערטע, פאר'חלש'טע, הילפלאָזע ברידער אין פוילען, ליטא און סאָוויעט רוסלאנד.

נאָר איין טרייסט אינ'ם כוס פון אונזער פאר'חושכ'ט גלות לעבען האָבען מיר — ווי לאַנג מ'שלאָגט אונז, מ'פייניגט אונז, און מיר פיהלען די קלעפּ, מיר פיהלען די יסורים, מיר געדענקען די טרויעריגע טעג, מיר האָבען א יום־הזכרון וואָס דערמאָנט אונז, די פארגאַנגענע טעג פון אונזערע צרות, לײדען, ענוים, פון אונ־זערע בלוטיגע וואונדען און צעקאַטעוועטען פאָלקס־קערפּער — איז דאָס א סימן, אז מיר האָבען אין זיך לעבען, אז מיר לעבען און מיר האָבען א קאָפּ, מיט א זכרון דאָס צו געדענקען.

און א לעבעדיגער מענש, א לעבעדיג פאָלק, האָט האָפנונג, ובפרט דאָס אידישע פאָלק, וועמעס גאַנצער קיום האומה אין גלות איז באַזירט אויף האָפנונג און מיט די זעלבע לעבעדיגע אוראַלטע טראַדיציאָנעלע ברכות פון אונזערע אורעלטערען, פון דורות,

באַגעגענען מיר אונזער היינטיגען ניי יאָהר מיט דער האַרציגער תפלה, עס זאָל שוין ענדליך אַמאָל קומען אַ סוף צו אונזערע צרות און ליידען, פּרעניות און יסורים — און עס זאָל ענדליך אַמאָל מקוים ווערען אונזער וואונש:

תכלה שנה וקללותיה, תחל שנה וברכותיה!

# ערב יום כפור אין דער אַלטער היים

ערב יום כפור האָט דער טאַטע אונז אויפגעוועקט, ווי יעדען טאָג צו סליחות, בעלות־השחר, מיר זאָלען אויפשטעהן, שלאָגען כפרות.

דער טאַטע, נאָר וואָס קומענדיג פון מקוה, איז געשטאַנען א נאַסער, אַן אויסגעצוואָגענער, אָנגעטאָהן די בגדי שבת, האָט אין איין האַנט געהאַלטען א ווייסען האָהן, האָט אינגאַנצען גע־ציטערט, מיט גרויס דבקות איז ער געשטאַנען, איבער׳ן דיקען ר׳ יעקב עמדין׳ס סידור, געשאָקעלט זיך, געזאָגט א תפלה בלחש, פאר כפרות שלאָגען.

נאָך כפרות שלאָגען, איז דער טאַטע בכבודו ובעצמו, אוועק צום שוחט, דאָרטען האָבען מיר געטראָפען, די חשוב׳סטע בעלי־בתים פון שטאָדט, שטעהן מיט ווייסע כפרות אין די הענט, גרייט צו דערלאַנגען דעם שוחט, ער זאָל זיי שעכטען. דער שוחט איז געשטאַנען נאָהנט צום טיש לאָמפּ, פאַרטיעפט אין שאַרפען א קליין עופות חלפ׳ל. א טויטע שטילקייט האָט געהערשט ביים שוחט אין שטוב, קיינער פון די בעלי־בתים, האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, יעדער איז געשטאַנען, מיט דער כפרה אין האַנט, פאַרטיעפט אין זיך, פאַרזונקען אין אייגענע מחשבות, א רחמנות געפיהל צום אומשולדיגען עוף, וואָס דאַרף מכפר זיין, פאר די עברות, וואָס מענשען זיינען דאָס גאַנצע יאָהר באַ־גאַנגען, איז געווען צו מערקען אויף אַלעמענס געזיכטער. אויף די צוקרימטע פאַרטרויערטע פנים׳ער איז געווען קענטיג, אז ממש אַלע פיהלען דעם צער, פון אומשולדיגען עוף, וואָס איז פאַראורטיילט צום שעכטען.

— נו, — האָט משה׳קע שוחט, פלוצלונג איבעררייסענדיג די פיינליכע שטילקייט זיך געווענדעט צו די אַנוועזענדע — איך בין גרייט!

שטיל, ווי אבלים, טריט ביי טריט, זיינען די בעלי־בתים נאָכגעגאַנגען דעם שמש, וואָס האָט באַגלייט דעם שוחט, מיט אַ גרויסע בלעכענע לאָמטערנע אין האַנט מיט צוויי גרויסע חלב׳נע ליכט אינעווייניג, יעדער באַזונדער האָט דערלאַנגט דעם שוחט די כפרה, אַלעמען האָט דער שוחט מכבד געווען מיט כסוי־הדם פון דער אייגענער כפרה, זאָל מען האָבען נאָך אַ מצוה. ביים יום־הדין, דאַרף דאָך יעדערער מענש רעכענען זיך צווישען די בינונים, אפשר האָט ער מצוות מיט עברות, גלייך אויף גלייך, וועט די מצוה מכריע זיין.

מיט רחמנות אויגען, אָנשטרענגענדיג זיך אין דער נאָך טי־פער פינסטערניש פון פריה־מאָרגען, האָט יעדער נאָכגעפאָלגט זיין געשאָכטען עוף, וועלכעס איז געלעגען אויף דער ערד, געוואָרפען זיך פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטען און האָבען בשעת־מעשה גע־פיהלט, די וועהטאָגען און יסורים וואָס דאָס עוף האָט אויס־צושטעהן נאָך דער שחיטה. יעדער וואָרף פון געשאָכטענעם עוף, האָט דעם בעל־הבית פון עוף אינגאַנצען אויפגעשווידערט, זיין גאַנצער גוף האָט זיך געטרייסעלט, ער האָט ממש געפיהלט בחוש אַז דער פסק קומט ווירקליך איהם פאר זיינע חטאים און עוונות, ניט דעם אומשולדיגען עוף...

נאָך חצות, ווען די זון האָט אָנגעהויבען פארגעהן נעהענטער צו מערב, מיסטעריעזע שאָטענס האָבען זיך פארשפרייט ארום די הייזער, האָט אַ שטילע אידילישע הייליגקייט, ווי פלוצלונג ארונטערגעפאַלען פון הימעל זיך אויסגעשפרייט איבער׳ן גאַנצען שטעדטעל.

אין גאַס, איז דער וואָכעדיגער טומעל ביסלעכווייז פאר־שוואונדען, די לעצטע קלאַנגען פון שווערע אַרויפגעלייגטע פרענטעס און שלעסער, האָבען אָפּגעקלונגען איבער׳ן שטעדטעל. אידען מיט אויסגעצוואָגענע בערד און פאות, אָנגעטאָהן בגדי שבת, האָבען מיט אונרוהיגע בליקען אין די אויגען, געטראָגען גרויסע סטערין־ליכט און האָבען שנעל געאיילט צו מנחה. פרויען מיט

ווייסע שליפֿען אויף די קעפּ און ווייסע לאַנגע קלײדער, טראַגענדיג עטליכע תחנות אונטער'ן אָרעם זענען מיט גיכע טריט געלאָפֿען אין שוהל.

פֿאר'ן אריינגאנג פֿון שוהל איז געשטאַנען א גרויסער לאַנ־גער הילצערנער טיש, אָנגעשטעלט מיט אַ סך ווייסע בלעכענע כלים, אין יעדער כלי איז געלעגען אַ ווייס שטיק פּאַפּיר, אָנגע־שריבען מיט גרויסע שווארץ־גלאַנציגע סופר'ישע אותיות, וועל־כע האָבען געמאָהנט די אריינגעהענדע מתפּללים אריינצוּוואַרפֿען פֿאַר דעם צוועק. דאָס רוב זענען ארום טיש געזעסען די איי־גענטימער פֿון די קערות, זיי האָבען אויפֿמערקזאַם געמאַכט יעדען נדבן אויף זייער אייגענער קערה און איינצייטיג געהאַלטען שמירה, אז דער שוהל גבאי, זאָל די געלדער פֿון דער אַלגעמיינער קערה צוטיילען גלייך אויף גליך, פֿאַר אַלע קערות אויפֿ'ן טיש.

דער טאָג האָט אָנגעהויבען פֿארגעהן. די מערב שטראַהלען פֿון דער זון האָבען אָנגעשלאָגען זיך אין די שויבען פֿענסטער פֿון דער הויכער מאַסיווער שוהל. דער עולם ארום שוהל האָט אָנגעהויבען פֿארשווינדען, דער טיש פֿון די קערות איז געבליבען שטעהן אַן עלענדער, פֿאַרלאָזטער, איינזאַמער. אַ טויטע שטיל־קייט האָט געהערשט אין די גאַסען, אַלע אין די הייזער זענען גע־ווען באַשעפֿטיגט מיט דער סעודה־המפסקת, בלויז דאָ און דאָר־טען איז געווען צו באַמערקען אַ מענש וואָס איז מיט שנעלע טריט, ווי געיאָגט פֿון אַ געהיימניספֿולער קראַפֿט, אַן אומעטיגער, צובראָכענער און פֿארווײנטער, געלאָפֿען אין איין אָטעם, צו זיינע ברוגז'ע קרובים און פֿריינד, זיי איבערצובעטען און אָנווינשען זיי אַ גוט יאָהר.

פּלוצלונג האָבען זיך אַלע טיהרען פֿון די הייזער געעפֿענט. מענער געקליידעט אין ווייסע קיטלען און ווייסע זאָקען, איינגע־וויקעלטע אין טליתים האָבען גרופּענווייז, ווי די מתים ביי נאַכט וועלכע שלייכען צו דער גרויסער שוהל ארויסגעלאָזט זיך איינ־דרויסען. געהענדיג אויפֿ'ן גאַס, האָט איינער דעם צווייטען דער־לאַנגט די האַנט, זיך אָנגעווינשען, שטיל אָהן ווערטער געוויינט, געווישט מיט די רויטע פֿאַטשיילקעס, די פֿארשטיקטע ניט ארויס־געלאָזטע טרעהרען פֿון די אויגען. אויך פֿרויען געקליידעט איינ־

גאַנצען אין ווייסען, האָבען געהענדיג אין שוהל זיך צוזאַמענ־געטראָפען אין שוהל גאַס, האָבען זיך געוואונשען און הויך אויפ'ן קול יאָמערדיג געוויינט.

פון אַלע זייטען גאַסען, האָבען זיך געהערט געוויינען. דער גאַנג פון די ווייס געקליידעטע מענשען, איז וואָס אַמאָהל גע־וואָרען גרעסער, די געוויינען שטאַרקער. אַן אינסטינקטיווע אימה, וואָס מען איז ניט אומשטאַנד געווען ארויסצורעדען, האָט אַלעמען געשראָקען, געפיהלט האָבען אַלע, אַז די אימה, איז ניט אויס מורא, אַז מענשען זאָלען שלעכטס טאָהן די מענשען, נאָר אַן אימה, וואָס האָט אין די טיפענישען פון דער נשמה, געשראָקען פאַר עפּעס מורא'דיגעס, אויסערגעוועהנליכעס.

אין גאַס איז די אַטמאָספערע געווען אַ שטיקענדע, דער טאָג האָט שוין געהאַלטען ביים סוף, עפּעס אויפרייסענדעס האָט זיך געשפּירט אין דער לופט, דער עולם איז געלאָפען שנעלער — שפּעט! שפּעט! האָט איינער דעם צווייטען, מיט פאַרשטיקטע טרעהרען אין האַלז אונטערגעאיילט. אַלע האָבען זיי געצויגען אין דער גרויסער מאַסיווער אַלט געבויטער שוהל, צו באַשיצען זיך פאַר דער אַנקומענדער געפאַהר, מיט וועלכען די לופט אין דרויסען איז געווען אָנגעפילט, צו באַהאַלטען זיך צווישען די מויערען פון דער שוהל,

די גרויסע שוהל איז געווען פול געפּאַקט. די פייערלעך פון די זיבען גרויסע חלב'נע ליכט, וואָס זיינען געשטאַנען ביים עמוד פאַר'ן בעל־תפילה, מיט די פיעלע קליינע און גרויסע סטערין ליכט, וואָס זענען אין קעסטלעך זאַמד געשטאַנען אויף די טיש־לאַך צושטעלט, האָבען געצאַנקט און געשפּרונגען, אַז עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אָט־אָט געהן זיי אַלע אויס, און אָט ווידער לייכטען זיי העל און ליכטיג, אַ שאַרפען דושנעם ריח האָבען זיי פון זיך ארויסגעגעבען. די אַטמאָספערע אין שוהל, איז גע־ווען אַ שטיקענדע, אידען אין טליתים און קיטלען, זיינען גע־שטאַנען, פאַרוואָרפען מיט די טליתים איבער די קעפּ און האָבען אין זייערע אַלטע פאַרגעלטע מחזורים, תפלה זכה געזאָגט. קיין ווערטער האָט מען ניט געקאָנט אונטערשיידען, עס האָט זיך גע־הערט, נאָר איין געמיינזאַמער צונויפגעגאָסענער ביטערער יאָ־

מער, א קאַלעקטיווער וועה געשריי פון אָנגעוועהטאָגטע הערצער, וואָס זענען פול מיט צער און יסורים. דאָס איז ניט געווען קיין תפלה, ניין, ניט קיין ודוי, וואָס מען זאָגט לויט א געשריבענעם נוסח, נאָר א שטילער אינערליכער געוויין, ווי פון א קינד, וואָס עס וויינט אין איהם דאָס הארץ אויף זיינע וועהטאָגען און ענוים, קען דאָס ניט אַרויסרעדען, האָט קיין ווערטער ניט דאָס אַרויסצו־ברענגען, איז הילפלאָז, ווייסט ניט ווי אזוי ארום זיך צו העל־פען.

אין דער הויך פון דער עזרת נשים, האָבען זיך געהערט מורא'דיגע געוויינען און הארצרייסענע יללות. אונטערן סופיט, פון דער גרויסער שוהל האָט געהערשט א טיפע מיסטישע שטיל־קייט. עס האָט זיך אויסגעדוכט ווי עס שוועבען דאָרטען ארום מלאכים, ווייסע און שווארצע, גוטע און שלעכטע, פיהרען צווישען זיך א פארביטערטען קאַמף. די שלעכטע, מיט זייער שרעק־ליכען אויסקוק באַמיהען זיך צו האַלטען די עדה אידען אויף זייער צד, קומען די גוטע מלאכים, באַשיצען און לאָזען ניט די עדה מתפללים אַרונטערפאַלען אונטער'ן איינפלוס פון די שלעכטע און בייזע. אָבער אָט האָט זיך אויסגעדוכט, ווי די גוטע מלאכים זענען גובר, עס הערט זיך דאָס אַרויסשוועבען פון די שווארצע מלאכים איינער נאָכ'ן אַנדערען. אין דער הויך פון די עזרת נשים, ווערט ביסלעכווייז שטילער, רוהיגער, עס רייסט זיך נאָך אַרויס א שאַרפע יללה, א כליפען אויפ'ן קול, וואָס מען קאָן ניט איינשטילען, פון א מוטער, וואָס בעט רחמים, פאר איהר קראַנק שוואַך קינד. עס ווערט אָבער באַלד אַנטשוויגען, דאָס געיאָמער ווערט שטילער, מען הערט שוין פארלייכטערטע זיפצען. אין דער לופטען שפירט זיך די אָנקומענדע נאָהענטקייט פון עפּעס, א וואונדערליכע געטליכע רוהיגקייט, עס דוכט זיך, דאָס ערשטע אומגליק איז פאַראיבער, עס איז געפאַלען די שווערע וואַנד, וואָס איז אייזען־שטאַל געשטאַנען צווישען די פאַראומגליקטע קינדער און זייער טאַטען אין הימעל.

דער עולם האָט געענדיגט זאָגען תפלה־זכה, דאָס יאָמערען, וויינען און שלוכצען ווערט שטילער, דאָס וואָס האָט געדריקט און אזוי שטאַרק געפּרעסט אויפ'ן הארצען, ווערט ביסלעכווייז צו־

שוואומען. א ליכטיגקייט, מחיה'דיגקייט, פילט אָן די נשמה — אזוי האָבען עלטערע אידען געווישט מיט די רויטע פאטשייל־קעס זייערע פארוויינטע אויגען, אונטערגעמורמעלט צווישען זיך — אָפּגערעדט זיך פון הארצען, עס שטיקט שוין ניט מעהר אין האלז, מיר וועלען אי"ה האָבען פועל געווען א גוט יאָהר — אך! דאכט זיך ס'איז שוין שפעט! הא? שוין צייט צו זאָגען כל נדרי? — נו, האָבען אלעמענס בליקען געווענדעט זיך צום אל־טען רב, וועלכער איז די גאנצע צייט געשטאנען מיט א צוגע־פאלענעם קאָפּ אויף זיין שטענדער אין ווינקעל פון מזרח וואנד. פלוצלונג האָט דער אלטער רב אויפגעהויבען זיין קאָפּ, וועלכער איז איינגאנצען מיט טרעהרען באוואשען געווען, זיך א קעהר געטאָהן צו יאָסעל שוחט דעם שטענדיגען ימים נוראים'דיגען שוהל בעל תפלה און געזאָגט צו איהם:

— אוי־ווא, אוי־ווא! אך! געליבטע דער אויבערשטער, וואָס ער האָט אונז מזכה געווען מיט אזא יום הקדוש, אָה! אראָפּ א משא פון הארצען, ווען ניט דער יום־כפור, וואָלטען מיר דאָך גאָר פארווילדעוועט געוואָרען, חס ושלום! באמת א הימלישער פארגעניגען, אויסגערעדט זיך דאָס הארץ, אויסגעגאָסען דעם טייך טרעהרען, אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם גאנצען וואָכעדיגען שמוץ — וואָס פאר א טייערע מתנה עס איז אזא טאָג איינמאָהל אין יאָהר פאר'ן מענשען — הא, וואָס? שוין צייט צו זאָגען כל נדרי?

— נו, האָט דער אלטער רב אָפּגעזיפצט מיט פארלייכטערונג,

— היים דעם שמש געבען צוויי קלעפּ אין דער בימה, מעגסט שוין זאָגען, מיר וועלען מיט'ן אויבערשטענס ווילען בודאי האָבען אויסגעבעטען א גמר חתימה טובה.

# די נאַכט פון „כל נדרי"

אינ'ם ערשטען יאָהר פון אונזער יוגענד, דאָס ערשטע יאָהר נאָך אונזער וואונדערליכער באַפרייאונג פון דעספּאָטישער מצרי'־שער הערשאַפט, דאָס ערשטע יאָהר ווען מיר זיינען פאר אן עם סגולה, פאר אויסדערוועהלטע, געטליכע קינדער, פון בורא כל עולמות, פאר דער וועלט פּראָקלאָמירט געוואָרען, איז דער אימה'־דיגער פאַרכטיגער מעת־לעת, דער בעשור לחודש השביעי, צעהן טעג אין זיבעטען חודש, פאר דאָס אידישע פאָלק, פאר אן אייביג אויסעראָרדענטליכען טאָג, לדור דורות, באשטימט געוואָרען.

פאסירט האָט דאָס, ווען די ערשטע מיקראָבען פון פירוד הלבבות, פארשידענע מיינונגען, פרעמדע שטרעמונגען, גיפטיגע שנאה חנם, האָבען טיעף אין אונזער פאָלקס־אָרגאניזם אָנגעהויבען אַריינדרינגען, צוריסען, צושפּליטערט און צופליקט אויף שטיקער איז דאָס פאָלק געוואָרען. דאָס עם־סגולה און גוי־קדוש וואָס האָט ניט לאַנג צוריק אזוי מוטיג אין אן אויסערגעוועהנליכען שטאָלץ דעמאָנסטרירט דעם פּרינציפּ פון אחדות, ווען אלע האָבען זיי, ווי מיט איין מויל, מיט איין הארץ, ווי איין מענש אויסגעשריהען נעשה ונשמע, האָט זיך פּלוצלונג דער שטן אריינגעמישט. גאָט'ס געבאָטען האָבען זיי פארשוועכט, די הייליגסטע הימלישע, געט־ליכע צעהן פארזאָגען האָבען זיי, צושטערט, אין בורא כל עולמות געלייקענט, זייער אויסלייזער פון מצרי'שער קנעכטשאפט און באַשיצער אין מדבר פארוואָרפען, אויסגעטוישט איהם פאר א גאָלדענעם קאַלב, און דאָס פאָלק, וואָס איז אָקאָרשט ניט לאַנג צוריק אלס באזונדערע סאָלידאריש אחדות'דיגע נאציאָנאליטעט פאָרמירט געוואָרען איז אין שטיקלאך און קרייזלאך, צוברעקעלט געוואָרען.

האָט גאָט'ס צאָרן, צוליעב דעם חטא, דאָס גאנצע פאָלק געוואָלט פארניכטען, ווי איין מענש זיי אָפּמעקען. א שרעקליכע קאַטאַסטראָפע איז צווישען פאָלק פאָרגעקומען, אין א ווילדע

מחנה דם שונאים זיינען זיי פארוואנדעלט געוואָרען. א מורא׳־דיגער ברודער־קריג האָט טויזענטער פון פאָלק געטויט — האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו ואת אחיו לא הכיר ואת בניו לא ידע, אן אונדערבארעמדיגער בראַך, אן אונדערהערטער שוידערליכער אומגליק אין דער אייגענער מחנה. אין אייגענעם טויער האָבען עלטערען, קינדער, ברידער, קרובים און פריינד, געמאָרדעט מיט דער שווערד איינער דעם צווייטען. עס האָט געדראָהט, אז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל מיט איינמאָהל אויף אייביג דורכ׳ן צאָרן פון דער געטליכקייט געגצליך אָפגעווישט ווערען. ביז דאָס פאָלק האָט זיך געכאַפּט, איז אויפגעשווידערט געוואָרען, האָט שנעל ארומגעזעהן זיך אז דעם פאָלקס־סוף פון פארלענדונג איז נאָהנט און א גרויסער נס איז געשעהן. דערקענט האָבען זיי אלע דעם איינציגען גאָט, צוריק זענען אלע פאראייניגט געוואָרען, מיט פאר־איינינגטע הערצער האָבען זיי ביים אויבערשטען געבעטען סליחה ומחילה אויף זייער ערשטע גרויסע זינד און פון הימעל האָט זיך דערהערט דאָס גרויסע און שטארקע וואָרט — סלחתי!...

זענען די לוחות, די צעהן געבאָט, ווידער גאַנץ געוואָרען, האָבען זיך אלע אידישע הערצער צוזאַמען ווי אין איין מאסע צוזאַמענגעגאָסען, באפעסטיגט מיט שטארקען אחדות, מיט אן אי־בערגעבענעם געפיהל פון פאראַנטוואָרטליכקייט איינער פאר׳ן צוויי־טען און עס איז צוריק שלום איינגעשטעלט געוואָרען, האָט דער אל־מעכטיגער דעם גרויסען ערהאבענעם הארמאָנישען מאָמענט פון געשוואָרענעם אידישען פאָלקס אחדות פאראייביגט, ווערענדיג פון די געטליכקייט באשטימט, אז לדור־דורות, זאָל דער מאָמענט בלייבען לחקת עולם.

טויזענטער יאָהרען זיינען זינט יענער צייט פאראיבער. די ערשטע זינד פון דער פאָלק׳ס יוגענד זיינען אין פאָלקס אָרגאניזם אב־סאָרבירט געוואָרען, באצאָהלט האָט דאָס פאָלק פאר יענער יוגענד־זינד, פאר׳ן וביום פקדי ופקדתי מיט בלוטיגע פארפאָלגונגען, מיט גרוי־זאַמע ערשיטערענדע פאָגראָמען, זיין נע־ונד, מיט די טייערסטע פאָלקס זיהן און טעכטער אזיפ׳ן שייטערהויפען, ווי מיט יענער שארפער שווערד איז דאָס פאָלק צושניטען געוואָרען, צעוואָרפען און צושפרייט איבער שבעה ימים און ארבע רוחות העולם. קומט

אָבער די כל־נדרי נאַכט, די נאַכט ווען דאָס פאָלק, האָט אין יענער אוראַלטער צייט דעם חטא דאָס פארברעכען פון צושפּליטערונג אנערקענט, פארזאַמלען זיי זיך אין די שוהלען און בתי מדרשים, אַלע באַהערשט מיט איין געדאַנק, מיט איין געבעט, מיט פאראייניגטע הערצער, בעטען אַלע דעם אל מלך יושב, דעם אל רחום וחנון —ס ל ח נ א ל ע ו ן ה ע ם ה ז ה כ ג ו ד ל ה ס ד ך!

פאַסירט ווידער דערזעלבער נס פון יענער צייט, דאָס פאָלק ווערט ווידער אַ גאַנצעס, מיט איין הארץ, מיט איין גוף און איין נשמה, פונקט ווי אין יענער אוראַלטער היסטאָרישער פאַסירונג.

---

מזרח און מערב, צפון און דרום, אויפ'ן גאַנצען וועלט קוגעל, בכל קצוי הארץ, וואו גאָט'ס אויסדערוועהלטע קינדער, זיינען צוזייט און צושפּרייט, פארזאַמלען זיי זיך אין דער כל־נדרי נאַכט אין די שוהלען, בתי מדרשים און שטיבלאך, גרויס און קליין, יונג און אַלט, אָרים און רייך, פראָסטע און געלערנטע, מיט באַהאַלטענעם געהיימען ציטער אין זייערע הערצער, מיט פאָרכטיגע פארבאָרגענע שרעק אויף זייערע פּנים'ער, איינגעהילט אין טליתים, נעקליידעט אין ווייסען, באַהערשט פון אַ מיסטיש הימלישע הייליגקייט, פון אַ געהיימער אונזעהבארער קראַפט, גרייטע מיט איין רצון, מיט איין אידעאַל און איין צוועק, ווי אין איין מאַסע צוזאַמענגעגאָסען, דערוואַרטענדיג אין דער אויסעראָרדענטליכער הייליגער נאַכט, דעם הייליגען מאָמענט, די הייליגע שעה, ווען דער חזן וועט אָנהויבען כל נדרי.

ווער זאָגט עס, אַז ביי אונז הערשט ניט קיין אחדות? ווער זאָגט אַז צושפּליטערונג באַהערשט אונז תמיד? אַז מיר קאָנען קיינמאָהל ניט האָבען איין דעה, איין רצון, איין שטרעבונג?

ווער זאָגט עס, אַז אונז פעהלט דער אידעאַל, וואָס זאָל אונז אַלעמען, דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אין גלות, אין אַלע וועלטטיילען, איבער שטורמדיגע ימים און ווילדע מדבריות, פאראייניגען, צוזאַמענשליסען, אַז דאָס גאַנצע פאָלק, אַלע אידישע הערצער, זאָלען אין איין מאָמענט, אין איין נאַכט, אין איין ברויזענד פולסירענד ברייט אידיש הארץ פארקערפּערט ווערען? . . .

ווער זאָגט אז מיר זיינען קראַנק, צובראָכען, צופליקט, אז די שונאים אונזערע, איז געלונגען מיט זייערע ווילדע אכזריות'דיגע אטאַקעס, מיט זייערע גיפטיגע מאָדערנע כלי־משחית, צו פאַרוואונדען, דורכצולעכערען דאָס אידישע הארץ?...

אויב אונזערע ווילדע שונאים, אָדער האָפענונגסלאָזע פּעסימיסטען דענקען אזוי, מאַכען זיי א ביטערען טעות, זיינען זיי עם־הארצים, קולטורלאָזע, אומגעבילדעטע, וואָס האָבען ניט שטודירט די וועלט געשיכטע, ובפרט איז זיי אומבאַקאַנט די געשיכטע, דער מהות דער תוכן, די נשמה, דאָס הארץ פון דאָס אידישע פאָלק.

זאָלען אקאַרשט די אויבענדערמאָנטע, ערגעץ וואו זיי געפינען זיך, אריינכאַפּען זיך בלויז עטליכע מינוטען אין די אידישע שוהלען כל־נדרי ביינאַכט. זאָלען זיי צוהערען זיך צו די געהיימע, טיעף נשמה'דיגע, ווערטערלאָזע, הארציגע, סקאַרבאָווע אידישע נגונים, זאָלען זיי פּרואווען אויפכאַפּען די אַראַמישע (אָדער תרגום) ווערטער פון כל נדרי און פאַרשטעהן זייער בלוטיקע, שווידערליך היסטאָרישע באַדייטונג. זאָלען זייערע אויגען זעהן דעם הייליגען פאָרכטיגען אויסעראָרדענטליכען מאָמענט, בעת די אידען שטעהן אויף זייערע פיס, איינגעהילט אין זייערע טליתים, פאַרטיעפט אין מחזור. דאָס ארון קודש אָפען, דאָס צייטווייליג באַשטימטע בית־דין שטעהט אויף דער בימה, אָנגעטאָן אין ווייסען, מיט ספרי־תורות אין די הענט און דער עלטסטער פּראָקלאַמירט בקול־רם, מיט א ציטערדיגע מורא'דיגע אָבער מוטיגע קלאָהרע שטימע —

על דעת המקום ועל דעת הקהל אָנו מתירין להתפלל עם העבריינים. מוטלאָזע, דערשלאָגענע, אויסגעפּאַטשטע, רעזיגנירטע וועלען זיי דאמאָלס זיך פיהלען.

איבערצייגען וועלען זיך אונזערע שונאי ישראל, ווי שטאַרק און מעכטיג אונזער אחדות ליגט פאַרבאָרגען אין אונזערע הערצער. אז ס'איז פאַראַן אן אידעאַל, א געטליכער, הימלישער, וואָס בינדט אונז אלעמען צוזאַמען, גיסט צונויף אַלע הערצער אונזערע אין איין לעבעדיג אידיש הארץ. און אָט דער אבסטראַקטער איינגעבוירענער הימלישער אידעאַל, וואָס איז אבסאָרבירט אין אונזער פאָלקס קערפּער איז קיין מענשליך באַשעפעניש — מעג ער מיט

זיין „חכמה״ אונז וועלען שלעכטס טאָן, די שלעכטיגקייט מעג ביז די הויכע הימלען גרייכען, כל־ערליי טיוולישע אינקוויזיטאָרישע, פּיי־ניגונגס־מיטלען דערפינדען, וואָס זאָלען אונז פּאַרוואונדען, צובלוטי־גען, צעפּאַסעווען, — ניט אומשטאַנד דעם פאַרבאָרגענעם נשמה׳דיגען אידעאַל אָנצוגרייפען.

אַז די היינטיג מאָדערנע שונאים אונזערע וועלען זיך אריינ־טראַכטען אין די איינצעלנע כל־נדרי ווערטער, וואָס דער חזן האָט מיט אַזאַ טרויעריגע צובראָכענע מעלאָדיע אויסגעזונגען, אַז זיי וועלען נעהמען זיך די מיה אויסצופאָרשען אַלע איינצעלהיי־טען, ווי אַזוי, אין וואָס פאַר אַן אופן, מיר האָבען געשאַפען די תפלה כל נדרי, וועלען זיי ענטמוטיגט ווערען, זייער פּנים וועט אויפפלאַמען פאַר בושה, זיי וועלען דערזעהן זיך קליינליך, דער־נידריגט, ווי קריכענדע ווערים, וואָרום זיי וועלען אויסגעפינען, אַז קליגערע קעפּ פאַר זיי, גרעסערע אכזריות׳דיגע שנייד־מעסערס, שפּיזיגע שווערדען און פייער אָנגעגליהטע שפּילקעס איז פון גרע־סערע חכמים, וואָס האָבען זיך אויסגעגעבען אַלס פאַרטרעטער פון גאָט, באַנוצט געוואָרען צו דרעשען, צו פּאַסעווען אונזער גוף. אַז היינ־טיגע פאַרפאָלגונגען, היינטיגע גזרות זיינען נישטיגע, לגבי יענע פון אַלטערטום און דאָך זיינען אַלע יענע גרויזאַמע רשעות׳דיגע פאַר־פאָלגער, חיות אין מענשען געשטאַלט, לאַנג שוין פאַרשוואונדען און די געפייניגטע, צושלאָגענע, צובראָכענע, שוואכע אידען שטעהן אין די שוהלען, זיי קרעכצען, וויינען און קלאָגען בעת זיי ער־אינערען יענע מיטעלאַלטערליכע באַרבאַרישע צייט, אָבער זיי אליין, שטעהן, לעבען און עקזיסטירען.

פאַרשטעהן וועלן דאַן אונזערע שונאים, ווי נוצלאָז, אַרויסגע־וואָרפען זייער קאַמף איז געגען אונז אידען, מחמת אינ׳ם אידען איז פאַראַן אַזאַ פאַרבאָרגענער, באַהאַלטענער געהיימער, אונזעה־באַרער כוח, וואָס דערהאַלט זיין עקזיסטענץ, וואָס דער כוח איז אונפאַרניכטבאַר, מען קען איהם ניט אָפּטויטען מיט קיין שום גשמיות׳־דיג טויטליכען כלי־זין. און אָט דער טיעף באַהאַלטענער כוח, באַזיצט די אויסערגעוועהנליכע קראַפט, וואָס דערלאָזט דעם אי־דען קיינמאָל ניט פאַרשווינדען. להיפוך, נאָך יעדער גרויזאַמער אָנגריעף, נאָך יעדע פלאַם־פייערדיגע און גיפטיגע אַטאַקעס ווערט

דער איד א דאנק דער, אין איהם פאַרבאָרגענער גבורה, נאָך מעהר געשטאַרקט, מעהר געקרעפטיגט און צעמענטירט, נאָך פעס־טער און אונבאַזיגבאַר..

און אָט דער פאַרבאָרגענער געטליכער כוח פון איד, קריגט זיין בולט׳ן אויסדרוק, קאָן מען דייטליך ארויסזעהן בלויז אין איין נאַכט פון יאָהר — כל־נדרי ביינאַכט.

בלויז איין נאַכט אין יאָהר האָבען מיר, וועלכער האָט ניט דעם מינדסטען פאַרגלייך מיט די נעכט פון גאַנצען יאָהר. א נאַכט, וואָס קיין פאָלק אין דער וועלט פאַרמאָגט ניט, א נאַכט, א הייליגע, וואָס קערט צום יום קדוש ונורא, וואָס די שעה׳ן, מי־נוטען, זענען אנדערש, פאַרכטיגער, שרעקענדיגער, מיסטישער, ווי די נעכט פונ׳ם יאָהר און די הימלישע קדושה וואָס איז אין איהר אָנגעפילט באַזיצט די אויסערנאַטירליכע ריזיגע גבורה, דאָס גאַנ־צע פאָלק ישראל אין דער נאַכט צו פאַראייניגען, אלס איינהייטלי־כעס, אלס גאַנצעס, אלס שטאַרקעס אין איין אונבאַזיגבאַרען גי־גאַנטישען גוף, מיט א פאַראייניגטע, צוזאַמענגעגאָסענע געטליכע פאָלקס נשמה.

אין א וועלט וואו מיה לעבען, צווישען בייזע וועלף, שלענג, חיות רעות, וואָס בייסען, פאַרגיפטען, מאָרדען, האַלטען אימער גרייט אָפען זייערע פאַרגיפטיגטע מיילער אונז צו פאַרשלינגען, איז די כל־נדרי נאַכט, די עראינערונגס נאַכט פון דער פאַרשאָלטע־נער שפּאַנישער אינקוויזיציע, די נאַכט פון מיטעלאַלטערליכען פינ־סטערען באַרבאַריזם און שוידערליכען אויטאָ־דאַ־פע א האָפענונגס־שטראַהל אין אונזער פאַראומערט פאַר׳חושכ׳ט גלות לעבען.

די כל־נדרי נאַכט, דערצעהלט אונז דעם אונטערגאַנג, דאָס פאַרשווינדן פון אונזערע שונאים, שילדערט זייער מיאוס׳ן סוף, אזוי וועט אויך זיין די ענדע פון אונזערע היינטיגע זאָגענאַנטע מאָדערנע שונאים. אין דער נאַכט וועלען די שפּעטערדיגע דורות אונזערע זיי דערמאָנען מיט א קללה אויף די ליפּען, זיי, די שונאים אונ־זערע וועלען אונטערגעהן, וועלען אָפּשטאַרבען און פאַרגעסען ווע־רען, אָבער דאָס אידישע פאָלק וועט לעבען און עקזיסטירען און אָט די האָפענונג ברענגט אריין לעבען און ליכט אין די אָפּטע מאָמענטאַלע פאַרצווייפעלטע אידישע הערצער.

# יום כפור

עם שעפּטשעט געהיימניספּול ערגעץ אין אַ פאַרבאָרגענעם ווינקעל פון מיין וועזען, צוטליעט זיך שטאַרקער, מיט יעדען טאָג פון די עשרת ימי תשובה, דער אינערליכער פאַרבאָרגענער הייליגער ניצוץ, לייכט ווי פאַר'חלומ'ט ארוים פון מיין יונגען וועזען און מורמעלט שטיל אין אַלע מיינע רמ"ח אברים פון מיין גוף — י ו ם כ י פּ ו ר.

שוועבען מחשבות אין דער לופטען, איבער ווייטע וועגען, איבער ימים, וועבען זיך, פּלאָנטערען אין דער לופט מיט אָפּגע־ריסענע עקען, זוכען זיך צוזאַמענבינדען, פאַראייניגען אין ברעג מיט'ן צווייטען אין אַ צוזאַמענגעבונדענעם שנור פון דאָ און דאָרט, פון איצט מיט דער פאַרגאַנגענהייט, פאַרקניפּט זיך פאָדים מיט פאָדים, ערוואַכט דייטליך די עראינערונג פון מיין יוגענט פאַר־גאַנגענהייט און עס ווערט מיין האַרץ דערציטערט פאַר'ן הייליגען טאָג — י ו ם כ י פּ ו ר.

פאַלען געלע אָפּגעשטאָרבענע בלעטער פון די צווייגען, דרע־הען זיך טרוקען אין דער לופטען און פאַלען דערשלאָגענע צו דער ערד, באַווייזען זיך קיהלע הערבסט נעכט מיט זייערע גרויסע ציטערדיגע שטערען, קומען אָפּטע קאַלטע ציטערדיגע ווינטען, פאַר־טשעפּען זיך אין די בוימער, וואַרפען און שליידערען זיי ביז צו דער ערד, פאַלט פון הימעל אַ געדיכטער דריבנער רעגען, גראָבט אריין זיינע לאַנגע דינע שטעכיגע פינגער אין דער ערד און ציהט פון דאָרט ארוים דאָס לעצטע ביסעל חיות, ציטערט מיין האַרץ פאַר'ן טאָג, וואָס קומט, פאַר'ן יום איום ונורא — י ו ם כ י פּ ו ר.

פאַרבינדען זיך די צוריסענע און אין דער לופט פּלאָנטערענדע פע־דים איבער ווייטע וועגען, איבער ימים, רייסט אַ ליכטיגער שטראַהל דורך די געדיכטע וואָלקענס, זעה איך די גרויסע שוהל פון מיין

קליין שטעדטעל, פול געפאקט מיט אידען, מיט טליתים און קיטלען שטעהן איבער זייערע מחזורים, הער איך דעם שטורם און גערויש פון ליידענדע הערצער, זייער שטילען געוויין וואס איז פול מיט צער און יסורים, זייערע טליתים ציטערען אויף זייערע אקסלען, די חלב׳נע ליכטלעך פלעמלען פלאטערען ווי פארבענקטע נשמות און צורינען צוזאמען מיט זייערע טרעהרען, פיהל איך דעם פחד וואס שוועבט אין חלל אין מיין היימיש פארבענקטער אלטער שוהל אין דעם טאג י ו ם כ י פ ו ר.

פליהען טויזענטער מחשבות פארביי מיין מח, זעה איך דאס צושראקענע פנים פון מיין פאטער, זיינע שטראהלענדע אויגען אנגעפילט מיט היילינען שרעק, פיהל איך זיינע הייסע טרעהרען וואס פאלען פון אונטער זיין טלית אויף מיין קאפ, דערשפיר איך זיך עלענד, הילפלאז — ווער וועט מיך באשיצען? דער טאטע וויינט, ער האט מורא, ער ציטערט אינגאנצען, ווער וועט ראטעווען די קליינע קינדער? צושריי איך זיך א וויינענדיגער הויך אויפ׳ן קול — עשה למען תינוקות של בית רבן, העלף, רבונו של עולם, די קליינע אידישע קינדער אין טאג י ו ם כ י פ ו ר.

מישט דער טאטע, די אלטע מיט טרעהרען אויסגעווייקטע געלע בלעטער פון מחזור, דערזעה איך, א קליין קעסטעלע אויסגעמאלען א וואג־שאל — אט, די היילינע וואג־שאל פון הימעל, וואס באוועגט זיך ארויף און אראפ מיט מצוות און עבירות, זעה איך די מלאכים, יאגען, ציטערען, און שרייען אין די הימלען — ה נ ה י ו ם ה ד י ן. שוועבען שווארצע און ווייסע מלאכים, גוטע און שלעכטע, פיהרען צווישען זיך א געראנגעל, באמיהען זיך די שלעכטע, מיט זייער שרעקליכען שווארצען אויסקוק איבערצואוועגען די וואג־שאל אויף זייער צד, קומען די ווייסע, גוטע מלאכים און לאזען נישט, באוועגען די וואג־שאל אויף זייער צד, זעה איך דעם פארביטערטען געראנגעל פון יעקב׳ן מיט עשו׳ס מלאך, וויל איך וויסען וועלכער צד עס וועט מנצח זיין, וועלכער שאל וועט גובר זיין, פארשטעהט דער טאטע מיינער, מיינע מחשבות, גיט ער מיר א גלעט איבער׳ן קאפ און זאגט א וויינענדיגער — קינד מיינס, קיינער ווייסט ניט זיין גורל, דעם מענשען׳ס גורל ווערט באשטימט היינט — י ו ם כ י פ ו ר.

ווערט פּלוצלונג אַ מהומה אין שוהל, דער גאַנצער עולם האָט זיך אויף די פיס געשטעלט, — לאַל עורך דין, האָט אַ שטי־מע, ווי אַ בליץ אַלעמענס הערצער אויפגעציטערט, הערט זיך אַ רעש, גלייך דער צאָרן פון אַ שטורם וואָלט די ערד אויפגעטרייסעלט, הערען זיך געשרייען, ווי מחנות פייגלען וואָלטען פון ווינט און ווייטע לענדער געטריבען געוואָרען, ווערט דער שטורם וואָס אַ מאָל אַלץ שטאַרקער און קרעפטיגער, קלאָגען גרויסע, ווי קליינע הילפלאָזע קינדער, וואָס זענען אַליין ניט ביכולת זייערע וועהטאָגען אַרויסצורעדען, ווייסען ניט ווי אַזוי זיך צו העלפען, ווערען פּנימ׳־ער צושראָקענער, גופים צונויפגעדריקטער, טוליעט זיך איינער צום אַנדערען, שרייען, בעטען, רחמים, העלף אבינו מלכנו, טאַטע, האָב רחמנות אויף דיינע אָרימע קינדער וואָס קלאַפּען אין דיינע טירען אין די שערי רחמים, פאַרנעם זייער געבעט, פאַרגיב זייערע זינד ביום הדין, אין טאָג פון יום כיפור.

שוועבען זילבערנע פעדים, איבער ווייטע וועגען, איבער ברייטע אויסגעשפּרייטע ימים, ווי מיעדע מחשבות פון אַ הערבסט טאָג און אין מיר ערהגעץ באַהאַלטען אין מיין וועזען שעפּטשעט גע־הייםניספול דאָס הייליגע קול פון דורות לאַנג און מאַכט מיין האַרץ ציטערען אין דעם הייליגסטען טאָג — י ו ם  כ י פ ו ר...

# די סוכה

די פעלקער האָבען צו אונז א טענה, מיר זיינען — זאָגען זיי — שאָוויניסטען. מיר גרויסען זיך צופיעל מיט דער עם־הנבחר אידייע, מיר פּרעטענדירען צו זיין דאָס עם־הספר און חזר׳ן צו אָפט איבער די ווערטער, אתה בחרתנו מכל העמים, און כי בך בחר ה׳ להיות לו לעם סגולה.

זעהט מען אָבער, ווי אזוי א איד פּראַוועט זיינע רעליגיעזע טראַדיציעס און וואָס פאר א הויכען זין ער לייגט אין זיי אריין, מוז מען מודה זיין, אז אזא דבקות׳דיג, התלהבות׳דיגע רעליגיאָזיטעט איז נאָר מעגליך ביי אן עם הנבחר, ביי אן עם סגולה מכל העמים.

אונזער סוכה! אן איינפאך ביידעל, צוזאַמענגעשטעלט פון דינע ברעטלאך, קוים וואָס זיי האַלטען זיך, פון אויסענווענינג אָרים, א געמיש פון פאַרשידענע קאָלירטע ברעטער, דער הערבסט ווינט בלאָזט דורך די לעכער און פיהרט א קאַמף מיט די יום־טוב ליכט, אָט צאַנקען זיי און עס דאַכט זיך, זיי ווערען פאַרלאָשען און אָט הויבען זיי ווידער אָן צו שטראַהלען העל און ליכטיג. עס פעהלט איהר עלעגאַנץ, אינעוויינינג איז ניט פאַראַן קיין מעבעל, א טיש מיט שטוהלען איז דאָס גאַנצע מעבעל, די דיל איז די שוואַרצע ערד, די ווענט זענען ניט געמאָהלען, אלץ איז איינפאַך, פּרימיטיוו, ווי א צונויפגעשטעלט פּראָוויזאָריש געצעלט אינ׳ם גרויסען גרויזאַמען מדבר, וואו דאָס לעבען איז תמיד אָפּגעשטאָרבען, אָנשטאָט א דאך ליגען גרינע בלעטלאך, דורך וועלכע עס זעהן זיך די שטערען פון הימעל און אָט דאָס איז דעם איד׳ס וואוינונג פאַר זיבען טעג, דאָ פּראַוועט ער זיין זמן שמחתנו, דוקא דאָ אין דעם פּרימיטיווען אוהל פיהלט ער זיין שמחה, זיין חדוה, זיין גליק און זיין נחת . . .

לויט דער תורה, איז די סוכה דער סימבאָל פון אונזער פעסטען גלויבען אין גאולת מצרים און אין דער השגחה במשך

פון פערציג יעהריגען בלאָנדזשען אין דעם מדבר — כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים.

די סוכה מיינט אויך אין איהר זכרון אַלס שבח פאַר'ן אוסף התבואה אויף די פעלדער, פאַר די שפע וברכה וואָס מ'האָט אונז געגעבען פאַר אונזער ארבייט, אויף אונזער באָדען אין אונזער לאַנד. איז אָבער די סוכה, פאַר אונז אויך אַ סוכת־שלום — אַ סימבאָל פאַר'ן אייביגען וועלט שלום און פאַר די האַרמאָנישקייט צווישען מענשען און פעלקער.

אַ סוכה לויט'ן אידישען דין באַדאַרף ניט מעהר ווי צוויי ווענט מיט איין טפח, ניט העכער ווי צעהן טפחים, לאַנג און ברייט נאָר זיבען טפחים.

און דוקא נאָר אין דעם קורצען, שמאָלען אָרימעןביידעל, האָט די תורה געהייסען דעם אידען איינאָרדנען זיין שמחה. נאָר דאָ אין דעם פּראָסטען מדבר ביידעל, האָט די תורה דעם איד געהייסען פאַרברענגען מיט זיין פאַמיליע, זיין פרעהליכען יום טוב, ווייל טוב פת חריבה ושלוה בה מבית מלא זבחי ריב — עס איז פיעל בעסער, דאָס טרוקענע שטיקעל ברויט אין דעם קליינעם טפח'דיגען ביידעל, וואו עס הערשט צופרידענהייט און שמחה, האַרמאָניע און ליעבע, איידער אין די אומגעהויערע פּראַכטפולע קונסטפאָל עלעגאַנטע רייכע פּאַלאַצען וואו די שמחה איז אַן אימיטירטע, אַ געמאַכטע, אַן אויבערפלעכליכע, וואָס דעקט צו די געהיימע קנאה און שנאה און איז פול מיט געפערליכע אינטריי־געס און פאַרלוימדערישע פאַלשקייטען.

ווילסטו האָבען אמת'ע שמחה, אמת'ע צופרידענהייט און שלום, קאָנסטו דאָס ניט האָבען אין די גרויסע וואונדערבאַרע שעהנע זאַלען, צווישען די הויכע ספערען, דאָרט וואו די שמחה און פריינדשאַפט איז פון אויבענאויף און די ברודערשאַפט אַ מכלומרשטע — נאָר געה אַרויס פון דער דירת קבע אין דער סוכה אַריין!

דאָרטען אין דער סוכה, ווערסטו זיך באַקענען און באַפריינדען מיט די פּראָסטע מענשען, גאָר מיט די פשוט'ע, דאָרטען ווערסטו נתפעל ווערען פון דער אינערליכער שמחה, וואָס איז ניט אָפּ־הענגיג פון ערדישע באַקוועמליכקייטען, דאָרטען ווערסטו געפינען

צופרידענהייט, פארגעניגען און אמת׳דיגע אויפריכטיגע גוטע פריינד־שאפט, אהן צערעמאניעס, אהן חניפה, ווייל נאר דאמאלס, ווען עס פארשווינדט דער אונטערשיעד, דער חילוק, צווישען רייך און ארים, ווען אלע מוזען האבען גלייכע דירות, ווערענדיג פריי פון אלע מאדערנע באקוועמליכקייטען וואס פארקנעכטען דעם מענש און מאכען זיין גליק פון אלע תענוגים אפהענגיג — מוז פאר־שווינדען די קנאה און דער פארבארגענער ווערעמדיגער שנאת־חנם, דאמאלס ווען דער מענש ווערט א שמח בחלקו, איז צו־פרידען מיט דאס מינימאלסטע וואס ער פארמאגט, קען ער ערשט דאס אינערליכע אמת׳דיגע גליק געניסען.

און ווען בלק׳ס שליח, בלעם, איז געקומען דאס אידישע פאלק שעלטען און ער האט דערזעהן די אידען אין מדבר רוהען אין זייערע געצעלטען, האט ער מיט א פראפעטישען עקסטאז אויס־געשריען — מה טובו אוהליך יעקב, שעהן זיינען די געצעלטען דיינע יעקב, דיינע וואוינונגען ישראל!

און תמיד ווען דער פיינט אונזערער זעהט, דאס טויזענט־יאה־ריגע וואנדערענדע געיאגט און געפלאגט אידיש פאלק, וואס וואוינט אומעטום אין א דירת עראי, אהן א פעסטען באדען, אהן שטארק געבויטע ווענט, וואו זיין דאך איז שטענדיג געלעכערט, ווערט זיין קללה אונמעכטיג און האט ער שוין אויפגעהויבען זיין האנט צו פארניכטען און זיין מויל צו שעלטען געעפענט, איבערציינגט ער זיך גלייך אין דער שוואכקייט פון זיינע כחות און מוז מיט באוואונדע־רונג ארויסשרייען: מה טובו אוהליך יעקב! — עס איז א וואונ־דערליך פאלק, מיט א וואונדערבארען כאראקטער, מיט וואונ־דערליכע מעשים.

א פאלק וואס האט צו ליידען פון דער אלגעמיינער וועלט שנאה מעהר ווי די איבעריגע פעלקער, צוליעב זיין שוואכקייט און הילפלאזיגקייט, האט אנשטאט כלי־זין צו פארטיידיגען זיך, גענומען אין זיין נע־ונד לעבען א סימבאל פון וועלט שלום, פון אייביגען פרידען, וואס באשיצט איהם פון אלע פארפאלגונגען, רדיפות און גזירות רעות און געפינט אין די ווענט פון זיין אלע מאהל פרישע דירת עראי, בטחון און אמונה, זיין טרייסט און זיין האפענונג.

און דערפאר איז דער באַגריף „עם הנבחר" ניט קיין פוסטע פראַזע און ניט דער שאָוויניזם האָט איהם באַשאַפען, נור טיעף, טיעף, אין דער באַוואוסטזיניגקייט און אין פאָלקס־געוויסען הערשט די איבערצייגונג ביי אונזער פאָלק, אַז ניט אומזיסט זענען מיר אויסדערוועהלט און ניט אומזיסט זענען מיר פאַר אַן עם סגולה געקרוינט געוואָרען.

און אויך די טרייסט שעפען מיר אין אונזער סוכה, און אין איהר ליגט אַ גרויסער חלק פון יענער קראַפט, וואָס גיט אונז כוח איבערצוטראָגען אויך די ערגסטע מאָמענטען און ביטערסטע אומשטענדען, ווייל אין דער סוכה, אין דער דירת עראי, אין דעם שוואַכען פּראָוויזאָריש־פּרימיטיווען אוהל, וואוינט אַ שטאַרקער פעסטער גייסט, און אין די שטאַרקע פעסטע מויערען וואוינען שוואַכע מענשען, פיעל שטאַרקע מעכטיגע פעלקער זיינען לאַנג שוין פון דער וועלט פאַרשוואונדען געוואָרען און דאָס שוואַכע צושפּרייטע אידישע פאָלק וואָס פייערט זיין זמן שמחתנו אין אַ סוכה פון הילצערנע ברעטלאַך, דורך וועלכע עס בלאָזט דורך דער הערבסט ווינט, עקזיסטירט און מוז לעבען אייביג, ווייל די שטע־רען פון הימעל לייכטען שטענדיג אין זיין אייביגער סוכה . . .

# די ערשטע סוכה אין דער מדבר

## אַ סימבאָל פון אידישען לעבען אין גלות

למען ידעו דרתיכם, כי בסכות הושבתי את
בני ישראל, בהוציאי אותם מארץ מצרים.

ווען די בני ישראל זיינען באפרייט געוואָרען פונ'ם ערשטען שוועָרען שעבוד גלות, פונ'ם עגיפּטישען כור־הברזל, נאָכדעם ווי זיי האָבען דורכגעמאכט די שרעקליך גרויזאמע פייער פּראָבע פון גלות־מצרים, זיינען זיי אין דער פריהעסטער יוגענט אינ'ם עקזיסטענץ אַלס באַזונדער פאָלק, דורכ'ן רצון הבורא פאַרגעברייטערט געוואָרען, זיי זאָלען זיין ווידערשטאנדס־פעהיג, באוואפענט מיט איבערנאטירליכען אויסדויער, צו קענען אויסהאַלטען דעם שעבור שאר מלכיות — האָט די געטליכע השגחה איינגעזעהן, אז אום צו פּאַרפּאָלקאָמען מיט די נויטיגע באוואָפענונגס מיטלען פאַר'ן מלחמת־הקיום פון דאָס אידישע פאָלק וואָס שטעהט איהם פאָר אין זיין צוקונפטיגען לעבענס עקזיסטענץ, איז אונבאדינגט נויטיג, אז די בני־ישראל זאָלען וואנדערען פערציג יאָהר אינ'ם גרויסען גרויזאמען מדבר, וואו די זון בראָט א גאנצען טאָג מיט פייער פיילען אויפ'ן קאָפּ, אויף די אָקסלען, אויפ'ן רוקען און אין פּנים אריין, דער באָדען אונטער די פיס איז קאָכיג הייס, טרוקענער הייסער זאמד ווי דער ים ברייט פאַרשפּרייט, פון מזרח צו מערב, פון צפון צו דרום, איבעראַל איז פייערדיגער זאמד אויסגעשאָטען, שלעפּט מען איין פוס ארויס, פאַלט מען אריין מיט'ן צווייטען און שרעקליכע חיות רעות, ווילדע בייזע באַשעפענישען, לויערען אויף יעדען וואנדערער אויפצופרעסען און פארצוקען איהם.

גלות מצרים, וואו די בני ישראל זיינען פיר הונדערט און דרייסיג יאָהר געוועזן שווערליך פאַרקנעכט, זיינען גרוויזאַם אונ־ברחמנות'דיג נעפייניגט געוואָרען, האָט די בני־ישראל ניט פאַר־שאַפט פולשטענדיג פיזיש און מאָראַלישען כח צו קענען אויס־האַלטען די שפּעטערדיגע גלות'ן אין אנדערע לענדער, ס'האָט זיי געפעהלט געדולד, אויסדויער, קוראַזש, העלדישקייט און אונ־ערשראָקענקייט, אינ'ם ערשטען מעגליכען קאַמף מיט די פלשתים וואָלטען זיי זיך צוריקגעקערט קיין מצרים, האָט דאַרום די געטלי־כע השגחה געפיהרט דאָס פאָלק דורכ'ן מדבר —

ויסב אלקים את העם דרך המדבר —

אז די ווילדע פּרוכטלאָזע, ברענענדיג טרוקענע, טויט שאַ־טענדיגע מדבר זאָל דערגענצען דעם ווידערשטאַנדס כח, אייזערנעם געדולד, אונערשראָקענעם קוראַזש פון דאָס פאָלק, זאָלען אב־סאָרבירט ווערען אינ'ם פאָלקס אָרגאַניזם, צו קאָנען פאַרבלייבען אונבאַריהרט פון די שרעקליכע ווילדע שטורמען, אכזריות'דיגע אונטערדריקונגען, ביטערע פאַרצווייפלונגס־קאַמפען, וואָס וועט די שפּעטערדיגע בני ישראל אויסקומען דורכצומאַכען אין די פאַר־שטעהענדע גלות'ן.

האָבען די בני ישראל, ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, נאָך עטליכע טעג וואַנדערען, זייער ערשטער אָפּרוה־סטאַנ־ציע, אויפ'ן מדבר'דיגען הייסען באָדען געמאַכט, זיי האָבען גע־לאַגערט דאָרט עטליכע טעג, אויף דער ווייכער זאַמדיגער וויסטע, האָבען זיי געצעלטען, פּראָוויזאָרישע ביידלאַך, טראָגבאַרע היימען צונויפגעשטעלט, צו באַשיצען זיך פון די שרפה'דיגע שטראַהלען פון דער מדבר זון און ווילדע חיות־רעות וואָס לויערען ביינאַכט — ויסעו בני ישראל מרעמסס, ויחנו בסכת.

היות אָבער ווי די סוכות, די באַשיצונג־ביידלאַך, צוזאַמענגע־שטעלט אויף זאַמדיגען באָדענלאָזען מדבר, זענען געוועזן שוואַכע, וואַקעלדיגע, אונזיכערע, האָט דער אַלמעכטיגער געשיקט די ענני־הכבוד, די געטליכע וואָלקענס צו באַגלייטען די בני־ישראל, אויף זייער וואַנדער־וועג אין דער מדבר, די אייגענע, געמאַכטע סוכות זענען געוועזן נישט גענוג דויערהאַפט, צו באַשיצען די וואַנדערענדע פון דער ברענענדער מדבר זון און בייזע ווילדע חיות, אונטער'ן שוץ

פון אייגען געמאַכטעביידלאך וואָלטען די מדבר־וואַנדערער ניט בכוח געווען אויסצוהאַלטען, זיי וואָלטען בּיסלאַכווייז אויסגע־שטאָרבען, די פייערדיגע זון האָט דורכגעבריהט דורך די ביידלאַך, האָט זיי קיין מנוחה ניט געגעבען, די הונגעריגע מדבר חיות האָבען גרינג געקענט צעוואַרפען און פאַרצוקען די וואַנדערער, פערציג יאָהר אונאויפהערליך וואַנדערען אין מדבר וואָלטען זיי ניט אויסגעהאַלטען, האָט די השגחה, גלייך ווי די בני־ישראל האָבען אָפּגערייזט פון זייער ערשטער אָפּרוה סטאַנציע — סוכות און האָבען זיך א צווייט מאָל געשטעלט רוהען ביים ברעג פון דער מדבר.

ויסעו מסכת ויחנו באתם בקצה המדבר —

א שטאַרקע פעלזען פעסטע סוכה צוזאַמענגעשטעלט פון די געטליכע ענני־הכבוד צוזאַמען מיט'ן עמוד הענן און עמוד האש, וואָס האָט זיי באגלייט די גאַנצע פערציג יאָהר וואָס די בני ישראל זיינען געווען אין דער מדבר.

זיינען שוין עטליכע טויזענט יאָהר פאַראיבער זייט יענער צייט, ווען אונזערע אור עלטערען האָבען זייער ערשטע אייגען געמאַכטע סוכות צוזאַמענגעשטעלט, זייער ערשטען אָפּרוה פּלאַץ אויף זייער אָנפאַנג וואַנדערונגס וועג אין דער מדבר גע־מאַכט און האָבען שפּעטער, פערציג יאָהר נאָכאַנאַנד, אַלס נאָ־מאַדען פאָלק געוואַנדערט, איבער די אונענדליך, קאָכיגע הייסע זאַמדיגע וויסטעניִשען, באשיצט אונטער די געטליכע וואָלקענס, די ענני הכבוד, זענען יענע שוואַכע, וואַקעלדיגע, אונזיכערע אייגען גע־מאַכטע סוכות, אויפ'ן ווייכען זאַמדיגן מדבר באָדען, א שטענדי־גע אונפאַרגעסליכע עראינערונג פונ'ם אידישען לעבען אין גלות פאַרבליבען, אַן אייביגער סימבאָל וואָס האַלט אונאויפהערליך אין ווידערהאָלען זיך פון יענער מדבר'דיגער צייט ביז'ן היינטי־גען טאָג, און ווען ניט די ענני־הכבוד, די השגחה פרטית, וואָס באַגלייט אונז תמיד אויף אונזער וואַנדערונגס־וועג, די אונזעה־באַרע געטליכע קראַפט, וואָס באשיצט אונז אין די שווערסטע בלוטיגסטע מאָמענטען אין אונזער מאַרטירער געשיכטע וואָלטען מיר אפשר לאַנג שוין ניט עקזיסטירט.

צוויי טויזענט יאָהר וואַנדערט דאָס אידישע פאָלק אין גלות, ווערט מוראדיג גרויזאַם געטריבען פון לאַנד צו לאַנד, געיאָגט און געפלאָגט פון ביטערע שונאים, מוז דער איד שטענדיג שטעהן מיט זיין וואַנדער שטעקען אין האַנט גרייט צום וואַנדערען, ניטאָ קיין ווינקעל אויף גאָטס ערד, וואו דער אידישער וואַגלער האָט זיך באַזעצט, האָט געפּרואווט אויפשטעלען פאַר זיך אַ געצעלט, אַ וואוינונג, געוואָלט אָפּרוהען זיינע צובלוטיגטע מיעדע פיס, אַז מען זאָל איהם באַלד ניט געבען צו פיהלען, אַז ער איז אַ מענש אָהן אַ היים, אַ פרעמדער, שוצלאָזער, וואָס ווערט גע־דולדעט אינ׳ם לאַנד צוליעבן חסד פון טאָלעראַנץ אָדער צוליעב די גוטהאַרציגקייט פון די רעגירער און מוז דערפאַר, תמיד האַלטען דעם וואַנדער שטעקען אין האַנט, גרייט ווייטער צו וואַנדערען, ווען מען וויל איהם אין לאַנד מעהר ניט דולדען.

אין יעדען לאַנד, וואו די אידישע וואַנדערער ווערט דערלויבט אויפצושטעלען אַ געצעלט, אָפּצורוהען זייערע מיעדע פיס און וואו דעם קאָפּ מנוחה׳דיג אוועקצולייגען, אַרונטערצוּוואַרפען זיי־נע פאַרשטויבטע אונטערוועגנס מלבושים און אוועקצושטעלען זיין אוראַלטען וואַנדערונגס שטעקען, זיינען זיי געטריי מסירת־נפש׳דיג איבערגעגעבען צום לאַנד, זיינען הייסע פּאַטריאָטען, גרייט די גרעסטע קרבנות צו ברענגען פאַר׳ן וואוילזיין פון לאַנד. דער „והיה־ברכה", וואָס גאָט האָט געבענשט אונזער טאַטען אברהם, דעם ערשטען איד אויף דער וועלט, ווען ער האָט אויפן באַפעהל פון גאָט פאַרלאָזט זיין לאַנד און געבורט־אָרט, געלאָזט זיך וואַנדערען איבער דער וועלט, סימבאָליזירענדיג דאָס נע־ונד לעבען פון זיינע קינדער — באַגלייט אונז אויף אונזער וואַנדע־רונגס וועג ביז׳ן הייגטיגען טאָג און איז אַ רעאַלער אונבאַשטרייט־באַרער אמת, וואָס האַלט נאָך ביז היינט אין פאַרווירקליכט ווע־רען.

איבעראַל וואוהין מיר קומען און באַזעצען זיך, ברענגען מיר מיט זיך שפע, מיר פאַלען אין קיין לאַנד אימעצען צו לאַסט, מיר העלפען בויען שטעדט, ענטוויקלען די אינדוסטריע, פאַרגרעסע־רען דעם מסחר, שאַפען קאָמערציעלע פאַרבינדונגען מיט אַנדע־רע לענדער, די בירגער פון לאַנד געניסען אַרום אונז, זייער לע־

בענס סטאנדארד ווערט באקוועמער, קאמפארטאבלער, מיר דער־הויבען די אלגעמיינע מאראל פון דער באפעלקערונג, באקעמפען ווילדען בארבאריזם, ברענגען גייסטיגען פראגרעס, באווייכערען, פארשענערען און מאכען בארימט די לאנדס־ליטעראטור, דאס לאנד ווערט אויסערליך פאליטיש שטארקער, געווינט אינטערנאציאנאלען פרעסטיזש, ווערט א דאמינירענדע מלוכה, אזוי איז דאס געווען מיט שפאניען, פארטוגאל, האלאנד, פוילען און דייטש־לאנד.

ווען די לענדער האבען זיך געוויזען פריינטליך צו אונז, האבען דערלויבט אונז צו באזעצען זיך, האבען אונז געגעבען א מקום מנוחה, מיר האבען פריי אפגעאטעמט, אויסגערוהט אונזערע מיעדע פיס, האבען מיר געהאלפען מיט אונזער גאנצער קראפט און ענערגיע, מיט אונזער פעהיגקייט און אונטערנעמונגס־גייסט, אויף אלע געביעטען, צו אנטוויקלען און גרויס מאכען די לענדער.

האבען מיר געמיינט, אז אט אין די לענדער וועט אונזער באזעצען זיך זיין געזיכערט, מיר האבען געפונען א מקום מנוחה פאר זיך און פאר אונזערע צוקונפטיגע דורות, אונזערע געצעלטען וועלען בלייבען פעסט פארוואָרצעלטע, ווייל מיר האבען געהאלפען בויען די לענדער, מיר האבען ביינעשטייערט צו זייער אויפבליאונג און בארימטקייט, מיר זענען דארטען ניט קיין פרעמדע, מיר זענען ניט נעקומען צום גרייטען, כמעט אויף יעדען געביעט האבען מיר מיט שוויים, בלוט און מארך באטייליגט זיך אין דער אויפבויאונג פונ׳ם לאנד, מיר האבען א חלק אין פראגרעס פון דער מדינה, מיר זענען אייגענע, קינדער פון לאנד, אונזערע בעסטע זיהן און טעכטער האבען מיר אין דיענסט פון לאנד אוועקגעגעבען, אונזערע אייניקלאך וואס זענען געבוירען געוואָרען אין די לענדער, האבען אלץ מעהר אבסארבירט אין זיך, די שפראך, קולטור, זיטען און נאציאנאלע טראדיציעס פון די לענ־דער, שטאלץ, מיט אויפגעהויבענע קעפ, ווי די מאיאריטעט איינ־וואוינער פון די לענדער האבען זיי געטראטען אויפן באדען, ניט ווי וואגלער, היימלאזע, פרעמדע, נאר ווי אייגענע, ווי אין דער אייגענער היים, ביי זיך אינ׳ם אייגענעם לאנד, זיי האבען גאר

ניט געוואוסט פון קיין אנדערע היים, פון אן אנדער לאנד, די ערד פון די לענדער האבען זיי געליעבט, זענען ווי צוגעוואקסע־נע געווען צום באדען, זיינען גרייט געווען אויף מסירת־נפש, אויפצואפפערן זיך פאר׳ן כבוד און נאציאנאלען פרעסטיזש פון זייערע לענדער גיכער ווי די געבוירענע קינדער פון דער מאיא־ריטעט איינוואוינער, גאנץ אפט האבען זיי, דאס אייגענע פאלק, די איינענע נאציאנאליטעט, די אמונה, די תורה, אפילו די אייגענע עלטערען פארלייקענט און פארווארפען צילענדיג אפצואווישען די מינימאלסטע מחיצה וואס טיילט זיי אפ פון דאס רוב איינוואוי־נער, זיי האבען איבערגעריסען דעם יחוס׳דיגען אוראלטען שטאם פון זייערע אבות, די גלארדייכע פארגאנגענהייט פון זייערע משפחות, האבען אינגאנצען, דעם גוף און נשמה מקריב געווען, צוליעב איבערגעבענע לאיאליטעט צום געבורטס־לאנד.

און וואס זיינען געווען די רעזולטאטען? ווי אזוי האט די ניט אידישע באפעלקערונג געקוקט אויף דעם סופער־פאטריאטיזם פון אונזערע קינדער און אייניקלאך? וואס איז געווען דער שכר פאר די אונדערמידליכע שעפערישע מיטבויער און ענטוויקלער פון די לענדער?

מיט וואס האט אונז אפגעצאהלט די ניט־אידישע באפעל־קערונג פאר דער קראפט און ענערגיע, אונטערנעהמונגס־גייסט און פיאנערען ארבייט, פראגרעס און ציוויליזאציע, ליכט און וויסענ־שאפט, וואס מיר האבען אריינגעבראכט אין די לענדער?

מיט וואס האבען אונז די לענדער, די הערשער, די באפעל־קערונג באצאהלט?

וואס איז געווען זייער דאנק?

די אידישע געשיכטע דערצעהלט דאס אונז! די בלוטיגע שווארצע בלעטער פון דער אידישער געשיכטע גיבען אונז אויף דעם אן ענטפער, זיי זענען שטומע אויטענטישע עדות!

די גרויסע בית־עלמינס, די טויזענטער אידישע קדוש־השם־קברים, די פארבליבענע נאך טליענדע האלאוועשקעס פון די שווי־דערהאפטע טייוואלישע אויטא־דא־פעס. די בלוט־פארגליווערנדע אינקוויזיטארישע כלי־משחית וואס זענען לזכרון נאך פאראן אין יענע לענדער – זענען איבערגעבליבענע מאנומענטען, שרייענ־

דיגע אייביגע מצבות, וואָס דערצעהלען פון דעם שכר און דאַנק־באַרקייט פון יענע לענדער, וואָס האָבען אונז מיט אזא רחבות'־דיגער האַנט און פולע ברייטהאַרציגקייט באַצאָהלט!

עס איז די געשיכטע און פאַרבליבענע מאָנומענטען פון פאַרברעכערישער אוממענשליכקייט און אומדאַנקבאַרקייט, פון ווילדער סאַדיסטישער גרויזאַמקייט און מעפיסטאָפעלישער רשעות, פון פאַלשקייט און צביעות, זאָאָלאָגישען האַס און גאַליגע שנאה פון בייזווילליגע אויסגעטראַכטע אומגעלומפּערטע בלבולים, פון אָפּפּעגעם פון דער אָפיציעלער מלוכה באַרעכטיגטען רויב און געהייליגטע מענשליכע שחיטות און מאָרדען.

אין אַלע אונזערע ערנסט געמיינטע, ערליך אויפריכטיגע אויפּאָפּערונג פאַר די לענדער, האָבען זיך געפונען פּאָליטישע שאַרלאַטאַנעם, הפקר'דיגע דעמאַגאָגען, פינסטערע רעאַקציאָנערען, סאַדיסטען געקליידעט אין גלח'יש יעזואיטישע מאַנטלען, וואָס האָבען זיך באַנוצט מיט די אונזויבערסטע און עקעלדיגסטע מיטלען. זיי האָבען געריצט און געהעצט די אַלגעמיינע באַפעלקערונג געגען אונז, האָבען זיך באַנוצט מיט די אומזויבערע און עקעלדיגסטע מיטלען צו אינטריגירען געגען אונז און האָבען סוף כל סוף דערפיהרט, אַז אויף אונזער פּאַטריאָטישע ליעבע און לאָיאַלער איבערגעבענהייט צו די לענדער, האָט מען אונז אָפּגעענטפערט מיט ווילדע שנאה, טייוואָלישען האַס, פינסטערע גזירות, ספּעציעלע אויסנאַהם געזעצען, גרויזאַמע ענוים, און שרעקליכע אונמענשליכע גרושים.

ווי לאַנג די לענדער האָבען זיך גענויטיגט אין אונזער הילף צו פאַרבעסערען זייער עקאָנאָמישען מצב, אָנצוקניפּען קאָמערציעלע פאַרבינדונגען מיט אַנדערע לענדער, פאַרגרעסערען דעם עקספּאָרט, דערהויבען דעם לעבענס־סטאַנדאַרט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, אַנטוויקלען די אינדוסטריע און אָנצופילען די שאַצקאַמערען, די מלוכה אוצרות פון זייערע מלכים און הערשער מיט געלט, ווי לאַנג די לענדער האָבען אויסגענוצט אונזערע ענערגישע לייסטונגען, האָבען אַרויסגעקראָגען אונזער גאַנצען כח און מאַרך פאַר זיך, האָבען אונזערע פעהיגקייטען עקספּלואַטירט, — האָט מען אונז געדולדעט, האָט מען אונז פאַרטראָגען,

האט מען זיך געחבר'ט צו אונז, אריינגענומען אונז אין זייער געזעלשאפט, מען האט זיך גע'חנ'דעלט צו אונז, אפילו מלוכה כיבודים צוגעטיילט, פאר רעפרעזענטאנטען און פארשטעהער פון דער מלוכה געמאכט, פריי האט מען אונז דערלויבט צו באוועגען זיך, מען האט אונז געגעבען גלייכבארעכטיגונג, אלע פאליטישע און בירגערליכע רעכט, מען האט אונז דערלויבט האנדלען, בוי־ען היימען, פארוואָרצלען זיך אויפ'ן באָדען, מען האט דערלויבט אונז צו פיהלען זיך היימיש, האלטען די לענדער פאר אייגענע היימען, ניט ווי פרעמדע, כדי מיר זאָלען געטרייער, איבערגעבע־נער ארבייטען לטובת דעם פראָגרעס און פאָרטשריט פון די לענדער.

ווי נאָר די לענדער האָבען זיך געשטעלט אויף די פיס, האָבען זייער ציעל דערגרייכט, זייער עקאָנאָמישע לאגע איז גע־וואָרען בעסער, עטאבלירטער, דער אינטערנאציאָנאלער מסחר האט זיך אויסגעברייטערט, די אינדוסטריע האט פארגרעסערט די פראָ־דוקציע, די מלוכה־אוצרות זענען פון די שטייערען און גרעניץ אָפּצאָהלונגען מיט געלט אָנגעפילט געוואָרען, מען האט אונז מעהר ניט באדארפט, מען האט מעהר פון אונז ניט געקאָנט ארויסקריגען, האט מען אין די לענדער פלוצלונג זיך ארומגע־זעהן, נאָך צעהנדליגער יאָהרען עמאנציפאציע, אז אויך מיר לעבען ווי מענשען, מיר זענען גלייכבארעכטיגט צו באטייליגען זיך אינ'ם לעבען פון די מדינות און מען האט אָנגעהויבען אונז אָפּצאָה־לען, געבען אונז דעם פארדינטען שכר פאר אונזערע לייסטונגען און פארדינסטען! . . .

א שארפע כוואַליע פון האס, גאַליגע שנאה, די ווילדעסטע בלבולים, ספּעציעלע גזירות־רעות, באגרעניצונג פון יעדער ברע־קעל מענשליכער רעכט, צוגענומען אלעס, וואס מיר האָבען פאר־מאָגט, וואס מיר האָבען דורך אונזער מיה, שוויים און בלוט פארדינט און ערוואָרבען, פארטריבען אונז פון די פרנסות, וועלכע מיר האָבען אַליין באשאפען, פון די געשעפטען וועלכע מיר האָ־בען אויפגעבויט און אנטוויקעלט אין לאנד, און לסוף האט מען אונז, ווי מצורעים, ווי אנשטעקענדע, ווי די געמיינסטע פארברע־כער, אונ'ברחמנות'דיג, שוידערליך גרויזאם פארטריבען פון לאנד, אויסגעריסען מיטן שורש פון אונזערע איינגעפונדעוועטע דורות־

באזעסענע היימען און ווידער זיינען מיר געצוואונגען געווען צו נעמען דעם וואנדער־שטעקען אין האנט.

פאראַרימטע, נאקעט און באָרוויס, מיט צובלוטיגטע צעפּאַ־סעוועטע וואונדען אויפן קערפּער האָבען מיר ווידער געמוזט לאָ־זען זיך אויפן וואנדערונגס וועג און זוכען א שטיקעל מקום מנוחה, וואו מיר זאָלען קאָנען אוועקלייגען דעם צוקלאַפּטען קאָפּ און אָפּרוהען אונזערע מידע פיס, אויפשטעלען אונזער טראַג־בארע היים, אונזער אוראַלטע דורות׳דיגע סוכה, צו קענען צייט־ווייליג זיך באשיצען געגען דער פייערדיגער שנאה, וואָס האָט מיט פייער־שפּיזען פון יענע לענדער צובריהט אונזער קערפּער און די בייזע ווילדע חיות וואָס זענען אָנגערייצטע, ווי הונגעריגע לייבען און לעמפּערטען, גרייט געווען אונז צו פארצוקען.

אָט אזוי האָט מען אונז באצאָהלט, אָט דאָס איז געווען אונזער שכר, פאר אונזער פעהיגקייט, פאר אונזער ענערגיע, פאר די וויסענשאַפטסלייט, שרייבער, קינסטלער, דענקער, פילאָזאָפען און פּאָליטיקער, וואָס מיר האָבען געגעבען צו די לענדער, פאר די גוטס, פראָגרעס און פארבעסערונג וואָס מיר האָבען געבראַכט צו די מדינות, דערפאר האָט מען אונז שפּעטער, ווען מען האָט אונז ניט מעהר באדאַרפט, אוועקגעשטעלט מחוץ למחנה, אויסער דעם גע־זעץ, האָט מען אונז אין די לענדער ניט געלאָזט לעבען נישט בלויז אלס אידען, נאָר אויך נישט אַלס מענשען.

אויך היינט געפינען מיר זיך אין אַן עהנליכער לאַגע. א מוטנע כוואַליע פון אידען האַס, שטראָמט מיט אזא האַסטיגען אימפּעט איבער דער וועלט, צוברעכט אַלע צוימען, ווישט אָפּ אַלע גרעניצען, פליסט פון לאַנד צו לאַנד, פון פאָלק צו פאָלק, דראָ־הענדיג צו פארפלייצען די גאַנצע וועלט. די געפעהרליכע סם־המות׳דיגע מיקראָבען וואָס דער מוטנער שטראָם טראָגט מיט זיך, האַלט אונאויפהערליך מיט ריזיגע שנעלקייט אין פליסען ווי פון א בלוטיגען קוואַל פון דער פארשאָלטענער היטלעריסטישער דייטש־לאַנד און פון דאָרט צוגעהן זיך די גיפטיגע שטראָמען, איבער די ברעגען און גרעניצען פון אַזעלכע לענדער, וואָס זענען פריי־ער געווען, מעהר אָדער וועניגער, פריי פונ׳ם אַנטיסעמיטישען חולאת.

## ד ו ד   ק י ר ש ע נ ב ו י ם

די חיה׳שע קאַניבאַלע יודאָפאָביע און דער פאַרביטערטער פרעסערישער אידען האַס, וואָס ווערט מיט אזא פייערדיגען טוטאַנישען אייפער אויפן ווילדסטען אופן פאַרשפּרייט אין היטלער גיהנום, באַנוגענט זיך לחלוטין ניט מיט׳ן אייגענעם לאַנד, מיט׳ן פאַר׳סמ׳ען איין ווינקעל אין איראָפּע, נאָר רייסט זיך צו פאַרפלייצען די גאַנצע וועלט, די ווייטסטע לענדער, און האָט אפילו זיך שוין אַריבערגעכאַפּט דורך גרויסע ימ׳ען, אַהער צו אונז, אין דער פרייער מדינה, אויף דעם זייט קאָנטינענט.

דאָס וואָס קומט פאָר אין דייטשלאַנד, זינט דער אשמדאי פון די ברוינע מחבלים איז געקומען צו דער מאַכט, די רשעות׳דיגע גזירות, וואָס ווערען אונאויפהערליך פראָקלאַמירט צילענדיג צו באַרויבען די דייטשע אידען פון זייערע עלעמענטאַרע רעכט אַלס בירגער און אַלס מענשען, די גרויזאַמע באַרבאַרישע אָפיציעלע רעגירונגס פּאָליטיק, וואָס שטרעבט אונברחמנותדיג אויסצוראָטען, מיטן שורש אויסצוואָרצלען, די דייטשע אידען פון זייערע הונדערטער יעהריגער באַזעסענע היימען, פון זייערע איינגעפונדעוועטע, טיעף־פאַרוואָרצעלטע פּלעצער צווינגט זיי צו נעהמען דעם וואַנדערשטעקען אין האַנט, האָפענונגסלאָז און ציעללאָז לאָזען זיך וואַנדערען איבער מיט זיבען רינגען פאַרשלאָסענע טויערען פון דער וועלט פאַרן וואַנדערענדען איד — האָט אויף אזא אופן צוריק אויפגעלעבט דעם מיטעלאַלטער ניט בלויז פאַר די דייטשע אידען, נאָר די מיטעלאַלטערליכע שווידערליכקייטען און גרוילטאַטען זיינען געוואָרען די גרויליגע אימה׳דיגע שרעק פאַר דאָס אידענטום איבער דער גאַנצער וועלט.

די טייוואָלישע טריפה׳נע נאַצי געזעצען, וואָס האָבען אויפדאָס־ניי אויסגעגראָבען און אויפגעשטעלט די אַמאָליגע פינסטערע גהעטא פאַר די דייטשע אידען און האָבען מיט דעם באַשטעטיגט פאַר דער וועלט, אז אידען שטעהן אויסער׳ן געזעץ, האָבען אונז געבראַנדמאַרקט פאר דער וועלט, פאַר א ראַסע וואָס דאַרף איבערל, וואו מיר געפינען זיך, געשטעלט ווערען מחוץ־למחנה אַלס א נידריגערע קאַטעגאָריע — האָט ווי א וואולקאַנישער אויסברוך צוגאָסען זיך איבער דער וועלט און די קאָכעדיגע, הייס שפּייענדע לאַווע, האַלט גליהענדיג אין פאַרשפּרייטען זיך אין

אַלע לענדער, וואו אידען געפינען זיך, בריהט יעדער שפּאַן ערד וואָס זיי טרעטען און ברענט אויף יעדען פּלאַץ, וואו זיי וואוינען.

ווי אין אַ פיבער ברענען איצט די פעלקער מיט זייער האַס, גאַליגע שנאה, ברויזענדען גיפט געגען אידען. די פאַרבאַרגענע אינערליכע שנאה וואָס האָט געטליהעט אין יעדער לאַנד צווישען יעדער פאָלק, האָט דורך די צושפּריצטע וואולקאַנישע פונקען פייער וואָס פאַלען פון היטלער לאַנד, אויפגעבלאָזען אַזאַ פלאַמיגע שרפה פון אידען האַס אויף דער וועלט, האָט אַזוי פאַרגיפטעט דעם גייסט פון פעלקער, פון גאַנצע לענדער, אַז דער אַלגעמיינער אידישער מצב אויף דער גאַנצער וועלט, זינט נאָכ'ן צווייטען חורבן, איז אפשר נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי יאוש'דיג פאַר־צווייפעלט, מורא'דיג אויפגעטרייסעלט און דראָהענד־קאַטאַסטראָ־פאַל ווי איצט.

דער מעכטיג־ברויזענדער ים מיט גיפט, בעסטיאַלישע רויהקייט און גראָבע ברוטאַליטעט, וואָס האַלט לעצטענס, ווי אַ העליש פייער, אַלץ מעהרער אין פאַרשפּרייטען זיך איבער דער גאַנצער וועלט געגען אונז אידען, האָט מורא'דיג אויפגעטרייסעלט דעם באָדען פון אונטער אונזערע פיס און געשטעלט אין גרויס סכנה, די עקזיסטענץ פון דאָס אידישע פאָלק אין אַ סך לענדער.

צעהנדליגע טויזענטער אידען אין דייטשלאַנד ווערען מיט ווילדער אכזריות פון זייערע דורות'דיגע הונדערטער־יאָהריג איינ־געפונדעוועטע היימען מיט'ן שורש אויסגעריסען. הונדערטער טויזענטער אידען פון פוילען, ליטא, רומעניען, עסטרייך און אונגאַרן, אויסגעהונגערטע, דערשראָקענע, דענערווירטע, מיט אויס־געלאָשענע אויגען, פאַרצווייפעלטע און הילפלאָזע פּנים'ער, גרייט מיט'ן וואַנדער־שטעקען אין האַנט צו עמיגרירען, אפילו אונטער די הריי־חושך זיך צו ראַטעווען פון דער אָנגעצונדענער וועלט שנאה, וואָס ברענט און בריהט אויף זייערע קעפּ און אין זייער פּנים, אויף די אַקסלען און רוקען און זענען גרייט פאַרטצוזעצען דעם אוראַלטען היסטאָרישען מדבר־מאַרש וואָס זייערע אור־על־טערען האָבען אָנגעהויבען, בעת זיי זענען ארויסגעגאַנגען פון לאַנד מצרים.

דארום ווען די תורה האט אונז פארזאגט — בסוכות תשבו שבעת ימים, איז גלייך אויפ'ן פלאץ פאראן די ערקלערונג, באַ־דייטונג און טיפען רעיון פונ'ם געטליכען געבאט —

למען ידעו דרתיכם, כי בסכות הושבתי את בני ישראל, בהוציאי אותם מארץ מצרים.

די סוכה, דער שטענדיגער סימבאל פון גלות לעבען, פון זיין נע־ונד, ווען דער וואנדערער נעמט מיט זיך זיין פאלאטקע, וואו ער קומט שטעלט ער זי אויף, וואוינט אין איהר, א דירת־ארעי — א צייטווייליגע וואוינונג, דערמאנט אונז, אז די אוראלטע אי־דישע געשיכטע איז תמיד ניי, לעבעדיג, רעאל, אז דאס וואס האט געטראפען מיט אונזערע אורעלטערען, איז ניט געווען קיין צופאל פון געוויסע אומשטענדען אדער פלוצלונג אונפאראויסגע־זעהענע פאסירונגען, נאר איז פאראויס באשטימט געווארען פון וועלט באשעפער, דורכ'ן רצון־הבורא און אין יעדער דור האלט עס ווייטערדיג אין פארטזעצען, לעבט ממש דורך, כמעט אלעס וואס די ערשטע אידישע דורות האבען אין דער גאר אור־אלטער התחלה דורכגעלעבט און געליטען.

ווען דער יום טוב סוכות קומט, דער איד געהט אריין אין סוכה דערזעהט ער אין די צונויפגעשלאגענע וואקלדיגע סוכה ווענטלאך וואס האבען גרויסע שפאלטען, און ווען א קליין ווינטעל בלאזט אריין, יאגט דאס אלסדינג אוועק, ניט בלויז א סימבאל פון דער פארגאנגענהייט, פון אלטערטום, פון דער מדבר מיט זיין היימלאזיגקייט, אונזיכערקייט, געפאהר און שרעק. — ער דערפיהלט זיך ענג פארבונדען מיט זיין נשמה און גוף, מיט פלייש און ביין צו די קינדער פון ישראל, וואס זענען געזעסען אין סוכות, ווען זיי האבען געוואנדערט אין דער מדבר, ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים.

ווייל זינט מיר זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, האלטען מיר כמעט כסדר אין וואנדערען. די גאנצע וועלט איז פאר אונז א גרויסע וויסטע מדבר, דער באדען אונטער אונזערע פיס איז קאכעדיג הייס, בריהט און ברענט אונזערע טריט. די לופט, די אטמאספערע, איז פאר אונז אן אנגעהייצטע, א שטיקענדע, א פארפעסטעטע, א פארגיפטעטע, פייערדיגע סם־המות'דיגע פיילען האל־

טען אונאויפערליך אין פאלען אויף אונזערע קעפ, אויף די אקס־לען אויפ'ן רוקען און אין פנים אריין, לעבערען, פארוואונדען, צו־פאסעווען אונזער גוף, געלינגט אונז ערגעץ אין דער וויסטער מדבר אפצושטעלען אונזער וואנדערונגס מארש, אפצוכאפען דעם אטעם, אפרוהען אונזערע מיעדע פיס, מיר בילדען היימען, בא־שיצונגס ביידלאך פאר די חיה'שע ציין־קרייצענדע וועלף, וואס שטרעבען אונז צו פארצוקען, כאטש לעבעדיגערהייט אונז אויפ־צופרעסען, עוקר מן השורש צו זיין. דאכט זיך אפט, אז די בייד־לאך זענען דויערהאפטע, איינגעפונדעוועטע, פארוואָרצעלטע, אז קיין בייזער ווינט, קיין שטורם, וועט ניט ביכולת זיין זיי אומצו־ווארפען, אויסצורייסען און אז די חיות־רעות וועלען קיין שליטה גיט האבען. געדויערט דאס אבער ניט לאנג, פריער אדער שפע־טער, קומט א שטורם ווינט, טראגט מיט זיך שרעקליכע פינסטערע כוחות, פארחושכ'ט די זון פאר אונז, רייסט זיך גרויזאם אריין אין אונזערע געצעלטען, צושטערט ברוטאל אונזערע מנוחה־דיגע ביידלאך, רייסט מיט'ן ווארצעל ארויס אונזערע היימען און ווי־דער זענען מיר געצוואונגען פארטצוזעצען אונזער וואנדערונגס מארש אין דער ציללאזער אונענדליך ברייטער וויסטער מדבר'דיגער וועלט.

זיצען מיר אין סוכות אין א דירת ארעי, ניט בלויז זיבען טעג, נאר דאס גאנצע יאהר, אומעטום זענען מיר פראוויזארישע איינ־וואוינער, איבעראל האלט מען אונז פאר פרעמדע, מעגען מיר הונ־דערטער יאהרען וואוינען אין א לאנד, ווערען מיר אלץ ניט פאר־רעכענט פאר תושבים־קבועים, די גאנצע וועלט ווארפט זיך ארום מיט אונז, ניטא קיין זיכער ווינקעל אויף דער וועלט פאר אונז, ניטא קיין זיכערער סכך, קיין שטארק באשיצטער דאך איבער אונ־זערע קעפ, אז מיר זאלען קענען ווען עס רעגענט, האגעלט אדער שטורמט, ווי אנדערע מענשען, לויפען אהיים אין דער אייגענער וואוי־נונג אריין, אין דער דירת־קבע, אינ'ם שטארקסטען שלאקס־רעגען, געפערליכסטען האגעל, ווילדעסטען שטורם, מוזען מיר אונבא־שיצט בלייבען אויפ'ן נאס, אונטערען פרייען הימעל, די שווערסטע שטיינער, טויטליכער האגעל און פארוויסטונג פאלט דעריבער תמיד אויף אונזערע קעפ.

און ניט בלויז וואוינען מיר א גאנץ יאהר אין א דירת ארעי, אין סוכות, נאר אונזער לעבענס עקזיסטענץ א גאנץ יאהר, איז באגרינדעט על פי דיני הסוכה.

מיר האלטען אין לויפען יעדער טאג אין יאהר, פון איין לאנד צום אנדערען, פון איין דירת־ארעי צו דער צווייטער, אויסגעהונ־גערטע, פאר'חלש'טע, שטופען מיר זיך צוזאמען אויף איין פלאץ אין אן ענגעניש בלויז כדי יוצא צו זיין ידי חובת סעודה, צו דערהאלטען דאס חיות. אין ערגעץ לאזט מען אונז נישט די פיס אין דער דירת־ארעי פעסט אוועקשטעלען, מען ווענדעט געגען אונז אן די דינים פון דירת־ארעי, — ראשו ורובו ושלחנו בתוך הסוכה, מעגען די פיס בלייבען אינדרויסען, חוץ לסוכה, מחמת תמיד דארפען מיר האלטען די פיס גרייט ווייטער צום געהן, צו וואנדערען. אויך דעם סכך, וואס מיר האבען אין די סוכות אין די פראוויזארישע וואוינונגען, פון טייל לענדער איז אזא דינער, צעשוואומענער, אז מען קען איהם נישט צושלאגען מיט נעגעל, ער זאל זיך פעסט האלטען. אזוי לייכט, גרינג, העננגט דער סכך אלס אונזער באַ־שיצונג, אז יעדער פרישער ווינטעל וואס גיט א יאג, איז איהם אומשטאנד ארונטערצובלאזען.

און אויב טראץ דעם גרויסען אונענדליך היסטארישען גלות מארש, די שווערע לעבענס באדינגונגען פון שטענדיג זיין אונטער־וועגענס, דאס אויסהאלטען און אריבערטראגען די שרעקליכע יסורים, ענוים, ליידען, פון ווייסטער וואנדערשאפט, דעם פיינליך גרויזאמען דערשיטערטען מארטירער וועג, וואס מיר האבען פאר די לעצטע צוויי טויזענט יאהר דורכגעטראגען און איבערגעלעבט און מיר זענען ניט דערטרונקען געווארען אינ'ם ים פון פארגאסענעם בלוט און טרערען, מיר האבען ארויסגעוויזען העלדענמוט, שטאלענעם אויסדויער, אן אונערשעפליכען מקור פון לעבענס פרייד, אז אפילו די עראינערונג פונ'ם אנפאנג פון אונזער אוראלטען טראגיש היסטארישען מדבר מארש, וואס מיר האלטען עד היום אין פארט־זעצען, איז ביי אונז פארדרעכענט פאר א יום טוב, א צייט פון פרייד, — זמן שמחתנו — איז דאס נאר א דאנק די ענני כבוד, די געטליכע וואלקענס פון יענער גרויסער פעלזען פעסטער סוכה, וואס דער אויבערשטער האט די בני־ישראל ארומגערינגעלט, ווען זיי

זענען ארויסגעקומען פון מצרים צו באשיצען זיי פון דער ברע־נענדער זון און אויסערליכע מזיקים, וואס באגלייטען אונז, ביז'ן היינטיגען טאג אויף אונזער וואנדערונגס וועג אין גלות און זענען א שמירה מעולה, א הייליגער פאנצער, געגען אלע אונזערע שונאים, געגען יעדער אומה ולשון, וואס האבען אין אלע צייטען במשך פון אונזער גלות לעבען, געשטערבט און געציעלט אונז אויסצוראטען און צו פארניכטען.

די אידישע סוכה אהן א פעסטען באדען, אהן געמויערטע ווענט, דער דאך א שיטערער און שטענדיג געלעכערטער, דער רע־גען גיסט אריין, פאלען שטיינער אויף אונזערע קעפ, בלאזען אריין שטורם ווינטען, לעשען אוים אונזערע ליכט, מיר בלייבען אפט אין דער פינסטערניש, תמיד שטעהן מיר גרייט מיט'ן וואנדערשטעקען אין האנט צו פארלאזען די צוזאמענגעשטעלטע סוכה און ווייטער וואנדערען. פונדעסטוועגען זיינען מיר שטענדיג אפטימיסטיש, האפענונגספול און שמחה'דיג, ווייל דורך דעם געלעכערטען דאך פון אונזער סוכה זעהט זיך ארוים דער הימעל און די שטערען, וואס באשיצען אונז אין אלע דורות אין אונזער נע־ונד לעבען אויף אונ־זער מדבר־דיגען וואנדערונגס מארש.

די סוכה, וועלכע איז א זכר לעננני הכבוד — צו דערמאנען גאט'ס חסדים, וואס ער האט אונזערע אבות אבותינו אין דער וויס־טער מדבר געשיצט געגען אויסערליכע מזיקים און משחיתים, געגען בייזע חיות־רעות און ווילדע פארדערבליכע שטורמס — דינט אונז נאך ביז היינט אין אונזער טראגישען גלות לעבען פאר הגנה והצלה, באשיצונג און רעטונג, ברענגט אונז טרייסט און האפענונג, שטארקייט און דערמוטיגונג, אמונה און בטחון, אז ס'וועט ענד־ליך מוזען אמאל נעמען א סוף צו אונזער נע־ונד לעבען, צו אונ־זער ארום בלאנזשען ווי אויף אן עולם־התוהו. מיר וועלען ווערען א פאלק מיט פעלקער גלייך, באזעסען אויפ'ן אייגענעם באדען אין דעם פארשפראכענעם לאנד, וואס גאט האט ארייננעבראכט אונזערע עלטערען נאך דעם, ווי זיי האבען פערציג יאהר אין דער וויסטער מדבר געוואנדערט.

אט דער אלטער אידישער בטחון און גלויבען, וועלכער האט אונז דורכגעפיהרט דורך אלע געפאהרען און פארפאלגונגען, גע־

שטאַרקט און געמוטיגט אונז בעת די גרעסטע נויטען און קריזיסען, האָט אונז אויפגעהאַלטען און געגעבן כוחות אַריבערצוטראָגען די פאַטאַלסטע מאָמענטען, ווערט אין הארצען ביים איד, יאָהר יעהרליך, מעהר געשטאַרקט און אינסטינקטיוו פארפעסטיגט ווען ער פּראַוועט זיין יום־טוב סוכות.

ווען דער איד געהט אריין אין סוכה, אין דעם אָרימען שוואַכען ביידעל, אינ׳ם צונויפגעשטעלטען אוהל, וואָס איז פאר איהם אַ זכר פון די פּראָוויזאריש פּרימיטיווע פּאַלאַטקעס, וואָס זיינע עלטערען זענען געזעסען, בשעת זיי זענען ארויסגעגאַנגען פון מצרים, אויפ׳ן וועג צו דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד, הויבט ער אויף זיינע אויגען צום סכך, דערזעהט ער די ליכטיגע שטערען וואָס לייכטען און פינקלען אריין אין סוכה, ווערט דעם איד׳ס הארץ אָנגעפילט מיט גרויס שמחה. דער אַבסטראַקטער אַלטער אידישער בטחון, דער גרויסער גייסטיגער עסענציעלער כוח, דער מעכטיגער לעבענס רעזערוואואר פון די אידישע אומה, דערזעהט דער איד אין סוכה פאַר קאָנקרעט און ממשות׳דיג, ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט, ער זעהט ממש מיט די אייגענע אויגען אַרומגערינגעלט זיך פון די ענני כבוד און פיהלט זיך זיכער און באַשיצט, אַז די ערגסטע שונאים וועלען איהם ניט קאָנען פאַרניכטען, ווייל דער רבונו של עולם אַליין איז זיין סכך!

אויך אין דער איצטיגער שוידערליך־בלוטיגסטער צייט אין אונזער גלות, אין דער שרעקליכסטער טרויעריגער ערא פון דאָס אידישע פאָלק, ווען פון אַלע ווינקלען פון דער ערד האָט מען זיך אויף אונז ארויפגעוואָרפען צו פאַרטיליגען און פאַרניכטען. מיר ווערען געהאסט, געיאָגט און פארפאָלגט. כמעט די גאַנצע וועלט איז פאַר אונז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ ברענענדיגען מדבר, דער באָדען אונטער אונזערע פיס איז ווי אַ הייסער קאַלך־אויווען, ווערען מיר דאָך ניט פאַרצווייפעלט און אַפּאַטיש. מיר זענען געוואוינט געוואָרען צו די מדבר־דיגע ליידען, צו די יסורים און מאַטערנישען פון וואַנדערען. די השגחה האָט אונז פריער צוגעגרייט מיט די נויטיגע מדבר דערפאַהרונגען ווען אונזערע עלטערען זענען ארויסגעגאַנגען פון מצרים, — „כדי מיר זאָלען געדענקען דעם

וועג, וואָס נאָט האָט אונז געפיהרט, פערציג יאָהר אין דער מדבר צו פלאָגען און איינגעוואוינען זיך" —

וזכרת את כל הדרך, אשר הוליכך ד' אלקיך זה ארבעים שנה במדבר למען ענתך לנסתך.

זינט יענער מדבר וואנדערונג טראָגען מיר דעם משכן אויף אונזער וואנדער וועג, מיר וואנדערען נים אליין, די שכינה וואנדערט מיט אונז אין גלות —

בכל מקום שגלו ישראל, גלתה תורתו עמו, גלתה שכינה עמו — דער עמוד הענן און דער עמוד האש, די ענני הכבוד, די געטליכע פעלזען פעסטע סוכה באגלייט אונז שטענדיג און איבעראל, און הינטער דעם ים פון אידישע יסורים און לײדען פון וויסטען חושב'דיגען מדבר, לייכט, פינקעלט און וואונקט אין דער אידישער סוכה דער אויפגעהענדער ליכטיגער מזרח שטערען, וואָס רופט די אידישע וואנדערער זאָלען קומען אויפשטעלען זייערע געצעלטען, זייערע סוכות אין דעם פארשפראָכענעם לאנד פון אידישער איי־בינקייט, אינ'ם לאנד פון זייערע עלטערען, אויפ'ן אייגענעם באָדען, וואו זייערע געצעלטען וועלען זיין פעסטע, זיכערע, טיעף פאר־וואָרצעלטע, א געזיכערטע נאַציאָנאלע אידישע היים — אן איי־ביגע ד י ר ת ק ב ע!

# סוכות — דער „חג האסיף"

ווען דאָס אידישע פאָלק איז געווען באזעסען אין אייגענעם לאַנד, אויפ'ן אייגענעם באָדען, איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו, געווען אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך, איז סוכות געווען דער פאַר־בענרייכסטער, פרייליכסטער, לוסטיגסטער אידישער יום טוב.

סוכות — דער חג האסיף, דער אַגריקולטורעלער יום טוב, ווען דער אידישער פאַרמער האָט אָפּגעשניטען די תבואה פון פעלד, אַרונטערגענומען די פרוכט פון די גערטנער, אָפּגעריסען די ציט־רוסען און וויינטרויבען פון די סעדער, זיינע שייערען און ווייןקעלטערס זענען ביז'ן דאַך אָנגעפילט געוואָרען מיט כל־טוב, ער איז עקאָנאָמיש פאַרזאָרגט געווען פאַר'ן גאַנצען קומענדען יאָהר, האָט די צופרידענע זאַטקייט, די גליקליכע שפע, די זאָרגלאָזיגקייט פאַר פּרנסה זיין גאַנצען גוף מיט איבערגעפּליסטע חדות־הנפש אָנגע־פילט, אַן אינסטינקטיווער געפיהל האָט געריסען זיך אויסצוזינגען אַ שבח והודיה, אַ לויב און דאַנקבאַרקייט צו דעם, וואָס האָט גע־געבען דעם טל־ומטר אין צייט, די ערד באַפרוכפּערט, די בוימער מיט זאַפטיגע פּירות באַהאָנגען, ובכלל דערמעגליכט דאָס אַלדאָס גוטס, דורך זיין ברכה וואָס ער האָט געשיקט אין פעלד און אין גאָרטען, זענען די טעג פון געבענטשטעסטער צייט פון יאָהר, גע־ווען די פייערליכסטע, שמחה'דיגסטע אין דעם אידישען לאַנד, אין ארץ ישראל.

און געווען איז דער חג האסיף — די זאַטע פרייד, פון דער יעהרליכער תבואה זאַמלונג, ניט בלויז דער יום טוב פון אַגריקולטו־רעלען אידישען עלעמענט, ניט בלויז די שמחה פון אידישען פאַר־מער, פון פעלד אייגענטימער און אידישען פעלד אַרבייטער, ניט קיין אינדיווידועלער באַלעבאַטישער אָדער משפחה'דיגער יום טוב, נאָר אַן אַלגעמיינע קאָלעקטיווע פאָלקס־פייערונג פון אַלע איינ־וואוינער, פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין לאַנד, פון אַלע

קלאסען, פון רייכען ביז דעם אָרימען, פון באַזעסענעם און פרעמ־דען, פון יתום און אַלמנה — אַ נאַציאָנאַלער באַשטימטער פאָלקס יום טוב איז געווען אין אידישען לאַנד, דער באספכם את תבואת ארצכם.

ווייל די ברכה, וואָס גאָט שיקט אין פעלד און אין גאָרטען איז לחלוטין ניט פאר קיין יחיד, גרופע, אָדער איינצעלנע קלאַס, ניט בלויז פאר די פעלד און גאָרטען אייגענטימער. גאָט׳ס ברכה איז אוניווערסאַל, איז אויף אַלעם און אַלעמען שולט, אויפ׳ן רשע און צדיק —

„גדול יום הגשמים מתחית המתים, דאלו תחית המתים לצדיקים ואלו גשמים בין לצדיקים בין לרשעים״ (תענית דף ז׳ ע״א).

— אַלע לעבעדיגע ברואים זענען ביי גאָט גלייך, אַ גערעטעניש אין די תבואה איז אַ ברכה ניט בלויז פאר׳ן לעבעדיגען מענשען, נאָר אפילו פאר די חיות אין פעלד. פון די תבואה אין פעלד איז אָפּהענגיג דער סאָציאַלער וואוילשטאַנד פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד, די רוהיגקייט פון דער געזעלשאַפט, דער עקאָנאָמישער מצב פון דער מדינה, די פינאַנציעלע פעסטקייט פון דער מלוכה. אַן אונגערעטעניש אין פעלד איז אַ קללה פאר אַלעמען. דעריבער איז דאָס פאַרזאַמלען די תבואה פון פעלד און אין גאָרטען ניט בלויז אַ לאָקאַלער יום טוב פון אַן איינצעלנער גרופע אָדער קרייז, נאָר אַ נאַציאָנאַלער יום־טוב, אַ פאָלקס יום טוב.

ובכדי דער יעהרליכער חג־האסיף, וועלכער איז אַ יום־טוב פון קערפערליכער זאַטקייט, פון חומר׳דיגע צופרידענהייט, פון ערדישע שמחה, זאָרגלאָזע פרייד, פון האָבען גענוג פאר אַ יאָהר תבואה פאַרזאַמעלט אין שייער און דער רויטער וויין שטראָמט פון די קעלטערס, זאָל ניט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ פייערונג פון ריינער קערפערליכער תאוה, וואָס דערוועקט די נידריגסטע מענשליכע אינ־סטינקטען, ברייננגט דעם מענשען צו זינד און ער ווערט פאַרבלענדעט, פון דעם פאַרפיהרערישען שיין פון ציטווייליגער גשמיות׳דיגער פאַרגע־ניגען, וואָס קאָן גורם זיין, אַז דער איד זאָל אין צייט, פון עולם־הזה׳די־גען קערפערליכען תענוג און פון טרינקען דעם רויטען וויין, פאַר־געסען אין זיין באַשעפער, ניט געדענקען, אָדער מבטל מאַכען דעם

איבערשטענס ברכה וואס ער האט געשיקט אין זיין פעלד און זיין גארטען.

ורם לבבך ושכחת את ד׳ אלהיך!

ער וועט ווערען שטאלץ, גאוה׳דיג, טראציג, וועט זיך גרויס האלטען מיט זיין עשירות וועט ווערען א גאנצער חכם, טראכטען ביי זיך

— כוחי ועצם ידי עשה לי את החיל הזה.

די ארויסגעגעבענע עשירות און זאטקייט פון די פעלדער איז נאר א דאנק מיין באארבייטען, אקערען, זייען און פלאנצען, צו־ליעב מיין גרויסע חכמה און קלוגשאפט האב איך זיך דערווארבען אזא עשירות פון תבואה, ווייו און בוימעל, דער דאנק איז מיי־נער, קיינער האט מיר ניט געהאלפען, האט דערפאר די תורה אנגעזאגט דעם איד —

באספכם את תבואת הארץ תחגו את חג ד׳.

ווען איהר וועט איינזאמלען די תבואות פון לאנד, וועט אנפילען אייערע שייערען און קעלטערס מיט אוצרות תבואה, וועט זיין באזארגט מיט זאטקייט פאר׳ן גאנצען יאהר, זאל אייער פרייד פון דערווארבענע עשירות, אייער פייערונג פון צופרידענער רחבות, ניט פארוואנדעלט ווערען אין א יום טוב פון אייגענעם דאנק, פון לויבען און דאנקען די אייגענע נאטירליכע כוחות, די ענערגישע ארבייטסזאמקייט פון די הענט און די פרוכטבארקייט פון דער ערד.

וזכרת את ד׳ אלהיך, כי הוא הנתן לך כח לעשות חיל.

געדענקען זאלסטו, אז גאט דיין גאט, ער גיט דיר כוח אנ־צוזאמלען עשירות, דיין גאנץ פארמעגען איז דיר ניט געקומען פון דיין ארבייטזאמקייט, פון דיין פיזישער אנשטרענגונג און דיין חכמה. אלץ איז פון גאט. זאלסטו דערפאר זיך ניט גרויס האלטען. זיי ניט טראציג, האסט ניט מיט וואס צו שטאלצירען, דיין גאנץ פארמעגען קומט פון גאט׳ס ברכה, פון גאט׳ס חסד. דארפסטו דעריבער אין דעם יום טוב פון קערפערליכער פרייד, פון שפע־דיגער זאטקייט גאט דאנקען, ווייל גאט האט געבענשט דיין תבואה אין פעלד און די ארבייט פון דיינע הענט.

האָט דעריבער די תורה, פאַר דעם בחמשה עשר יום לחודש השביעי באספכם את תבואת הארץ, פאַר דעם אַגריקולטורעלען אידישען יום־טוב, פאַר דעם קערפּערליך גשמיות׳דיגען זמן שמחתנו, באַשטימט אינ׳ם זיבעטען חודש, באחד לחודש, יהיה לכם שבתון זכרון תרועה, ובעשור לחודש השביעי הזה, יום הכפורים הוא ועניתם את נפשתיכם, די ימי־נוראים, — טעג, ווען מיר מאַכען א חשבון־הנפש מיט זיך אליין, מיר האָבען חרטה און טאָהן תשובה אויף אונזערע זינדיגע מעשים, בעטען ביים רבונו־של עולם מחילה און סליחה. מיר אַנערקענען אונזער אייגענע נישטיגקייט, אונזער חומר׳דיגע ווערטלאָזיגקייט, אדם יסודו מעפר וסופו לעפר. אָט די טעג פון דערהויבען זיך גייסטיג פון דער ערד און דערנעהענטערען זיך צום הימעל זענען אין דער תורה באַשטימט געוואָרען, פאַר דער התחלה פון אידישען חג־האסיף

— וזכור את בוראך.

צו געדענקען דעם באַשעפער אין הימעל פאַר דער צייט פון זאַטער פרייד, פון קערפּערליכען תענוג, כדי זאָלסט זיך ניט גרויס האַלטען מיט דיין מענשליכער קראַפט, מיט דיין ענערגיע און פעהיגקייט און טראַכטען אז דו ביסט דער פיהרער און באַהערשער פון דער וועלט. פאַרגעטער ניט די נאַטור, פאַרהייליג ניט דאָס מאַטעריעלע, דאָס ערדישע, דאָס שטאָפּישע, געדענק אין הימלישען באַשעפער וואָס האָט דאָס אַלעס באַשאַפען, די גאַנצע וועלט מיט די נאַטור איז ניט דיינע, אַלץ האָסטו במתנה, דיינע טעג זענען —

בצל עובר וכענן כלה.

די לופט צו אָטעמען, די ליכטיגקייט פון די זון, די ברכה פון דער ערד, די תבואה פון פעלד און וויין פון קעלטער — אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט, איז נאָר א דאַנק דעם אויבערשטענס חסד, אַלץ איז אונטער דעם אויבערשטענס השגחה און געטליכען רצון. ער האָט דיר באַפוילען צו פייערען דעם יום טוב, דעם חג־האסיף, טאָר דעריבער די פייערונג ניט זיין אויסשליסליך קיין מאַטעריאַליס־טישע, קיין קערפּערליכע, פון בלויזער אייגענער זעלבסט צופרידענ־הייט —

וחגתם אתו חג לד׳ — א פייערונג צו גאָט, א דאַנק און לויב

צום אַלמעכטיגען, אַ נשמה׳דיגע גייסטיגע פאַרטזעצונג פון די הייליגע פאַרכטיגע טעג — די ימי נוראים.

היות אָבער ווי דער מענש איז אַ קערפּערליכעס וועזען, אַ שטיק חומר, וואָס איז נעהנטער צו דער ערד ווי צום הימעל, ציהט זיין יניקה, זיין שפּייז פאַר׳ן אויפהאַלט פון זיין גוף, גלייך ווי די בהמה און חיה, ער האָט ניט קיין גרענעץ צו זיינע לײדענשאַפטען, קיין אינסטינקט וואָס זאָל רעגולירען, צוימען, ביז אַ געוויסער מאָס צופרידענשטעלען זיינע פאַרלאַנגען, קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז אין די טעג פון שמחה, פון עסען און טרינקען, פון פאַרגע־ניגען און פרעהליכקייט, זאָל דער איד פאַר׳שכור׳ט ווערען פון לוסט און קערפּערליכע הנאה, אריינפאַלען אינ׳ם דינסט פון תאוות, קאָנצענטרירען אַלע זיינע חושים, ווי אַזוי מעהר הנאה צו האָבען פון דעם גשמיות׳דיגען יום־טוב, וואָס מעהר זעטיגען דעם גוף מיט רויטען וויין, וועט ער דאָרום ווערען ביי זיך טראָציג, גאוה׳דיג, שטאָלץ, וועט פאַרגעסען דאָס געטליכע, דאָס נשמה׳דיגע, דעם חלק אלקי ממעל וואָס איז אין איהם, דאָס גשמיות׳דיגע, דאָס גראָבע, דאָס חיה׳שע וועט קריגען די אויבערהאַנד, זאָלסטו דעריבער די זיבען טעג יום טוב פייערען —

במקום אשר יבחר ד׳.

אין דער הייליגער שטאָדט ירושלים זאָלסטו עולה־רגל זיין, לראות את פני ד׳, דאָרטען וואו גאָטס הויז געפינט זיך, גאָט׳ס הייליגע וואוינונג, דאָרטען אינ׳ם גייסטיגען אידישען צענטער, זאָלסטו מיט פרייד און הלל געזאַנג דאַנקען דעם בורא פאַר דער ברכה און שפע, וואָס ער האָט דיר געשיקט אין דעם פעלד און גאָרטען, אין דיין ווירטשאַפט און הויז, ווייל דיין גאַנץ עשירות, אַלץ וואָס דו האָסט איינגעזאַמעלט, וואָס דערפאַר ביזטו פרעהליך, פייערסטו דעם חג האסיף, קומט דיר פון בורא אלס מתנת חנם, דאָרום דאַרפסטו בלויז דעם בורא דאַנקען און ניט קיינעם.

און אין דער צייט, ווען דו וועסט עולה־רגל זיין קיין ירושלים, וועסט אויסגעבען דיין געלד —

בכל אשר תאוה נפשך, בבקר ובצאן, וביין ובשכר, ובכל אשר תשאלך נפשך, ואכלת שם, לפני ד׳ אלקיך, ושמחת אתה וביתך.

וועסט עסען און טרינקען, זיין פרעהליך און לוסטיג, דאנקען און לויבען גאָט, וואָס האָט דיך מיט דיין בני בית פאַרזאָרגט מיט פרנסה פאר'ן קומענדען יאָהר, וועסט פייערען דעם חג האסיף בהרחבה, מיט זאָרגלאָזער צופרידענהייט, מיט זאַטער פרייד —

והלוי אשר בשעריך לא תעזבנו, כי אין לו חלק ונחלה עמך.

זאָלסטו דעם לוי אין דיין שטאָדט ניט פארלאָזען, גאָט'ס באַ־דינער, דיין גייסטיגער פיהרער, וואָס לערנט גאָט'ס תורה, פארשפּרייט גאָט'ס וואָרט, ס'איז דיין חוב, דיין מאָראַלישע פליכט, איהם צו העלפען, ווייל ער האָט ניט קיין חלק און קיין נחלה אין לאַנד, אזוי האָט גאָט באַשטימט דעם שבט לוי — לעמוד לפני ד' לשרתו ולברך בשמו.

זיין באַשעפטיגונג איז בלויז א גייסטיגע, שטעהן פאר גאָט און דיענען איהם און בענשען די אידען מיט דעם נאָמען פון גאָט, דעריבער איז גאָט'ס ברכה אין דיין פעלד און גאָרטען אויך גע־ווען פאר'ן לוי'ס וועגען. גאָט האָט דיר מעהרער געגעבען, כדי דו זאָלסט האָבען אוועקצונעבען, שפּייזען, העלפען, דיין גייסטיגען פיהרער, דעם לוי, און דיין פארזאַמעלטע תבואה און אין דיין גאַנץ צונויפגעזאַמעלטע פארמעגען געפינט זיך אן איבריג חלק, וואָס באַלאַנגט ניט צו דיר, וואָס גאָט האָט דיר מעהרער געשענקט, דאָס איז ניט דיינס, דאָס איז פון גאָט'ס ברכה, דאָס איז פאר'ן לוי'ס וועגען, וואָס דינט גאָט ווען דו אַרבייטעס אין פעלד. אזוי ווי דיין באַשעפטיגונג איז א פיזישע, א מגושמ'דיגע, א מאַטע־ריעלע, — אַרבייטען, האנדלען, אויפצוהאַלטען דעם חומר, דעם גוף, האָט דער לוי, דער גייסטיגער פאַרשטעהער פון דיין געמיינ־רע, א נשמה'דיגע, אן אבסטראַקטע באַשעפטיגונג, אויפצוהאַלטען און פארשטאַרקען דאָס גייסטיגע, דאָס הימלישע, דאָס געטליכע אין דער געמיינדע פון דיין שטאָדט. האָט דערפאר דער לוי, דער גייסטיגער פאַרשטעהער, פון דיין געמיינדע א חלק אין דיין מאַ־טעריעלען דערפאָלג, און דו האָסט א חלק אין לוי'ס תורה, דאָס איז דער אַלטער שותפות פון יששכר און זבולן, דאָס גייסטיגע, נשמה'דיגע פון יששכר מיט דאָס מאַטעריעלע מסחר'דיגע פון זבולן גיט דעם פאָלק א נאַציאָנאַלען אינהאַלט און מאַכט דאָס

פאָלק פאר איין איינהייטליכעם, גאנצעם, צוזאמענגעבונדען גוף מיט נשמה.

אויך דיין אָרימען גוטבאַדערפטיגען אידישען ברודער זאָלסטו אין צייט פון דיין זאטקייט, פון דיין שפע, ווען דו האָסט אָנגע־זאמעלט עשירות, ניט פארגעסען און ניט פארלאָזען —

פתח תפתח את ידך לאחיך לעניך ולאביונך.

עפענען זאָלסטו דיין האנט, פאר דיין אָרימען עלענדען אידישען ברודער, ווען גאָט וועט דיך באגליקען, וועסט נתעשר ווערען, זאָלסטו איהם העלפען ניט מיט בלויזע צדקה, מיט נדבות, מיט פילאנטראָפיע, נאָר אויף אַ קאָנסטרוקטיווען ווירדיגען אופן, פארשעהם איהם ניט, לאָז איהם ניט פאלען, דו גיסט איהם ניט קיין מתנה, דיין עשירות איז ניט אויף תמיד, אלץ איז אָבהענגיג פון גאָט'ס ברכה, און צו גאָט'ס ברכה איז אויך דיין אָרימער אידישער ברודער אַ שותף, ער האָט אויך אַ חלק אין דער ברכה, וואָס גאָט האָט דיר געשיקט אין דיין פעלד און אין דיין פארמעגען —

ולא ירע לבבך בתתך לו.

זאָל דיך ניט פארדריסען אין הארצען וויפיעל דו וועסט איהם געבען, וועסטו איהם אפילו הונדערט מאָהל העלפען, איז דאָס אלץ ניט דיינס, איז דאָס ניט דיינס קיין מתנת חנם,

— כי בגלל הדבר הזה, יברכך ד' אלהיך בכל מעשיך ובכל משלח ידיך.

וואָרום דעריבער האָט גאָט געבענשט דיך אין אלע דיינע אונטערנעהמונגען, אָהן אָרימאַנס חלק, וואָלסטו בודאי געהאַט וויינינער, דיין עשירות וואָלט געווען קלענער, העלפסטו ניט דעם אָרימען אידישען ברודער, פארמאכסטו דיין האנט, פארשליסטו דיין טיר פאר איהם, פארנעהמסטו פרעמדעס, דעם אָרימענס נויטבאַ־דערפטיגענס חלק וואָס געפינט זיך אין דיין פארמעגען, באַ'גזל'סטו דעם עני און אביון. דערפאר האָט גאָט געבענשט די ארבייט פון דיינע הענט זאָלסט זיי האלטען אָפען פאר'ן אָרימען און נויט־לײדענדען. דיין זאטע צופרידענהייט וועט זיין מעהר באפרידיגט, פאָלקאָמענער, וועסט אַ גרעסערן פארגעניגען האָבען פון דיין עשירות, ווען דו וועסט דעם יום־טוב פון איינזאמלען פייערען, ווען דו וועסט וויסען אַז אויך דיין אָרימער אידישער ברודער איז פארזאָרגט, וועט

דאָס אַנקומענדע יאָהר זיין זאַט, וועט ניט הונגערען, וועט אויך זיין צופרידען.

ווייל ווי אזוי קאָנסטו זיצען ביי דיין רייך געדעקטען טיש, הנאה האָבען פון די בעסטע מאכלים, זעטיגען דעם גוף מיט וואוילטאָג, זאָרגלאָז, שמחה׳דיג צופרידען, גליקליך, פאַרברענגען צוזאמען מיט דיין בני בית, געקליידעט אין יום־טוב׳דיגע מלבושים פרעהליך, לוסטיג, בהרחבה׳דיג פייערען דיין יום־טוב, אין דיינע שיינע אויסגעפוצטע רייך מעבלירטע צימערען, בעת דיין אָרימער אידישער ברודער, לעבט אין גרוים דלות, ליידט נויט און דחקות, זיצט מיט זיין משפחה, ביי איין אָרימען מאָגערען טיש, פייערט דעם יום־טוב פון חג־האסיף, מיט טרויער און זאָרג פאר׳ן מאָרגען, מיט שרעק און פארצווייפלונג פאר דער צוקונפט, קיין פונק פון פרייד, קיין שטראל יום־טוב׳דיגע ליכטיגקייט איז קענטיג אויף די אויסגעהונגערטע פארשמאכטע פנים׳ער פון זיין בני־בית ? ווי אזוי קענסטו דערוואַרטען, אַז דער יום טוב זאָל זיין אַ פאָלקאָמענער, אַ שמחה שלמה, אַ פאָלקס פייערונג, פון אַלע קלאַסען, פון רייך און אָרים, פון בעל־הבית און ארבייטער, פון עושר און אביון ?

אויב ס׳איז נאָר פאראַן אונגלייכהייט, באַזונדערע קלאַסען, גליקליכע און אונגליקליכע, זאטע און הונגעריגע, באַקליידעטע און נאַקעטע, איז די שמחה, דער יום־טוב, בלויז פון איין קלאַס, פון איין גרופע, פון איין שטאנד, פון די גליקליכע, זאטע, און צו־פרידענע, טראָגט דער יום טוב ניט קיין פאָלקס־כאראַקטער, הערשט דעריבער צרת־עין, פארדראָס, קנאה און שנאה, האָט דעריבער די תורה געבאָטען —

חג הסכת, תעשה לך שבעת ימים באספך מגרנך ומיקבך.

אין צייט פון פארזאמלען די תבואות, די פרוכטען פון די פעלדער און גערטנער, אין דיין שייער און אין קעלטער זאָלסטו דיר מאַכען זיבען טעג סוכות —

צא מדירת קבע, ושב בדירת ארעי.

ארויסגעהן זאָלסטו פון דיין שטענדיגער וואוינונג, פון דיינע שיינע זאַלען, פון דיינע באַקוועמע דירות, פייערען דעם חג־האסיף אין אַ סוכה, אין אַן איינפאַך פרימיטיוו פראָוויזאָריש צונויפגע־

קלאַפּט בײדעל, באַדעקט מיט אַ שיטערען דאַך איבער׳ן קאָפּ, דײנע שטענדיגע שעהנע דירות, דײנע רײכע דעקאָרירטע אויסגעמעבלירטע זאַלען דערװײטערען דיך, איזאָלירען דיך פון די אַלגעמײנע פאָלקס מאַסען, צוליעב דײן רײכער װאױנונג, דײן זאַט, זאָרגלאָז, גליקליך, משפחה׳דיג לעבען קומסטו ניט אין קאָנטאַקט, אין נאָהענטע באַריהרונג, מיט די אָרימע אידישע מאַסען, װײסטו ניט זײער נױט און דחקות, זײער עלענדקײט, הילפלאָזיגקײט, זײער צער און אומגליקליך צרה׳דיג לעבען איז דיר לחלוטין פרעמד, דו האָלסט זיך גרױס, גאוה׳דיג, שטאָלץ, רעכענסט דײנע פּאַלאַצען, דײן אָנגעזאַמעלט עשירות זײנען אײביגקײטען.

זאָלסטו דעריבער אין די טעג פון זאַטער פרײד, פון צופרידענער שפע, פון קערפּערליכען תענוג, פון גרױס ששון ושמחה פאַרזוכען דעם טעם פון זיצען אין אַן אָרים בײדעל צונױפגעקלאַפּט פון דינע ברעטלאַך מיט אַ שיטערען סכך איבער׳ן קאָפּ, װאו דער רעגען קאַפּעט אַרײן, דער װינט בלאָזט פרײ פון אַלע זײטען, די ליכט לעשען זיך אין די עסענדע קעלט, נעמט דורך די בײנער — דערװיסען װעסטו זיך, אַז דײנע רײכע פּאַלאַצען דײן גאַנץ עשירות זעגען נישט אױף אײביג, דערפּיהלען װעסטו דאַמאָלס דעם אָרימאַנס טעם, זײן ביטער חושכ׳דיג לעבען, זײנע פאַרװײנטע טרױעריגע טעג, זײן הונגער און נאַקעטקײט, זײנע טעגליכע דאגות, יסורימ׳דיג לעבען, זײן פאַרצװײפעלטע פּרנסה׳דיגע אָנשטרענגונג, זײן ביטערע איבערנאַטירליכע יאָגעניש און האָרעװאַניע פאַר׳ן אָרימען שטיקעל ברױט אין זײנע פרײדענסלאָזע װאָכעדיגע טעג.

איז אָט דאָס דער רעיון אין דער גמרא אױפ׳ן — כל האזרח בישראל ישבו בסוכות, מלמד שכל ישראל ראוים לישב בסוכה אחת.

די שמחה, די פרײד פון יום טוב, קען נאָר דאַן זײן אַן עכטע, אַ פולשטענדיגע, װען עס פאַרשװינדט דער אונטערשיעד צװישען אָרים און רײך, װען דער אָרימער און עלענדער, דער עושר און דער זאַטער, זענען בעת די שמחה גלײך צופרידען, פרעהען זיך אַלע צוזאַמען, פיהלען זיך יום טוב׳דיג לוסטיג און האָפענונגספול, אַז די שמחה זאָל זײן אַ פאָלקאָמענע, אמת׳ע נשמה׳דיגע פרײד, רײנער חדות־הנפש, מוזען אַלע האָבען גלײכע

דירות — דער אריסטאָקראַט און דער אָרימאַן, דער עושר און דער אביון, דער אזרח און דער גר, אלע צוזאמען, בחברותא, דאַר־פן פייערן אין די סוכות, אין די צונויפגעקלאַפּטע מאָמענטאַנע געצעלטען דעם זאַטען, לוסטיגען, עשירות'דיגען יום טוב פון חג האסיף, דעם זמן שמחתנו, וועט ניט זיין קיין מחיצה, צווישען קלאַסען, צווישען איד און איד, וועט ניט הערשען קיין פאַרדראָס, קיין צרת עין, קיין שנאה און קנאה, וועט די שמחה זיין אַן אי־נערליך ריינע, א נשמה'דיג לויטערע, א כלו יום טוב'דיגע פון ברידערשאַפט, פון אהבה ואחוה, שלום וריעות, אַ שמחה שלמה פון אחדות ישראל און אהבת־ישראל.

איז אָט דאָס איינער פון די הויפּט טעמים, פאַר וואָס מיר זענען געבאָטען געוואָרען מקיים צו זיין די מצוה לישב בסוכה אין צייט פון הערבסט, פון פאַרזאַמלען די תבואה און די פּרוכ־טען אין שייער און אין קעלטער אין חג־האסיף, ווייל לויט'ן געבאָט פון די תורה זיצען מיר אין סוכה פאַר אַ סימבאָלישע ער־אינערונג פון יענער אוראַלטער היסטאָריש מדבר'דיגער צייט ווען אונזערע אבות זענען ארויסגעגאַנגען פון מצרים —

כי בסכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים, וואָלטען מיר דאָך על פי שכל באַדאַרפט מקיים זיין די מצוה פון זיצען אין סוכה אין חודש ניסן אין פריהלינג, ניט פופצעהן טעג אין תשרי, וואָס געפאַלט אין הערבסט, — נאָר ווייל סוכות און חג־האסיף האָבען צווישען זיך געמיינשאַפטליכעס, געמיינזאַמעס, זענען אידעאָלאָגיש ענג צוזאַמענגעקניפּט און צו־זאַמענגעבונדען, זענען מיר צוליעב דעם געבאָטען געוואָרען, מקיים צו זיין די מצוה פון זיצען אין סוכה אין הערבסט אין תשרי, און ניט אין פריהלינג אין ניסן.

סוכות — דער אידישער חג־האסיף, איז אַ יום טוב אינ'ם שעהנסטען אידישען זינען פון וואָרט, ער סימבאָליזירט דעם גייסט פון אידענטום, כאַראַקטעריזירט אַמ'בולט'סטען דאָס ספּעציפיש אייגענאַרטיגע פון דאָס אידישע פאָלקס לעבען, וואָס באַשטעהט אויף די יסודות פון אחדות, ליעבשאַפט, שטעלען דעם כלל העכער פאַר די אייגענע הצטרכות, זאָרגען פאַר'ן נאָהנטען ברו־

דער, ובפרט פאר׳ן אָרימען, ווי פאר זיך, דער עיקר, אפילו אין די טעג פון קערפערליכער שמחה, פון זאַטער פרייד, פון עסען און טרינקען, פון פארגעניגען און פרעהליכקייט, אין צייט פון דאָס איינזאמלען מאַטעריעלע אוצרות, זאָל דאָס גייסטיגע, דאָס רוחניות׳־דיגע, דאָס העכערע, האָבען די אויבערהאַנט.

חג־האסיף — דעה אידישער הערבסט, ווען די גאַנצע נאַטור ווערט אין איהר טרויער שלייער איינגעהילט, דער אומעטיגער טריבער הערבסט פארשפרייט זיינע טונקעלע מרה־שחורה׳דיגע פליגלען, די ערד ווערט מיט תכריכים באַקליידעט, דער הימעל מיט כמארעדיגע גרויע וואָלקענס פארצויגען, אַ געדריקטע שטימונג הערשט איבעראַל — דאמאָלס איז ביים איד דער זמן־שמחתנו, איז זיין הארץ פול מיט ליוב און דאנקבארקייט צום הימלישען באַשעפער, פאר דאָס געגעבענע, פאר דאָס פארזאמעלטע, ער איז פרעהליך, לוסטיג, האָפנונגספול, ער פארטרייבט די הערבסטיגע מרה־שחורה, דעם פינסטערען פעסימיזם, דער איד ווייסט, אז גאָט׳ס מאַיעסטעטישקייט, די וואונדערבארע הויכע חכמה פון דער געט־ליכער השגחה, ווייזט זיך ניט בלויז ארויס דורך געבורט און לע־בען, נאָר אויך מיט׳ן טויט און אונטערגאנג און אז יעדע פאר־ניכטונג מוז שטענדיג צום ווידערגעבורט דערפיהרען — אונ־אויפהערליך מוזען די נאַטור יסודות זייער וועקסעל־מאַרש דורכ־מאַכען און אז נאָך דעם טרויעריג מרה־שחורה׳דיג טריבען פאר־וועלקטען הערבסט וועט א נייער בליהענדער, לעבענסלוסטיגער פרישער, דערמוטיגטער פריהלינג קומען.

סוכות, דער אידישער חג־האסיף, דער זמן־שמחתנו, איז אַ קערפערליכער יום־טוב, וואָס איז געלייטערט און געאיידעלט דורך הויכע מחשבות און נאָבעלע באַטראַכטונגען. עס איז א זאַטע שמחה׳דיגע פייערונג, וואו נשמה און גוף זענען צוזאַ־מען פארקערפערט און נעהמען צוגלייך אַן אנטייל. סוכות, דער יום טוב פון נשמה, פון גייסט, פון אַבסטראַקט, העלפט דערהוי־בען דעם אידישען חג־האסיף, דעם יום־טוב פון קערפערליכען תענוג, צו אַ העכערען זינען אין לעבען ווי זאַט מאַכען דעם מאָ־גען און באַפרידיגען די פיזישע באַגעהרען, ניט צו פארהייליגען

דאָס נאַטירליכע, דאָס שטאָפּישע, די גשמיות'דיגע הנאה, אָבער אויך ניט מבזה צו זיין, סקעפּטיש איגנאָרירען דעם פאַרגעניגען פון לעבען — אָט דאָס איז די גרויסע טיעפע פילאָזאָפישע לעהרע פון סוכות, דער אידישער חג־האסיף אין זיין שעהנסטער און נאָבעלסטער פאָרם.

# חנוכה

ובני יהודה ובני ירושלים מכרתם
לבני היונים למען הרחיקם מעל גבולם.
הנני מעירם מן המקום אשר
מכרתם אותם שמה והשבתי גמלכם
בראשיכם.
(יואל ד׳ ו׳ ז׳).

א שווארצע כמארע האט זיך אנגערוקט אויף יהודה, אנטיאכוס עפיפאנעס, דער כאראקטערלאזער מענש, דער משוגע׳נער, דער ברוטאלער הארצלאזער מענש, די חיה בדמות האדם, האט צוריק־געהענדיג פון זיין טריאומפף איבער מצרים, באשלאסען מיט זיי־נע חילות דורכצומארשירען איבער יהודה.

א בלוטיגער טעראר האט זיך פארשפרייט איבער׳ן לאנד. אויף דעם גרויזאמסטען אופן ווערען יהודה׳ס קינדער געשאכטען. א מורא׳דיגע אימה איז אנגעפאלען אויף יהודה׳ס קינדער. דער בלוטדורשטיגער אנטיאכוס, בשותפות מיט׳ן העלעניסטישען פאר־רעטער מענעלאאס האבען יד־אחת געמאכט, אויסצוראטען דאס אידישע פאלק. דער אסימילאטארישער פאררעטער מענעלאאס רעדט כל־הרעות אויף די אידען, אויף זייער אמונה, אויף זייער תורה און אויף זייערע מנהיגים און אנטיאכוס פאראורטיילט זיי עוקר מן השורש צו זיין.

מענעלאאס ווייזט וואו יעדע הייליגע זאך געפינט זיך אין בית־המקדש און זיין חבר אנטיאכוס ראבעוועט דאס מיט ווילדער תאוה.

אונטערדריקט איז יהודה׳ס זעלבסטשטענדיגקייט, געבראכען איז יהודה׳ס גבורה, יהודה׳ס בלוט ווי וואסער רינט אין די גא־סען. אנטיאכוס׳ן איז אבער דאס אלץ נאך ווייניג, ער ראבעוועט

מיט א ווילדען אפעטיט די ווערטפולע כלים פון בית־המקדש — דעם מזבח, דעם שלחן, די מנורות און אלע איבעריגע הייליגע טייערע גאלדענע חפצים, וויל ער נאך אויך דעם געצענדינערישען גיפט מיט גראבער ברוטאליטעט אריינשניידען אין יהודה׳ס נשמה.

פאר איהם איז נאך ווייניג דאס גאלד, זילבער און קאסט־בארע בית־המקדש חפצים, וואס ער ראבעוועט פון גאט׳ס טעמ־פעל — איהם גלוסט זיך אויך אריינקריכען מיט זיינע בלוטיגע טומאה הענט אין יהודה׳ס נשמה און ארויסצורייסען פון דארט, דאס שעהנסטע, דאס בעסטע, דאס קווינטעסענציעלע, דאס אלער־העכסטע פון אלע אוצרות — די אידישע אמונה. מיט זיין שווערד, וויל דער אכזר, דאס עם קשה עורף׳דיגע פאלק אינגאנצען פארניכטען און מיט איינמאל אויסלעשען דעם אידישען עמוד אש, פון משכן וויל ער א טעמפעל פון עבודה־זרה מאכען, אנשטאט דעם אידישען כהן־גדול וויל ער א געצענדינערישען פריסטער אוועקשטע־לען . . .

און די צוקונפט אויסזיכטען? — שווארץ און פינסטער. קיין מינדסטע האפענונגס ווינטעל בלאזט ניט אויף די אויסגע־טריקענטע האפענונגסלאזע הערצער פון יהודה׳ס קינדער. קיין האפענונגס־שטראל ווייזט זיך ניט אויף דעם גדיכטען פינסטע־רען האריזאנט.

פארשלאסען זענען אלע וועגען צו דער קלענסטער ישועה. אייזען שטארק איז דעם שונא׳ס האנט, גראב און רוי איז זיין כאראקטער. עס ברויזט אין איהם א ווילדע חיה׳שע ענערגיע, וואס איז נאך אלץ ניט געזעטיגט מיט יהודה׳ס ליידען און פיין.

אונמענשליך, אכזריות׳דיג און ווילד צווינגט דעם שונא׳ס חיל יהודה׳ס קינדער מקריב צו זיין קרבנות פאר דעם גריכישען אפגאט. יאוש גדאנקען און פארצווייפלונגס־שטימונג באהערשט דעם גאנצען מהות פון יהודה׳ס קינדער און צושמעטערט זיין גייסט. דער קוואל פון טומאה און געצענדינערישע שמוץ, וואס דאס חיל פארשפרייט איבער יהודה׳ס לאנד, הענגט ווי א דיקער שווערער וואלקען וואס דריקט און פרעסט אויף די אידישע הערצער און דראהט זיי גענצליך צו דערדריקען.

ד ו ד   ק י ר ש ע נ ב ו י ם

עס שלאָפט אָבער ניט און עס דרימעלט ניט דער שומר ישראל —

„הנני מעירם מן המקום אשר מכרתם אותם שמה והשבתם גמלכם בראשכם".

היילינ זיינען זיינע הבטחות, פול מיט רחמים זיינען זיינע חסדים. אין דער שרעקליכסטער צייט, אינ׳ם ביטערסטען מאָ־מענט, ווען אפאטיע מיט פארצווייפלונג, באהערשט דאָס פאָלק ישראל, ערשיינט אומגעריכט, גאנץ פלוצלונג די געטליכע האנט מיט גרויס דערבארימקייט.

גאָרגיאס, אנטיאכוס׳עס הויפּט־מיליטער־מאן איז ביי זיך זי־כער געווען מיט זיין זיעג איבער יהודה. ער איז זיכער געווען, אז מיט זיינע פערציג טויזענט גיבורי חיל, וועט ער יהודה באזיגען. ער האָט אפילו גרייט מיט זיך מיטגעפיהרט שקלאפען־הענדלער, זיי זאָלען ביי איהם קויפען יהודה׳ס געפאנגענע קינדער. איז אָט אין די פינסטערע טעג, אין די קאלטע בייזע פארצווייפלונגס טעג, אן אונערווארטעטע איבערראשענדע הילף געקומען וואָס האָט פארווירקליכט דאָס נביאות פונ׳ם נביא יואל — והשבתי גמלכם בראשכם...

*   *   *

אין כל חדש תחת השמש, מה שהיה הוא יהיה.

זייט דאָס אידישע פאָלק עקזיסטירט, האָבען ניט איינמאָל פארשיעדענע נאציעס באשלאָסען עוקר מן השורש צו זיין דעם אידישען זכר. אנשטאָט די אמאָליגע יונים, וועלכע האָבען גע־וואָלט דאָס אידישע פאָלק פארניכטען, האָבען מיר איצט אין אונזער צייט געגוג אנטיסעמיטען מיט די זעלבע כונות און מיט די זעלבע שטרעבונגען.

די גאנצע אידישע געשיכטע איז כמעט א לאנג׳ער קאמף אזעלכער, עס איז ניטאָ קיין איין פאָלק, אויב עס איז נאָר גרויס און מעכ־טיג געווען אויף דער וועלט, וואָס האָט ניט אונטערדריקט דאָס אידישע פאָלק און געמאכט א פּראָבע צו צווינגען די אידען אָפּ־צורייסען פון זייער אמונה.

עס איז ניטאָ קיין ווינקעל אויף גאָט'ס וועלט, וואָס זאָל ניט זיין אָנגעזאַפּט מיט אידיש בלוט. שטאַרק איז אָבער דער אי־דישער גייסט, וואונדערבאר איז דער אידישער מוט.

אין דער צייט ווען פון אַלע גרויסע און מעכטיגע פעלקער פון אַלטערטום, ווייזט זיך ארויס זייער גדלות פון די גרויסע פּרעכטיגע ארכיטעקטור געביידעס, וואָס זיי האָבען איבערגעלאָזען אין די רעשטלאַך פון זייער קונסט און ליטעראַטור, אָבער די פעלקער גופא זיינען לאַנג שוין פארשוואונדען, איז דאָס פאָלק ישראל איבערגעבליבען אליין אלס לעבעדיגער מאָנומענט פון לאַנג פארשוואונדענע טויזענטער יאָהרען.

אומזיסט האָבען זיך באַמיהט די פעלקער פון אַלטערטום — אשור, בבל און די גריכען מיט די רוימער און אומזיסט איז די מיה פון די היינטיגע מאָדערנע אַנטיסעמיטען צו פארניכטען דאָס פאָלק ישראל.

צושפרייט בארבע פינות העולם, זענען די זיהן און טעכטער פון אידישען פאָלק, פארשיעדען זיינען איינע פון די אַנדערע אין זייערע מנהגים און געוואוינהייטען, פונדעסטוועגען לעבט אין זיי אַלעמען איין גייסט און איין רצון.

און אָט דאָס קליינע חנוכה ליכטעלע, וואָס אַלע האָבען גע־זוכט און זוכען צו באַקעמפּפען און אויסצוראָטען דאָס מיט'ן וואָרצעל און ווילען אנשטאָט דעם אָנצינדען אין דער אידישער מחנה רייסענדע בלענדענדע רעפלעקטאָרען, האָט זיך ארויסגע־וויזען אלס טויטע זאַך, לגבי דאָס שטילע אינערליכע באַגייס־טערונגס ליכטעלע, וואָס מיט זיין מאַטען שיין איז דאָס מעורר צו באַהאַלטענע אינטים פארבאָרגענע אידישע כוחות צום לעבען.

זיי, די ליכטעלאַך דערצעהלען אונז פון אידישען פאָלקס אונפארניכטבארע קראַפט, זייער צאַנקענדיגעה שיין דערצעהלט פון א ליידענדען פיעל געפּלאָגטען און גע'רודפ'טען פאָלק, וואָס די אומות־העולם זוכען תמיד מבער צו זיין און ווילען אויסלעשען דאָס פייערל וואָס צאַנקט אין דער אידישער נשמה מיט גזרות, פארפאָלגונגען און ברוטאַליטעט און איז פונדעסטוועגען קיינמאָל ניט באַזיעגט געוואָרען.

הנרות הללו קודש הם, — די ליכטלעך זיינען הייליגע, די

ליכטלעך זיינען ניט בלויז דער סימבאָל פון עבר נאָר אויך פונ׳ם עתיד. די ליכטעלאך זיינען די יאָהרצייט ליכטלאך וואָס דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, אויף דער גאַנצער וועלט, צינדט איינמאָל אין יאָהר אָן אלס אן אנדענק פאר די אידישע קדושים, וואָס זיינען ווי העלדען געפאַלען פאַר אונזער לאַנד, אזוי ווי פאר די וואָס זענען אוים ליעבע צום אידישען פאָלק, ניט וועלענדיג אוועקווארפען אָדער פארלייקענען זייער אמונה ווי הייליגע אומגעבראכט געוואָרען.

זייער שטענדיגער שיין דערצעהלט, אז ווען דער שונא מאכט א פראָבע אויסצולעשען דאָס אינערליכסטע אינדיווידועלע פון איד׳ס נשמה, צופלאַקערט זיך דאָס הימלישע נשמה ליכטעלע ביים גאַנצען אידישען פאָלק אין א סאָלידארישער אחדות, אין א ברעַנענדיגען רעליגיעזען עקסטאַז און מיט זייערע שטארקע אמונה איבערצייגונגען און גלויבען אין דער זעעלישער ריינקייט, געהן זיי העלדיש אין קאמפף, פאר זייער גלויבען און דער פיינט מוז תמיד מיט חרפה אויפגעבען זיין פארניכטונגס קאמף.

גאַנץ אָפט איז דער כוח הדוחה פון דרויסען — פון די רדיפות און אָפשפּאָטונגען פון אידישען פאָלק, דער כוח-המושך, וואָס באַגייסטערט די אידישע הערצער און פארבינדט זיי שטאַרקער, ענגער צום אידענטום.

און אָט דאָס איז תמיד די בעסטע נקמה, וואָס די אידישע געשיכטע נעמט פון די פארפאָלגער, פון די שונאי ישראל, ווען זיי ווילען אונז פארטיליגען, פארניכטען, עוקר מן השורש זיין, ווערען מיר נאָך איינגעשפּארטער, מעהר עם קשה עורף׳דיגער אין אונזער קאמפף פאר אונזער קיום, פאר אונזער עקזיסטענץ.

די ליכטעלעך, דיזע אילומינאציע מיט איהר קליינער צאַנקענדיגער שיין דערצעהלט אונז וועגען דעם שטענדיגען קאמפף, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אין אלע דורות אויסצושטעהן. אָט דאכט זיך דאָס אידישע ליכט ווערט אויסגעלאָשען און שווארצע כמארעס, חושך, ענן וערפל, באדעקט דעם אידישען האָריזאָנט און אָט פלוצלונג, בליצען אויף די אַלטע, אָבער אימער נייע אידישע אידעאַלען וואָס באַלייכטען אונזער פינסטערען גלות אויפ׳ן עתיד.

און ווען א פאָלק פארנעהמט זיך אויסצולעשען דאָס הימ־לישע באַגייסטערטע פלעמעלע, וועלכעס ברענט שטיל באַשיידען, ווערט דאָס פלעמעלע שטאַרקער, התלהבות׳דיגער און מאַכט דאָס זיך נאָך מעהר פאַנאַנדערפלאַקערען, ווייל דאָס זיינען היילי־גע ליכטעלעך, וואָס דערצעהלען די העלדישקייט פון אידישען פאָלק, פון אידישען מוט און גלויבען, פון אידישער גבורה און נצחון.

# פורים אין דער אַלטער היים

עס איז פּורים. אין הויז איז היימליך, א מחיה'דיגער ריח פון פרישע געבעקסען און געבראָטענעם שלאָגט פון קיך, וואו די מאמע, מיט עטליכע שכנות פאָרען זיך ארום דעם גרויסען ברייטען באַק-אויווען. א יום-טוב'דיגע שעהנקייט לייכט אין יעדען ווינ־קעלע, פון דרויסען וואַרפט די זון איהרע פרישע הערליכע שטראַ־לען וואָס דערפרעהען און מאַכען פיהלען ליעבליך היימליך.

דער טאַטע, נאָר וואָס אויפשטעהענדיג פון שלאָף, מאַכט צו־רעכט דעם טיש, פארשפרייט א שניי-ווייסען טישטוך, שטעלט אוועק די גרויסע זילבערנע לייכטער, מיט גרויסע ליכט, צושטעלט איבער'ן טיש, פריש פארשידענע געבעקסען, קלאָשען מיט ניס, פּאָמעראַנצען, צוקערווארג מיט א גרויסער פלאַש משקה. ער פאר־רעכענט פּאַנאַנדער, וויפיעל שלח-מנות'ן מען דאַרף ארויסשיקען און וועמען מען מוז אַמערשטען שיקען. ער רופט צו די מאַמען צו באַראַטען זיך מיט איהר, און מיד שיקט ער אין גאַס, ברענגען א בחור, פּאַנאַנדער צוטראָגען דאָס שלח מנות.

מיר קליינוואַרג, פלעגען מיט גרויס שפּאַנונג און נייגעריג־קייט ערוואַרטען די נאַכט, צו קאָנען זיך זעצען ביים טיש און כאַפּען א נאַש פון די זיסע זאַכען.

ווען עס פלעגט אָנהויבען ווערען טונקעל און די זון האָט מיט רויטקייט באַדעקט דעם מערב האָריזאָנט, האָט אויף די גאַסען אָנגעהויבען שוועבען א יום-טוב'דיגע שטילקייט. פון אַלע היי־זער האָבען דורך די פענסטער דורכגעשיינט די גרויסע יום-טוב'־דיגע ליכט, דאַמאָלס פלעגט דער טאַטע אוועקזעצען זיך מיט א יום-טוב'דיגער רחבות-דיגקייט ביים טיש, אויסלייגען מיט א יום־טוב'דיגער געלאַסענהייט באַזונדער דאָס זילבער-געלד, באַזונדער דאָס קופּער געלד און גלייך אָנפאַנגען ארויסשיקען שלח-מנות.

אויך אונז קליינווארג, פלעגט דער טאטע אויסזעצען ביים טיש, אומגעדולדיג פלעגען מיר זיצען, דערוואַרטענדיג ביי יעדער סקריפּ פון דער טיר עפּעס נייעס. עס האָבען אָנגעהויבען קומען בחורים מיט מיידלעך, מיט ווייסע פאטשיילקעס, ארומגעוויקעלט גלעזערנע קלאַשען אין די הענט, טראָגענדיג שלח מנות. דער טאטע איז געזעסען אויבענאָן און פון זיין פּנים האָט געשיינט מאַיעסטעטיש די ליעבליכקייט פון פּורים.

— ר' יאָסעל! וועלוועל דוד זישא'ס האָט אייך געשיקט משלוח מנות איש לרעהו — קומט דרייסט אריין א אינגעל, מיט א גרויסען קלאַש אין דער האַנט, דערלאַנגט דאָס דעם טאטען.

נעהמט דער טאטע ארונטער די פאטשיילע, באטראַכט דאָס שלח מנות און לייגט יעדער מין אויף זיין פּלאַץ. די מאַמע גרייט גלייך צו אָפּצושיקען. ווען אלץ איז שוין פּארטיג אָפּצושיקען, נעהמט די מאַמע ארויס פון איהר פארטוך קעשענע א זעקסער און דערלאַנגט דעם שליח פאר שלח־מנות ברענגען.

— דערלעבט איבער א יאָהר אין נחת און פריידן! — שרייט אויס הויך דער שליח.

— גם אתה! — ענטפערען מיר איהם אין הויז אלע צו־ ריק.

די טיר רוהט נים, עס געהן אריין און ארויס אַרימעלייט. פאר־ שטעלטע און ניט פארשטעלטע קומען נאָך נדבות.

אָט קומען אריין צוויי אָנגעזעהענע מענשען נאָך א נויטיגע נדבה, דער טאטע בעט זיי זיצען, איז זיי מכבד מיט בראָנפען און מיט עפּעס צובייסען און נאָך א קורצען שמועס קריגען זיי די נדבה, ווינשען און געהן ווייטער. אָט הערט זיך א קלאַנג אונטער די פענסטער און עס קומען אריין צוויי פארשטעלטע, איינער פאר א בער, באהאנגען מיט גלעקלאך פון קאָפּ ביז די פיס, דרעהט מיט די פארפעלצעוועטע הענט און ער הירזשעט ווי א חיה און דער צווייטער, האלט איהם ארומגעגארטעלט מיט צוויי שטריק און שפּיעלט מיט א דאַרפישער האַרמאָניקע און דער בער טאַנצט. אויף אזעלכע פארשטעלטע קוקט דער טאטע קרום, מחמת אזוי נאָך פארשטעלען זיך נאָר די פּראָסטע, די גאַסען

יונגען, וועלכע ווילען מען זאָל זיי ניט דערקאָנען צו קאָנען אריינכאַפּען א גרעסערע מטבע.

באַלד נאָך זייער אוועקגעהן קומען אריינצוגעהן צוויי פאַר־שטעלטע אלס אחשורוש און מרדכי, זיי רעדען די שפּראַך פון פרס ומדי און מען קען ניט פארשטעהן זייערס קיין איין איינ־ציגען וואָרט.

אחשורוש, אָנגעטאָהן אין א פלאַקסענער באָרד און א משונה'־דיגען מיצעל אויפ'ן קאָפּ, האַלט א דאַרען לולב אין האַנט, גלייך ביי זיין אריינקומען אין הויז דערלאַנגט ער דעם שפּיץ לולב אונז קליינוואַרג און מיט א באַסאָווער שטימע, וואָס מיר דערקאָנען גלייך אז דאָס איז אייזיקעל שרייער, וואָס וועקט צו תהלים און סליחות, שרייט ער אויס צו אונז:

— לבד מאשר יושיט לו המלך את שרביט הזהב וחיה! מיר ריהרען אָן דעם שפּיץ לולב און דער טאַטע שמועסט מיט מרדכי'ן צו דערגעהן דערוויל, וואָס פאַר א נדבה זיי פארלאַנ־גען.

די קופּקעלאַך זילבער הויבען וואָס אמאָל אָן ווינציגער צו ווערען, דער טאַטע ציהט ארויס פון קעשענע פּאַפּירלעך, געלינקע, גרינינקע, און שפּרייט אויפדאָסניי אויס אויפ'ן טיש.

עס הויבט אָן ווערען שפּעטליך. דער זייגער איז שוין צעהן, פאַרשטעלטע ווייזען זיך זעלטענער, וואָס שפּעטער קומען אליץ די מעהר פּראָמינענטע וועלכע זאמלען פאַר געוויסע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אָדער אזוי א מתן־בסתר וועלכען זיי האַלטען פאַר א סוד שבסוד.

א יום־טוב'דיגע רחבות, דורכגעמישט מיט א מחיה'דיגען ריח פון באַק־אויווען, נעהמט דורך די גלידער. דער טאַטע וואַשט זיך, זעצט זיך אוועק אין שטריימעל, מיט דער אַטלעסענער זשופּעצע, א פרעהליכער, א מונטערער, פון זיין פּנים שיינט מאַיעסטעטישע חדוה, נאָך יעדען מאכל פארהערט ער אונז קינדער א קאַפּיטעל מגלה, אָדער תרגום־שני. מיר קריגען דער־פאַר די פּריווילעגיע, טועם צו זיין פון די צוקערוואַרג, וואָס זענען סאָרטען־וויז צושטעלט יעדעס אין א באַזונדערען טעלער.

עס פאנגען אָן קומען פארשטעלטע, וועלכע זיי האלט דער טאטע פאר בכבוד'יגע און באציהט זיך מיט רעספעקט צו זיי.

עס עפענט זיך די טיר, און עס מארשירען אריין פינף יונגעליטלאך, בית־המדרש בחורים'לאך, אין קורצע רעקלאך, מיט ווייסע קעלנער און שטעקעלאך אין די הענט, מיט גרימירטע פנים'ער און שפאקולען אויף די אויגען, געקליידעט מעשה דייטש און רעדען ארויס א שארפען ריש'דיגען „גוטען פורים", זיי פארלאנגען א בכבוד'יגע נדבה, פאר וועמען זיי טארען ניט מגלה זיין, נאר דעם טאטען זאגען זיי א העלפט, אז עס איז פאר א בכבוד'יגען אידען אויף מצות פאר פסח. דער טאטע הייסט זיי זינגען שושנת־יעקב, וועלען זיי קריגען א גרעסערע נדבה. דער עלטסטער פון זיי, שטעלט זיך אוועק מיט'ן שטעקעלע אין האנט, מעשה קאַפעלמייסטער, דרעהט מיט'ן שטעקעלע און זינגט און די איבריגע העלפען אונטער. דער טאטע כאפט אויך אונטער א טאָן, וואָס זיי זינגען איבער, די שטוב ווערט פארהילכט מיט זיסע טענער, וואָס דרינגען אריין ביז די טיעפסטע טיעפעניש פון דער נשמה און וועקען צו פרייד און צו שמחת הנפש.

נאָכ'ן געזאנג, קומט אריין די מאמע מיט א פולען בעקען פריש געבעקס, המן־טאשען, פלאָדען, שטרודעל, שטעפענט, און איז זיי מכבד מיט היבשע פּאָרציעס, זיי ווינשען אָן, — דערלעבט איבער א יאָהר אין נחת און פרייד און מארשירען ארויס.

עס איז שוין צוועלף דער זייגער, דער טאטע מאכט א חשבון צו האָט ער פארפעהלט וועמען צו שיקען שלח מנות, ער באַרעכענט וויפיעל נדבות ער האָט צוטיילט, ער וויל שליסען די טיר, פלוצלונג הערט מען טריט, פון א גאנצער אָנקומענדער חברה, דער טאטע זעצט זיך צוריק אויף זיין פלאַץ ביים טיש.

די טיר פראלט זיך אויף און עס פאלען אריין, א קאָמפּאַניע פארשטעלטע מיט אטלעסענע זשופּעצעס און שטריימלאך, מיט מאַסקעס אויף די פנים'ער, איינער כאפּט געשווינט ארויס פון בוזים א שופר, בלאָזט א תקיעה גדולה, אז מיר ווערען פּאַרצײטערט. גלייך פאנגען די חברה אָן אויסצושפּיעלען א שעהן חסידיש שטיק, אין שטוב הילכען די געזאנגען און עס רעש'ט, אז עס הויבט זיך אָן דאכטען, אז עפּעס וואונדערליכע מלאכים,

זענען זיך צוזאַמענגעפלויגען פון פאַרשידענע הימלען אויסצושפּי־
לען אַ תפלה צום אַלמעכטיגען, לויט'ן קול, דערקענען מיר אַז
דאָס זענען די שענסטע, פּראָמינענטעסטע און רייכסטע יונגעלייט פון
שטאָדט.

נאָכ'ן שפּילען האָט איינער פון דער חברה געווענדעט זיך
צום טאַטען, ער זאָל זיי געהעריג באַפרידיגען, מחמת זיי זאַמלען
אַ גרויסע סומע געלד, אויף אַ העכסט וויכטיגען צוועק, וואָס צו־
ליעב כמה וכמה טעמים, קאָנען זיי ניט מגלה זיין פאַר וועמען דאָס
געלד געהט. דער טאַטע האָט אַרויסגענומען אַ פינף און צוואַנ־
ציגער און זיי דערלאַנגט. זיי האָבען הערצליך באַדאַנקט און
יעדער באַזונדער האָט גענומען דעם טאַטענס האַנט און אָנגע־
וואונשען, ער זאָל דערלעבען איבער אַ יאָהר אין עושר און כבוד
און עס זאָל זיין אַ שנת חיים וגאולה.

מיט אַ האַרץ פול מיט האָפענונג פאַר דער צוקונפטיגער אי־
דישער גאולה, בענשט דער טאַטע הויך אויפ'ן קול און מיר קליינ־
וואַרג האָבען אָנגעהויבען איינדרימלען ביים טיש זיצענדיג.

# „לך כנוס את כל היהודים!"

אחדות ביי אידען, דאָס האָט תמיד געראַטעוועט דאָס פאָלק פון דעמאָראַליזאַציע, פון אונטערגאַנג. דאָס איז געווען און איז ביז היינט די פעסטונג, די צעמענטירטע באַשיצונגס מויער, דער שטאָלענער פאַנצער, געגען די אַלערליי בלבולים, שקרים און פאַרלוימדונגען, וואָס אונזערע שונאים אין גלות האָלטען אונאויפהערליך אין פאַרשפּרייטען געגען אונז מיט'ן ציעל אונז צו פאַרניכטען.

אין אַלע צייטען האָבען אונזערע שונאים געזעהן וועגען אידישען אחדות אלס אונבאַזיגבאַרער כוח, האָבען דעם אידישען אחדות פּראָפּאַגאַנדירט פאַר דער גרעסטער געהיימניספולער צורשטערענדער וועלט קראַפט, אויסערגעוועהנליכע פאַנטאַסטישע פּלענער האָבען זיי וועגען אידישען אחדות אויסגעוועבט, וועגען דעם געהיימען קאָנספּיראַטיווען פאַרבאָרגענעם פאַראייניגטען אידישען אינטערנאַציאָנאַל, וואָס שטרעבט צו באַאיינפלוסען, צו באַהערשען און לסוף צו דעראָבערען די גאַנצע וועלט.

אז די אַלע בלבולים, שקרים און רכילות וואָס ווערען געגען אונז פאַרשפּרייט, פאַר די לעצטע עטליכע טויזענט יאָהר זיינען איינפאַכע, בייזוויליגע אונזיניגע פאַרלוימדונגען, ווילדע אומגעלומפּערטע אומוויסענהייטען, געמיינע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, קרימינעלע פעלשונגען, איז דאָך פּשוט נוצלאָז איבערצו'חזר'ן און צו ווידערהאָלען. ניט איינמאָל האָבען מיר שוין איבערצייגט מיט ראיות, מיט בולטע פאַקטען, מיט אונבאַשטרייטבאַרע פּאָזיטיווע אמת'ן, אז די אַלע שקרים, פאַרלוימדונגען, שטאַמען נאָר, אויס בייזע שנאה און בחנמ'דיגע קנאה צום איד. פונדעסטוועגען שטערט דאָס ניט די שונאי־ישראל, צו יעדער צייט, פאָרטצוזעצען זייער אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע. אָבער די טענה, אז אידישע אחדות איז באמת גרויס און מעכטיג, אז די נאַציאָנאַלע

אידישע סאָלידאַריטעט איז ווירקליך א גרויסער ווידערשטאַנדס־כוח געגען אונזערע שונאים און בייזוויליגע פארלוימדער, — דאָס וועלען מיר גאָר ניט אָפּלייקענען, דאָס וועלען מיר מודה זיין.

און אָט ווענען דעם קאָלאָסאַל גיגאַנטישען כוח פון אידישער פאָלקס־פאַראייניגונג, די גבורה פון אחדות־ישראל, אין צייט ווען די שווערד פון פארניכטונג שוועבט איבער אידישע קעפּ, האָט אסתר המלכה, די אידישע פרוי וואָס האָט געשפּילט די דאָמי־נירענדסטע ראָלע אין ראַטעווען די אידען אין דער צייט פון אחשורוש און המן, דערמאָנט מרדכי בעת ער האָט דורך זיין פארטרויענסטווערטען שליח פארלאַנגט אסתר׳ס הילף צו באַ־קעמפען און מבטל מאכען המנ׳ס גזרה:

— לך כנוס את כל היהודים!

ווילסטו איך זאָל העלפען ראַטעווען די אידען פון אַן אויס־געפלאַנטען שענדליך גרויזאַמען טויט, פאַרזאַמעל אַלע אידען, פאַר־אייניג זיי אַלעמען אין איין פעסטע אָרגאַניזאַציע.

די אידען אין די צייטען פון אחשורוש האָבען געהאַט פול־שטענדיגע אויטאָנאָמיע מיט אונבאגרעניצטע רעכט. זיי האָבען געשפּילט אַן אויסערגעווענליכע ראָלע אין דער פּאָליטיק פון פרס ומדי נאָך פון כורש׳ס צייטען. זייערע עקאָנאָמישע און ווירט־שאַפטליכע פּאָזיציעס זענען געווען גינסטיגע, זיי האָבען אקטיוו באַטייליגט זיך אין אדמיניסטראַטיווען און סאָציאַלען עפענטליכען לעבען און זיי האָבען פארשידענע צווייגען פון מסחר אנטוויקעלט.

האָבען גרויסע טיילען אידען צוליעב די פערסישע בירגערליכע עמאַנציפּאַציע ביסלעכווייז אָנגעהויבען אָפּווייכען פון דער אי־דישער רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט, האָבען פארגעסען זייער היס־טאָרישע פארגאַנגענהייט, און האָבען שטופּענווייז איבערגענומען די מנהגים, זיטען און מאָראַל פון די פערסיער. ווי ווייט מעגליך האָבען זיי געשטרעבט צו אסימילירען זיך מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און זענען אנטלאָפען פון יעדער זאַך, וואָס איז געווען ספּעציפיש אידיש. זייער ציעל איז געווען, אויסצעוואָרצלען, אי־בערצוררייסען די אידישע אָפּגרעניצונג, די אידישע אייגענאַרטיג־קייט, כדי נושא־חן צו זיין ביי די פערסישע נאַטאַבלען און ביים פערסישען פאָלק, זיי זאָלען ניט באַטראַכט ווערען פאר קיין באַ־

זונדערע רעליגיעזע ראַסע אָדער פרעמדע נאַציאָנאַליטעט, נאָר ווי אַן אייגענער טייל, אַן אייגענער קלאַס, פון דער אַלגעמיינער אידי־שער באַפעלקערונג.

אין שושן, די רעזידענץ שטאָדט פון פערסיע, האָט געוואוינט מרדכי, דער פעטער פון אסתר־המלכה, וועלכער איז באוואוסט געווען ביים נאָמען מרדכי היהודי, אַ פאַטריארכאַלישער העכסט געלע־רענטער מאַן, אַ גרויסער שפּראַכען קענער און האָט דערפאַר גע־האָט אַ נאָהנטען צוטריט צום קעניגליכען הויף, — ער איז גע־ווען דער אָנפיהרער און גייסטיגער אָרגאַניזאַטאָר פון די רעלי־גיעזע נאַציאָנאַלע אידישע עלעמענטען, וועלכע האָבען פעסט גע־האַלטען זיך ביי דער טראַדיציאָנעלער אידישער פאַרגאַנגענהייט, האָבען געגלויבט און פּראַקטיצירט פונקט דאָס פאַרקערטע פון די פערסישע אידישע אסימילאַטאָרען.

עפענטליך האָט מרדכי שטאָלצירט מיט זיין אידישען אָפּשטאַם. דורך זיין נאָמען האָט ער דעמאָנסטרירט זיין יחוס׳דיגען אָפּשטאַם פון שבט בנימין. הויך האָט ער רעקלאַמירט, אז ער איז אַ פרעמדער, אַן ארויסגעטריבענער פון דער חרוב׳דיגער שטאָדט ירושלים, צוזאַמען מיט׳ן געוועזענעם אידישען קעניג, יכניה מלך יהודה, און אונאויפהערליך האָט ער אַגיטירט צווישען די אידען פון פערסיע, פעסט עקשנות׳דיג אָנצוהאַלטען זייער פאַרבינדונג מיט דער היסטאָריש אידישער פאַרגאַנגענהייט. די אידישע אמונה און טראַדיציע, און זאָלען ניט נאָכטאָהן, קאָפּירען און איבער־נעהמען די התנהגות און דאָס לעבען פון דער פערסישער באַפעל־קערונג.

מיט אַ טיעפען ארייגבליק אין פאַרשטעהענדען אידישען גלות לעבען, האָט מרדכי פאַראויסגעזעהן אז די עיקרים, אויף וועלכע עס קאָן אָנהאַלטען די עקזיסטענץ פון דער אידישער אומה אין גלות, איז דוקא דאָס אָפּגרעניצען זיך, דאָס אנדערש זיין פון די פעלקער אין די פאַרשיידענע לענדער. דאָס אָפּהיטען די אידישע איי־גענאַרטיגקייט, דאָס אויפהאַלטען די אידישע אמונה, אידישע מנהגים, טראַדיציעס, אידישע מאָראַל און עטיק, און די האָפענונג צוריק אויפ־צובויען אונזער פאַרוויסט לאַנד, ארץ ישראל. אָט די אַלע עיקרים זענען פון גרעסטער וויכטיגקייט, די קרעפטיגסטע באַפעסטיגונג

פאר די עקזיסטענץ פון דאָס אידישע פאָלק אין גלות, און אז אויך די אויסערליכע וועלט, וועט גרעסערען דרך־ארץ האָבען פאר די אידען וואָס וועלען ניט זוכען אַלערליי תחבולות אריינצורייסען זיך אין זייער פרעמדען רשות, זייענדיג דערפאר גרייט צו פארליי־קענען זייער גאָט און פאָלק און פארראַטען זייער אייגענעם אָפּ־שטאַם.

איז דאָס פערסיש אידיש לעבען, אין יענער צייט, אזוי ארום, געווען צוטיילט אין צווייען. צושפּליטערונג און צוברעק־לונג, מחלוקת און פרוד־לבבות האָט געהערשט צווישען די אידען אין פרס־ומדי. אפילו ווען ס'איז באַוואוסט געוואָרען אז המן האָט גע'פּועל'ט ביי אחשורוש'ן, האָט געקראָגען זיין אָפיציעלע הסכמה פאר זיין אויסגעפּלאַנטען טייוואלישען פּלאַן — להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים, מנער ועד זקן טף ונשים, ביום אחד. ער האָט ניט אויסגעטיילט קיין באַזונדערע קלאַסען אידען, אַלע אידען האָט דער שונא געוואָלט אומברענגען, די אידישע אַסימילאַטאָרען צוזאַמען מיט די דעמאָנסטראַטיווע רעליגיעזע נאַציאָנאַלע, זאָגאר דאַן, ווען די געפאַהר פון טויט, פון גרויזאַמער פארלענדונג, האָט געהאַנגען איבער די קעפּ פון די אידען אין פרס ומדי, זיינען די קאַמפען, רייבונגען און מחלוקת'ן צווישען די אידישע גרופּען מיט דער זעלבער פארביסענקייט פאָרטגעזעצט געוואָרען.

דער ערשטער, וועלכער האָט דערזעהן די שרעקליכע געפאַהר וואָס לויערט אויף די אידען אין פרס ומדי איז געווען מרדכי. אין גרויס פארצווייפלונג האָט ער צעריסען זיינע קליידער, אָנ־געקליידעט אַ זאַק אויף זיינע לענדען און אַש אויף זיין קאָפּ איז ער געגאַנגען איבער די גאַסען פון שושן, האָט הויך געשריען און פּראָ־טעסטירט געגען דער צוגעגרייטער גרויזאַמער מאַסען שחיטה און האָט אַפּעלירט און געוועקט די פערסישע עפענטליכקייט ניט צו דערלאָזען צו דעם שוידערליכען מאַסען־מאָרד. ווען ער האָט זיך איבערצייגט אַז די אַפּילען, פּראָטעסטען און הילפס־רופען ווערען גלייכגילטיג אויפגענומען פון דער פערסישער עפענטליכקייט, אַז די לאַגע איז האָפענונגסלאָז, אַז די רעטונג קען געשעהן נאָר דורך אַ נס, האָט ער באַשלאָסען צו ווענדען זיך צו אסתר'ן, זי

זאָל פּרואווען אויסנוצען איהר השפעה און ווירקונג אויפ'ן קעניג בטל צו מאַכען די גרויזאַמע פאַרניכטונגס גזרה.

אסתר, ווערענד זי איז דערצויגען ביי מרדכי אין הויז איז איהר ניט באַקאַנט געווען די שפּאַלטונג, די סכסוכים, שנאת־חנם, וואָס הערשט אין אידישען לעבען פון פּרס ומדי. אלס איבערגעבענע אידישע טאָכטער האָט זי טיעף געפּאָרשט דעם אידישען פּראָבלעם און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אַ גרויסער טייל פון צרות און אונגליקען, וואָס קומען אויף אידען, נעהמט זיך פון אינערליכען פּרוד־לבבות, פון אינערליכע רייבונגען. ווען ס'הערשט מחלוקת צווישען פאָלק האָט עס אַלעמאָל געבראַכט צו אידישען חורבן. דאָס איז אויך טיילווייז געווען די סיבה פון היסטאָרישען חורבן בית ראשון וואָס האָט גורם געווען אַ סך אידען זאָלען פאַרטריבען ווערען קיין פּערסיע. האָט דערפאַר אסתר באַשלאָסען, אז דאָס ערשטע וואָס ס'איז נויטווענדיג אין קאַמפּף געגען דעם ביטערען צורר היהודים, איז אחדות, — אַלע אידען אין פּרס ומדי זאָלען זיך פאַראייניגען אין איין אָר־גאַניזאַציע, פאַרניכטען ראשית־כל די אָפּגעזונדערטקייט, די עקשנות פון סעפּאַראַטיזם, דאַמאָלס וועט זי קענען צו אחשורוש'ן רע־דען אין נאָמען פון אַלע אידען אין פּרס ומדי. הויפּטזעכליך אָבער, אז די אידען וועלן זיין שטאַרק אינערליך, וועט קיין בייזער אוי־סערליכער כוח ניט ביכולת זיין זיי שלעכטס צו טאָן. דער אויפ־געהויבענער קאַמפּף געגען צורר־המן וועט דאַן געקרוינט ווערען מיט דערפאָלג. איז דערפאַר איהר ענטפער געווען צו מרדכי'ן — ל ך כ נ ו ס א ת כ ל ה י ה ו ד י ם, — זאָלען קודם כל די אידען זיך פאַראייניגען ארויסווייזען זייער נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, ארויסשטעלען אן איינהייטליך פאַראייניגטען פראָנט, האַרמאָניש, מיט געמיינזאַמע כוחות וועלען זיי גובר זיין דעם שונא זייערען, המן.

פאַרענדיגט דערפאַר די מגלת אסתר — וימי הפורים האלה, לא יעברו מתוך היהודים, וזכרם לא יסוף מזרעם — די טעג פון פורים, פון יום טוב, פון נצחון איבער'ן צורר המן זאָלען דינען תמיד אלס לעבעדיגערביישפּיעל פאַר די צוקונפטיגע אי־דישע דורות אין אַלע צייטען, אין אַלע גענעראַציאָנען. ווען די

נעפּאהר פון כּליה, פון פאַרניכטונג, העננט איבער אידישע קעפּ, זאָל מען אָנווייזען אויפ'ן היסטאָרישען מאָמענט אין די צייטען פון מרדכי און אסתר, אז דאָס ערשטע און אפשר דאָס איינציגע רעטונגס־מיטעל איז צו שאַפען אחדות אויף דער אידישער גאַס, צעמענטירען די אייגענע רייהען, אַלס קאָלעקטיוו־גאַנצעס. דאָס וועט דיענען פאַר אַ שטאָלענעם פּאַנצער, צוריק צושליידערען די גיפטיגע פּיילען, פאַרלוימדערישע בלבולים, בייזוויליגע יודאָפאָבישע שקרים און גאַליגע שנאה פון אונזערע פאַרביסענע שונאים. דער שונא, וועט דאַן קיין שליטה ניט האָבען. די קאָנזעקווענצען וועלען זיין פאַרקערטע, די בייזע מחשבות אין זייערע פאַרגיפטיגע מוחות, וואָס זיי האָבען געהאָפט צו פאַרוואַנדלען אין מערדערליכע טהאַטען געגען אידען, וועט פריער אָדער שפּעטער פאַלען אויף זייערע אייגענע קעפּ. זיי די ביטערע שונאים, די בחנמ'דיגע צוררים, וועלען פונקט ווי דער ערשטער גרויסער שונא המן, פאַרשווינדען און פאַרגעסען ווערען, אידען האָבען געלעבט און וועלען אייביג עקזיסטירען.

פאַראייניגטע נאַציאָנאַלע אידישע סאָלידאַריטעט, פאַרבינדען זיך מיט'ן אידישען כּלל, ניט בלויז מיט ווערטער, נאָר מיט פּראַקטישע רעאַליטעטען, אָרגאַניזירען דאָס פאָלק אַלס קאָלעקטיוו־גאַנצעס, איז ביז היינט פאַרבליבען דער הויפּט כּוח, דער שטאַרקסטער פאַרטיידיגונגס מיטעל, דער מעכטיגסטער פּאַנצער פון דאָס אידישע פאָלק אין גלות.

— לך כנוס את כל היהודים! —

# מגלת אסתר — די געשיכטע פון אידישען גלות

מגלת־אסתר, וואָס מיר לייענען פון יאָהר צו יאָהר, פערצעהן טאָג אין חודש אדר, איז די איינציג היסטאָרישע מגילה, וואָס איז געשאפען און געשריבען געוואָרען אין אידישען גלות.

בעת די מגילות שיר השירים, קהלת, רות און איכה, זענען אַלע געשאפען געוואָרען אויפ'ן ארץ־ישראל באָדען, איז מגלת אסתר, די איינציגע, וואָס איהרע היסטאָרישע ענטוויקלונגען און פאסירונגען זענען פון אָנפאנג ביז'ן סוף פאָרגעקומען אויף פרעמ־דען באָדען אין אידישען גלות.

און ניט בחנם האָבען אונזערע חכמים פאָרזאָגט, אז ס'איז די פליכט פון יעדען איד, מאַן און פרוי, פון יאָהר צו יאָהר, איינמאָל ביי נאכט און צומאָרגענס ביי־טאָג, מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט אויסצוהערען די מגלה לייענען, ווייל פון מגלת־אסתר, וועלכע איז א היסטאָרישער פראָדוקט, געשאפען אין גלות, וועלען די צוקונפטיגע אידישע דורות וויסען וועלכע מעטאָדען און מיטלען צו באנוצען אויף צו פאַרזיכערען זייער עקזיסטענץ אין זייער גלות לעבען, ניט צו פאַרצווייפלען אין קריטעשסטען מאָמענט, אפילו ווען די שאַרפע שווערד ליגט אויפ'ן האלז און שעפען בטחון און אָפּטימיזם אין דער געשיכטע פון מגלת אסתר, וואָס דערצעהלט פון דעם וואונדערבארען, איבערנאטירליכען קאמף וואָס די אידען האָבען דורכגעמאכט אין די צייטען פון אחשורוש.

דערפאר איז מגלת אסתר פארבליבען די פּאָפּולערסטע מגילה צווישען די אידישע פאָלקס מאסען אין גלות, ווייל זי דערצעהלט אויפ'ן פשוט'סטען פאָלקסטימליכסטען שטייגער, אילוסטרירט אמ־בולט'סטען, כאראקטעריזירט אמשאַרפסטען, ניט בלויז דאָס אי־

דישע גלות אין אחשורוש'ס צייטען, נאָר דאָס אידישע גלות פון אלע דורות און פון אלע צייטען.

פון מגלת אסתר לערנען מיר, אז די אומזיסטע שנאה צו אידען, דער בחנמ'דיגער אנטיסעמיטיזם וואָס ווערט זייט הונדער־טער יאָהרען פראָפּאַגאַנדירט און פּראַקטיצירט געגען אונז אידען, איז שוין העכסט אַלט, שטאַמט פון די גאָר אַלטע צייטען און איז לחלוטין ניט קיין ניי געבוירענע טעאָריע אויסגעטראַכט און דערפונדען פון אונזערע מאָדערנע יודאָפאָבען.

צוליעב דעם אָפּשטאַם, פון דעם ערשטען אוראַלטען, צורר־היהודים, וועלכער איז ווירקליך געווען דער גרינדער און שעפער פון דעם ערשטען אַלוועלטליכען אנטיסעמיטישען פּראָגראַם, וועמעס נאָמען איז דערפאַר פארבליבען ביי אונז פאר אַ סינאָנים פון שלעכטס — המן הרשע, ווערען מיר געוואויר, אז גלייך ווי די אידען זענען באַפרייט געוואָרען פון מצרים, נאָך די איבערנאַטיר־ליכע נסים ונפלאות, איז געקומען דאָס פאָלק עמלק און האָט שענדליך האַסענדיג אָנגעהויבען קריג צו פיהרען מיט די אידען און האָט באַלד אין דער התחלה, ווען דאָס אידישע פאָלק איז פון קנעכטשאַפט באַפרייט געוואָרען, אָהן אַ אורזאַך, אָהן שום טענה, זיי שרעקליך פארפאָלגט, געשטרעבט זיי צו פארניכטען, עוקר מן השורש צו זיין. און דערפאַר האָט די תורה אונז פארזאָגט — אָפּמעקען זאָלסטו דעם זכר, פון דעם ערשטען געפעהרליכען אור־אַלטען שונא, עמלק, אויב נישט, וועט פון איהם אַרויסקומען דער שפּעטערדיגער גרויסער שונא ישראל, המן, וועלכער וועט שטרעבען אַלע אידען אומצוברייננען און זיין גיפטיגער שרעקליכער האַס, וועט אויף אייביג פארשפּרייט ווערען אויף דער וועלט און דראָהען דאָס אידישע פאָלק מיט פארניכטונג.

און ווייל דער ערשטער אידישער קעניג, שאול, האָט בעת זיין מלחמה מיט עמלק, ניט אויסגעפאָלגט דעם געבאָט פון גאָט, צו פארניכטען און אָפּמעקען דעם זכר פון עמלק, זינט יענער צייט, אפילו די צייטען פון בית־ראשון און בית שני, בעת מיר האָבען געהאַט אונזער אייגען לאַנד, זענען געווען באַזעסען אויף'ן איי־גענעם באָדען, אונזער העלדישקייט, אונזער געוואַגטקייט, אונזער קולטור און אונזער אינטעליגענץ האָט גע'שמ'ט איבער דער וועלט

— האָט מען אונז אָהן א פאַרוואָס געהאַסט, איז פאַרבליבען אין דער וועלט די ערשטע אוראַלטע עמלק׳ישע שנאה, פאַרשידענע פעלקער האָבען געשטרעבט אונז איינצושלינגען, אויסצוואָרצלען אונז פון אונזער לאַנד און פאַרטיליגען.

און פונקט ווי ס׳איז ניט באַוואוסט, וואָס עס האָט באַוואוויגען עמלק צו פאַרפיהרען א ביטערע מלחמה געגען די אידען, פאַרוואָס האָט דאָס פאָלק עמלק געשטרעבט די בני ישראל צו פאַרניכטען באַלד אין אָנפאַנג פון זייער באַפרייאונג, אזוי איז עד־היום, ניט באַוואוסט די אמת׳ע סיבה, פאַרוואָס מען האסט און מען פאַרפאָלגט דעם אידען מעהר פון איטליכען פאָלק.

האָבען שוין געגנוג געלערנטע פילאָזאָפירט, גע׳חקר׳נט און געפאָרשט צו דערגעהן די סיבה פון אַנטיסעמיטיזם — וועך און וואָס עס איז דער הויפט גורם צו דעם אייביגען אידען האָס, און קיין פאָזיטיווע תשובה, קיין אויטענטישען ענטפער, וועלכער זאָל לאָזען זיך קאָמענטירען מיט׳ן שכל־הישר, איז נאָך ביז היינטיגען טאָג, פון קיינעם ניט געגעבען געוואָרען.

און ווי מערקווירדיג איז די שנאה צום אידישען פאָלק. אויף יעדער געביט האָט די וועלט געמאַכט פאָרטשריט, ניט פאַראַן, דאַכט זיך, קיין שום זאַך, קיין געביט, קיין געגענשטאַנד, וואָס זאָל ניט האָבען אין משך פון טויזענטער יאָהרען פראָגרעסירט. בלויז אויף איין געביט, האַלט די וועלט זיך ביים אוראַלטען, ווי מיט טויזענטער יאָהרען צוריק — די מיטעלאַלטערליכע אַנטיסעמיטישע טענה פון דעם ערשטען צורר היהודים, איז היינט פונקט די זעלבע ווי אין אחשורוש׳ס צייטען...

— ישנו עם אחד, מפוזר ומפורד בין העמים, ודתיהם שונות מכל עם, ואת דתי המלך אינם עושים, — המנ׳ס טענה, אידען זיינען צוזייט און צושפרייט צווישען די פעלקער, זענען געגצליך אָפּגעשיידט אין זייער אַרט לעבען און מנהגים פון אַלע אומות דורך זייער תורה, די מלוכה געזעצען פאָלגען זיי ניט, איז ביז׳ן היינטיגען טאָג פאַרבליבען די פאָפולערסטע רעקלאַמירטע פאַרלוימדערישע באַשולדיגונג, די גיפטיגסטע אויפהעצערישע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע, דער הויפט שטאָף, און דער עסענציעלער פאַראַגראַף פון אַלוועלטליכען אַנטיסעמיטישען פראָגראַם.

אונזערע אַלטע ספרים דערצעהלען, אז די אידען אין אחשורוש׳ס צייטען, זענען געווען העכסט לאָיאַלע פּאַטריאָטישע בירגער, א סך האָבען אוועקגעוואָרפען די אידישע טראַדיציע, איד־דישע מנהגים, אידישע שפּראַך און די אידישע קולטור, האָבען זיך געקליידעט ווי די אַלגעמיינע פּערסישע באַפעלקערונג, האָבען ניט געהיט שבת, יום טוב. ווען זיי זענען געקומען צו אחשורוש׳ס סעודה און מ׳האָט זיי איינגעלאַדען צום קייזערליכען טיש, האָ־בען זיי געגעסען און געטרונקען, ווי אַלע ניט אידען. זייער פּריוואַט און געזעלשאַפטליך לעבען איז געווען דאָס זעלבע, ווי די מענשען פון פרס ומדי, ס׳איז לחלוטין ניט געווען קיין אונטערשיעד צווישען איד און ניט איד. זיי האָבען אפילו געדיענט, געבוקט און געקניעט צום גאָט פון די פּערסיער — מפני מה נתחייבו שונאיהם של ישראל שבאותו הדור כליה? — מפני שהשתחוו לצלם. און פונדעסטוועגען האָט דאָס ניט געשטערט המנ׳ן צו באַשולדיגען די אידען פאַר אחשורוש׳ן, — ודתיהם שונות מכל עם, זייערע מנהגים, טראַדיציעס, התנהגות, איז מאָדנע אַנדערש, פון אַנדערע פעלקער.

פּרואווען געוויסע אידישע קרייזען אין די גלות לענדער אין אַלע צייטען און אין יעדער דור, נאָכצוגעהן און אויפפיהרען זיך, ווי די אויסערליכע אַלגעמיינע ניט־אידישע באַפעלקערונג, זיי מאַכען די אונגעהייערסטע אָנשטרענגונג צו זיין גלייך מיט אַלעם ווי די ניט אידען. צוליעב דעם פאַרלייקענען זיי זייער אידישע נאַציאָנאַליטעט, זייער היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט, זייער יחוס׳־דיגען אָפּשטאַם, אַבי צו געפעלען צו ווערען, די ניט אידישע וועלט, אַזוי אַרום רעכענען זיי, אויסצומיידען די איינגעוואָרצעל־טע אוראַלטע שנאה, פון די ניט אידישע וועלט צו זיי. אין זייער נייגונג צו פולשטענדיגע אַסימילאַציע, זייער חשק צו געפעלען די ניט־אידישע וועלט, ווייזען זיי אָפּט עפענטליך אַרוים גאַליגע שנאה, צו אַלץ וואָס איז אידיש, מעהרער ווי מאַנכע שונאי ישראל.

לכתחילה זיינען זיי טאַקע נושא־חן ביי די גוי׳אישע וועלט, זיי ווערען מיטגלידער אין זייערע קרייזען, ווערען דערהויבען צו הויכע עמטער אפילו צו רעגירונגס־שטעלעס, ווערען איינגעלאַדען צו קייזערליכע טישען, אין זייער אויפפיהרונג און האַלטונג איז

ניטאָ די קלענסטע מחיצה, די מינדעסטע צווישענשייד, וואָס צו־טיילט דעם איד פון ניט איד, ס'איז באמת ניט פאראַן קיין אורזאך פאר'ן מינדסטען פאראורטייל נעגען דעם קלאַס אידען, וואָס שייכות אידישע זיטען און מנהגים, זייער טאַלאַנט, זייער מוח און שכל, זייער ענערגיע און פעהינקייטען, דאָס בעסטע, קווינטעסענצי־עלע, וואָס זיי פאַרמאָגען אין זיך לייסטען זיי און שטעלען אין דיענסט פאר'ן וואוילזיין פון די ניט אידישע באפעלקערונג, זיי שטעלען דאָס צום קרעדיט פון די ניט אידישע וועלט, איגנאָרירענדיג באוואוסטזיניג דעם אידישען אָפשטאַם און פאררופען זיך, אלס קינדער פון דער באטרעפענדער מדינה, וואו זיי וואוינען.

האָבען אָט די דאָזיגע אַסימילאַציאָנס אידען, דאָס שטרע־בען צו זיין גלייך ווי דער גוי, אויסוואָרצלען דעם אייגענעם שטאַם, געפעלען ווערען דער וועלט, אין אלע צייטען און אין אלע דורות, פונקט ווי אין המנ'ס צייטען, ארויסגעוויזען זיך פאר א ניט־גענוגענדען מיטעל, צו פארמיידען די אוראַלטע איינגעוואָר־צעלטע שנאה צו דעם אויבענדערמאָנטען קלאַס אידען. אפשר, צוליעב דעם היסטאָרישען אידישען אָפשטאַם וואָס מאַכט אונ־מעגליך פאר א איד צו זיין אַנדערש, מעג ער אפילו די גרעסטע אונגעהייערסטע אָנשטרענגונג מאַכען זיך צו אַסימילירען, פרוא־ווען אויסטאָהן און פון זיין הארץ, ארויסצורייסען דעם איד, קאָן ער דאָס ניט באווייזען, בלייבט טיעף, געהיים, בחדרי חדרים, זיין אונטערבאוואוסטזיין, דער אמת'ער נשמה'דיגער איד, אלץ איד, ווייל אין זיינע בלוטען און אין זיינע אָדערען צירקולירען טויזענדער יאָהרען היסטאָרישע אידישע פארגאנגענהייט, דאָס איז אונטיילבאר, ווי לאַנג ער לעבט קאָן ער פון זיך דאָס ניט אָפטיילען, ארויסרייסען, דערפאר איז די אוראַלטע עמלק'ישע שנאה צו די אסימילירטע אידען, די זעלבע ווי צו אלע אידען. אָפט פאַסירט פאַרקערט, וואָס שאַרפער די אַסימילאַציאָנס טענ־דענצען ווערען פון אידען פראַקטיצירט אין א מדינה, וואָס מעה־רער אידען שטרעבען אויסצוואָרצלען זייערע ספעציפיש נאַציאָנאַלע אידישע געוואוינהייטען, זיטען און מאַנירען, כדי אבסאָלוט אָפ־צווישען יעדעס ברעקעל דערוויטערונג פון איד און ניט איד, דוקא שטאַרקער, פארביטערטער, באהאַלטענער און גרוויזאַמער איז די

שנאה צו דעם קלאס אידען. מען באשולדיגט זייער נאכטאנצען, זייער קאפּירען, די גוי'אישע וועלט, פאר אייגענע עגאיסטישע אבזיכטען, צו קאָנען פארנעהמען הויכע רעגירונגס שטעלעס, פאר־כאפּען די אינטעליגענטסטע פּראָפעסיעס, מאָנאָפּאָליזירען די עקאָ־נאָמישע פּאָזיציעס, פארשלינגען אין בית־הבליעה די גאנצע קול־טור פון לאנד און די רעזולטאטען זענען אָפט שרעקליך טראָ־גישע פאר אָט דעם אסימילירטען קלאס אידען, ווען דער פּינסטע־רער אנטיסעמיטיזם ווערט א כוח אין דער מדינה, קריגט אן אי־בערוועגענדע מאיאָריטעט און אויבערהערשאפט אין די רעגי־רונגס אדמיניסטראַציע, זענען די ערשטע קרבנות, די ערשטע וואָס ווערען אכזריות'דיג פארפאָלגט, אויסגעשפּיגען און ארויס־געוואָרפען פון דער ניט אידישער געזעלשאפט און פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס דער אסימילירטער איד. ער דערפיהלט דאמאָלט זיך הילפלאָז, פארצווייפעלט, הענגט אין דער לופטען, אָהן באָדען אונטער די פיס, ער האָט ניט קיין פארבינדונג מיט זיינע אידישע גלויבענס גענאָסען, און האָט מעהר ניט קיין קאָנ־טאקט מיט זיינע געוועזענע ניט אידישע פריינד און חברים.

לעבען אידען אָפּגעזונדערט, קליידען זיך אייגענארטיג, פּאַט־ריארכאליש, אַלטמאָדיש, פּראקטיצירען זייערע אייגענע נאציאָ־נאַלע רעליגיעזע אידישע געזעצען, מנהגים און טראדיציעס, מישען זיך לגמרי ניט און האָבען לחלוטין קיין שייכות ניט מיט דער אויסערליכער ניט אידישער וועלט, דיענען זייער גאָט און היי־טען זיינע געבאָטען, באזונדער, איזאָלירט, אין א בדידות־ווינקעל לעבען זיי אַן און פאר זיך א טראדיציאָנעל אידיש לעבען, — אָפּט אין דחקות און נויט, — טריי צו דער פארגאַנגענהייט איז זייער פּריוואט געזעלשאפטליך לעבען אייגענארטיג, אָפּגעגרעניצט אין די אייגענע דלד־אמות אין דער אייגענער ענגער סביבה. ס'איז קיין שום אורזאך ניטאָ פאר וואָס, די גוי'אישע וועלט זאָל טראָ־גען א שנאה צו דעם אולטרא־אָרטאָדאָקסישען אידישען קלאָס, וועלכע פּראקטיצירען פּאָלקאָם דעם עם לבדד ישכון, פונדעסטוועגען ווערען זיי געהאסט און פאראכטעט, הגם מ'קען גענען דעם קלאס אידען ניט ארויסשטעלען די בייזוויליגע אנטיסעמיטישע טענות, אויפצורייצען די ניט אידישע באפעלקערונג פון דער מדינה, אז

זיי, די אָרטאָדאָקסישע אידען, זוכען ארויסצורייסען די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע פּאָזיציעס פון ניט אידישע הענט, שטרעבען צו באהערשען און דאָמינירען דאָס אדמיניסטראַטיווע לעבען פון דער מדינה, מחמת זיי זיינען אינגאַנצען אָפּגעשיידט, האָבען קיין געמיינשאפטליכען קאָנטאקט ניט מיט דער אויסערליכער וועלט, דער מאָטיוו פון עקאָנאָמישען אנטיסעמיטיזם איז ניטאָ, באנוצען דאמאָלס די אנטיסעמיטען די אוראַלטע טענה פון המן הרשע, אַז די אידען זענען אַ פאַסקודנע פאָלק, זיי זענען אימער אַנדערש פון אַנדערע, ווילען זיך ניט אקלימאטיזירען, לעבען מיסטעריעז און איזאָלירט, האָבען אַן אייגענע מאָראַל און גערעכטיגקייט און אקצעפּטירען ניט די געזעצע און פאַרפליכטונגען פון דער מלוכה.

דער סך הכל — ווי אַזוי מיר זאָלען זיך ניט אויפפיהרען אין גלות, ווי אזוי מיר זאָלען ניט פיהרען אונזער לעבען, ווערען מיר געהאסט, פאראכטעט און מורא'דיג גרויזאַם פאַרפאָלגט.

האָט די וועלט אָנגעהויבען ציוויליזירען זיך, פּראקלאמירענדיג פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט, פּראָגרעס, הומאניטעט, מענשען ליעבע און מיר אידען זענען נאָכגעגאנגען אגיטירט און פּראָפאגאנדירט און געשטרעבט צו רעאַליזירען די הויכע אידעאלען פון דער ציוויליזירטער וועלט, האָט אַ מורא'דיגע שנאה געשפריצט מיט גיפטיגען האַס צופלאַקערט זיך געגען אונז, אַז מיר יאָגען אריבער און שטעלען ווייטערע פּראָגרעסיווע טריט ווי די גאַנצע וועלט אליין, דורכדעם ברענגען מיר אנארכיע, מיר פאראורזאכען קאטאסטראָפעס, איבערקערענישען אין לענדער, בקיצור, אַז מיר האָבען פאַרכאַפּט די ציוויליזאציע פון דער וועלט, מיר פאַרשלינגען אין אונזער בית־הבליעה מיט'ן צוועק און ציעל צו באַהערשען און דאָמינירען די וועלט.

אין געגענטייל אַז מיר האָבען געפיהרט אַן אייגענאַרטיג אָפּגעזונדערט, רעליגיעז נאַציאָנאַל אידיש לעבען, געשפּייזט און גענעזעטיגט זיך מיט דער אייגענער קולטורעלער היסטאָרישער אידישער פאַרגאַנגענהייט, געלעבט און געהאָפט אויף אַ בעסערע שענערע צוקונפט, האָבען די שונאי ישראל, אויסגעטראַכט אויף אונז, כל

הרעות שבעולם, אז מיר זיינען ריטואלע מערדער, פינסטערע פאַ־נאַטיקער, פאַרשפּרייטער פון דער שוואַרצער פּעסט, פאַר׳סמ׳ען ברונימער, גאַטעס־לעסטערער, און וואָס ניט? און אַלדאָס בייז, און די ניט אידישע וועלט, האָט וואָלפיש נעקריצט מיט די צייהן, האָט געוואָלט פון סאַמע וואָרצעל אונז אויסרייסען, אינגאַנצען עוקר מן השורש זיין, פאַרטיליגען אונז, פונקט ווי המן אין אחשורוש׳ס צייטען — להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים...

ווען מלחמות, שרעקליכע קאַטאַסטראָפעס, איבערקערענישען, שטירצען עקזיסטירענדע יסודות פון לענדער אין דער וועלט, וואו מיר אידען, ליידען, בלוטיגען, אָפּפערען פּראָפּאָרציאָנעל פּיעל מעהר ווי אַנדערע, ווערען מיר אידען, באַשולדיגט אַלס די פאַר־אורזאַכער פון די שרעקליכע איבערקערענישען, קאַטאַסטראָפעס און נאָכוועהעניִשען, ווערען מיר געהאַסט, פאַרפאָלגט, פּאָגראָמירט, געיאָגט עד לחורבן. בקיצור אין יעדען פאַרברעך אָדער אומ־פעהינקייט וואָס אַן אינדיווידועל אָדער קאָלעקטיוו ווייזט ארויס וואַשט מען זיך מיט אידיש בלוט. אַזוי איז געווען אין אחשורוש׳ס צייטען און אַזוי איז געווען שפּעטער אין שפּאַניען, פּאָרטוגאַל, פראַנקרייך, ענגלאַנד, רוסלאַנד און לעצטענס אין פּוילען און אין דייטשלאַנד.

קרוב צו צוויי טויזענט יאָהר ווי מיר זיינען אין גלות, גרים, נע ונד, היימלאָז, געטריבען פון לאַנד צו לאַנד, ווערען מיר אָי־בעראַל דערנידריגט, באַליידיגט, און תמיד באַשולדיגט פאַר יע־נעמס חטאים, זענען מיר גלייך ווי אַלע, קאָן מען אונז ניט סובל זיין, זענען מיר אַנדערש פון אַלעמען, קאָן מען אונז ניט פאַר־טראָגען. טראָגען מיר באָרד און פּיאות, שיך און זאָקען, לאַנגע מלבושים, פּראַקטיצירען אונזער אייגענאַרטיג טראַדיציאָנעל אי־דיש לעבען, ווערען מיר פאַרהאַסט אַלס שמוציגע אידען, טראָגען מיר אַ צילענדער, קליידען זיך אייראָפּעאיש, מאָדערנע, עלעגאַנט, שרייען אונזערע שונאים אַז מיר זיינען רייך, מיר לעבען אין לוקסוס, מיר זיינען פּאַראַזיטען, פּיאַוועס, זויגען דאָס בלוט פון די ניט אידישע באַפעלקערונג האָבען פאַרכאַפּט די רייכטי־מער פון לאַנד און לעבען אויפ׳ן חשבון פון די אָרימע ניט אי־דישע פּאָלקס מאַסען...

דאָס בעסטע פון אונזער מאַרך, אונזערע געניאַלסטע קינדער, האָט די ניט אידישע וועלט ביי אונז אַוועק גענומען, די גאַנצע וועלט שעפּט און לערנט פון אונזערע אונערשעפּליכע גייסטיגע אוצרות, איבעראַל וואו מיר וואוינען העלפען מיר ענטוויקלען די אינדוסטריע און מסחר, פאַרקניפּען קאָמערציעלע באַציהונ־גען מיט אַנדערע לענדער, פאַרגרעסערען אַזוי אַרום דעם עקס־פּאָרט און אימפּאָרט פון דער מדינה, מיר פאַלען אין קיין שום לאַנד אימעצען צו לאַסט, מיר זיינען פאַראַנטוואָרטליכע פעהיגע, אַרבייטזאַמע בירגער, אַרום אונז געניסט שטענדיג די אַלגעמיינע באַפעלקערונג, מיר העלפען בויען, ענטוויקלען, שטעדט און פאַב־ריקען, די ערגסטע שונאים אונזערע מוזען צוגעבען, אַז קיין שום פאָלק אין דער וועלט האָט אַזויפיל ניט בייגעשטייערט פאַר דער וועלט ציוויליזאַציע ווי מיר אידען — דאָך קאָן די וועלט אונז קיינמאָל ניט פאַרדייען, אונזער שכר איז כמעט תמיד קלעפּ, פיינ־ליכע יסורים, פאַרפאָלגונגען, אינקוויזיציעס, פּאָגראָמען און בעס־טיאַלישע שחיטות, ניט בלויז קאָן די וועלט אונז ניט סובל זיין ווען מיר זענען בעסער, פעהיגער, ווי אַנדערע, נאָר אפילו ווען מיר זענען גליך מיט אַנדערע ווערען מיר געהאַסט און פאַראַכטעט, באַ־שפּיגען און דערנידעריגט.

האָבען אונזערע חכמים דעריבער פאַרהייליגט די מגלה — מבטלין תלמוד־תורה ובאין לשמוע מקרא מגילה, תורה לערנען איז מען מבטל, צו קומען הערען לייענען די מגילה, האָבען אונזערע חכמים, וועלכע האָבען צוליעב זייער חכמה און קענטעניש פאַר־מאָגט די איינגעשאַפּטען פון רוח־נבואה, זענען ביכולת געווען טיעפער אריינצודרינגען און זעהן די צוקונפט פון דאָס אידישע פאָלקס לעבען — פאַרזאָגט צו די צוקונפטיגע אידישע דורות.

די דראַמאַטישע פּאַסירונגען פון מגלת אסתר, איז ניט קיין גע־שיכטע, וואָס איז פאַרשוואונדען, אַ היסטאָרישע פּאַסירונג פון די אוראַלטע צייטען וואָס דערמאָנט אַז אַמאָהל, אַמאָהל, האָט אַזאַ אויסטערלישע פּאַסירונג געטראָפען, וואָס מען ווייסט ניט קלאָהר, וויפיעל אמת, וויפיעל רעאַליטעט אין דער אוראַלטער געשיכטע איז פאַראַן. הערט מען אויפמערקזאַם זיך צו די מגילה לייענען, פאַר־טראַכט מען זיך אין איהר תוכן, ווערט קלאָר, דערזעהט מען גלייך

אין די מגילה, די אַפּשפּיגלונג, די פאַרקערפּערונג, דעם העכסט טראַ־גיש טרויעריגען מצב פון דעם בלוטיגען לאַנגען אידישען גלות, ניט בלויז פון אַמאָל, פון פאַרהיסטאָרישע צייטען, מיט טויזענטער יאָהרען צוריק, נאָר ווי אַ בלוטיגע רויטע שנור ציהען זיך די אידי־שע ליידען, רדיפות, פאַרפאָלגונגען, גזירות רעות, פּאָגראָמען, שחיטות זינט יענער צייט, פון אחשורוש און המנ׳ס צייטען, ביז׳ן היינטיגען טאָג.

יעדער אידישער דור, אין יעדער צייט, דערזעהט אין מגלת אסתר ניט קיין לעגענדאַרישע מעשה פון אוראַלטען ״עבר, עפּעס אַן אונ־גלויבליכע פאַנטאַסטישע אויסטראַכטונג פון פאַרשוואונדענע צייטען, נאָר אַ באַשטעטיגטע היסטאָרישע פּאַסירונג, וואָס האָט געשיכטליך אָנגעהויבען זיך אין המן און אחשורוש׳ס צייטען און ווערט כמעט פּינקטליך אונאויפהערליך ביז היינט ווידערהאָלט און פאַרטגעזעצט.

אין דער געשיכטע פון מגלת־אסתר דאַרף מען ניט זוכען אָדער פאָרשען קיין היסטאָרישע באַקרעפטיגונג אויב אין די אַלטע פּער־סישע אַרכיוועז, ווערט יאָ, אָדער ניט, ערגעץ פאַרצייכענט וועגען דער דראַמאַטישער פּאַסירונג, מען דאַרף אויך ניט מאַכען קיין ספּעציעלע רייזע קיין פּערסיע, צו זיין אינ׳ם לאַנד וואו די מגלה האָט פּאַסירט, כדי צו אַבסאָרבירען אין זיך שטימונג צו פיהלען בחוש די ווירקליכע אוראַלטע געשיכטע. די מגלה איז אַ פעסטע אונצוויי־פעלהאַפטע באַשטעטיגטע פּאַסירונג, די געשיכטע איז אַ לעבעדיגע, המן איז אַן אומבאַשטרייטבאַרער אמת׳ער פאַקט, יעדער דור האָט זיך זיין המן, זי איז ווירקליך, אמת׳דיג. מיר זעהן די פּאַסירונגען מיט די אייגענע אויגען, זי האָט אין זיך פלייש אוןביינער, מען דאַרף ניט זוכען פאַר איהר קיין שטימונג, די שטימונג קומט גלייך ווען מען הערט איהר לייענען, די באַשולדיגונגען, בייזוויליגע פאַרלוימ־דונגען, ווילדע אַגיטאַציע וואָס די שונאי ישראל פאַרשפּרייטען געגען אונז צו פאַרניכטען, עוקר־מן־השורש צו זיין, אויסצוראָטען ביז׳ן סאַמע וואָרצעל און דער אופן, ווי אַזוי מיר ווערען ממש דורך נסים ונפלאות געראַטעוועט — שטעהט הארט לעבעדיג פאַר אונזערע אויגען!

די לישנא־בישא׳דיגע רייד פון המן, פאַר׳ן קעניג אחשורוש, וועלכע ווערען לאַקאַניש, קורץ, איבערגעגעבען אין דער מגלה, גילטען

ביז'ן היינטיגען טאָג פאַר די גיפטיגע פּרעסערישע אַגיטאַציע וואָס די שונאי ישראל פאַרשפּרייטען עד היום געגען אונז. די אַנטיסעמיטען פון אַלע צייטען האָבען כמעט קיין נייע באַשולדיגונגען ניט צוגעטראַכט, דער ישנו עם אחד, מפוזר ומפורד בין העמים, ודתיהם שונות מכל עם, ווערט בלויז פון די יודאָפאָבען אין אַלע צייטען און אין יעדער גענעראַציאָן מעהר אויסגעברייטערט, לויט'ן צושטאַנד פון דער צייט אויסגעטייטשט. און די אַלע פאַרלוימדונגען, בלבולים, כל הרעות, וואָס אַנטיסעמיטען אין אַלע צייטען האָבען זינט יענער צייט, ביז היינט, אויסגעטראַכט און אויסגערעדט אויף דאָס אידישע פאָלק, איז זייער אייגענטליכער מקור, זייער אָפּשטאַם פון המן. די אינטערפּרעטאַציעס זיינען בלויז נייע לויט דער אַלגעמיינער צייט און אומשטענדען פון דער מדינה. דער יסוד איז אָבער דער אוראַלטער המנ'שער. האָבען דערפאַר אונזערע חכמים געזאָגט: ליכא דידע לישנא בישא כהמן, ס'איז ניטאָ נאָך אַזא מענש, וואָס זאָל וויסען צו רעדען אַזא שענדליכע געהעסיגע שפּראַך אויף דאָס אידישע פאָלק, ווי המן.

און ניט בלויז אין דער שפּראַך נאָר אויך די טאַקטיק פון די שונאי ישראל אין אַלע צייטען איז די זעלבע ווי המנ'ס.

ווערט אַ שונא ישראל דערצאָרענט, אויפגעבראַכט אויף איין איד, צוליעב פּערזענליכע אָדער געזעלשאַפטליכע סיבות, באַנוגענט ער זיך ניט מיט פּייניגען דעם באַטרעפענדען אידישען יחיד, איהם אינדיווידועל פאַרניכטען, ווי המן אַז ער איז אין כעס געוואָרען אויף מרדכי ווייל ער האָט זיך ניט געבוקט און געקניט פאַר איהם — נאָר שטרעבט און פאַרמעסט זיך באַלד, להרוג ולאבד את כל היהודים, אומצוברענגען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, פאַראורטיילט און בראַנדמאַרקט אַלע אידען אלס די ערגסטע פאַרברעכערישסטע מענשען, זוכט פון דער ערד אַרויס די געמיינסטע עקעלדיגסטע באַשולדיגונגען, טראַכט אויס די פאַנטאַסטישסטע אומגעלומפּערסטע בלבולים און פאַרמעסט זיך מיט אַ ברייטער ברוטאַלער בלוטיגער האַנט אויסצוראָטען און פאַרניכטען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק און אינגאַנצען פון דער וועלט זיי עוקר מן השורש זיין.

לאות עולם לא יכרת, זה מקרא מגלה — האָבען דאַרום אונזערע חכמים געשטעלט מגלת אסתר אויף אַזא הויכער מדרגה צווישען

אונזערע כתבי־קודש גלייך מיט די חמשה חומשי תורה. זי מוז גע־שריבען ווערען אויף פּארמעט לויט אַלע דינים וואָס ס'ווערט גע־פאָדערט ביים שרייבען אַ ספר תורה, מען מאַכט אַ ברכה אויף איהר פאר'ן לייענען און נאָכ'ן לייענען, וויל פאַראויסגעזעהן האָבען אונ־זערע חכמים אַז מגלת אסתר איז ניט געווען קיין ערשיינונג וואָס האָט צופעליג געטראָפען אין פרס ומדי, נאָר זי איז די מארטירער געשיכטע פון אידישען גלות. זי איז די פאַראויס געשריבענע בלו־טיגע מגלה פון יעדער דור, יעדער אידישער דור וועט פיהלען אין דער מגילה, אַז זי איז די געשיכטע פון זיין צייט און אַז ער איז אַ טייל פון דער געשיכטע. די מגילה איז אזוי רעאַל אמת, לעבעדיג, גלייך ווי ער אליין לעבט און אַז דאָס וואָס האָט געטראָפען מיט די אידען אין פרס ומדי אין אחשורוש און המנ'ס צייטען, לעבט אויך דורך זיין דור אין זיין צייט אין דער מדינה וואו ער לעבט...

אונזער גאַנצער קיום אין גלות, אונזער גאַנצער עקזיסטענץ נאָך אַלע אונגעלונגענע פארזוכען פון אונזערע שונאים אונז אויסצוראָטען, אונז אומצוברענגען, איז נאָר אַ דאַנק יענע נסים ונפלאות וואָס האָט געטראָפען צו די אידען אין מרדכי'ס און אסתר'ס צייטען און האָלטען זיך אין ווידערהאָלען אין אַלע צייטען און אין אַלע דורות.

די מגילה וואָס מיר לייענען יעדעס יאָהר פערצעהן טאָג אין חודש אדר, איז ניט קיין אוראַלטע געשיכטע וואָס דערצעהלט פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, זי איז די גרויליגע בלוטיגע געשיכטע פון אידישען גלות לעבען פון היינט און פון מאָרגען. זי איז די געשיכטע וואָס מיר לעבען און מאַכען דורך. מיר זעהן איהר מיט די אויגען, מיר פיהלען איהר אויף שריט און טריט. דערפאַר וועט די מגלה פאראייביגט ווערען אפילו ווען משיח וועט קומען וויל זי איז די בלוטיגסטע שוידערליכסטע דערצעהלונג פון אידישען גלות וואָס וועט פארבלייבען פאַר אַן אייביגען אנדענקען און זי וועט קיינמאָל ניט בטל ווערען צוגלייך מיט די תורה.

— נביאים וכתובים עתידים ליבטל, וחמשה חומשי תורה ומגלת אסתר, אין עתידים ליבטל...

# שבת הגדול

היינט צו טאָג, האָבען אַלע קלאַסען מענשען, אַלע מאָדערנע פעלקער, גלויביגע און ניט גלויביגע, אַנערקענט אַז איין טאָג אין וואָך, מוז דער מענש האָבען א רוה־טאָג.

הגם די ארגומענטען פאַר'ן רוה־טאָג ווערען פון יעדער קלאַס אַנדערש מאָטיווירט, אַנדערש אויפגעפאַסט, פון אַן אייגענעם שטאַנד־פּונקט. אין פּרינציפּ אַנערקענען אָבער אַלע די הייליגע ווערטה פון איין טאָג רוה פון מענשליכען עקזיסטענץ און וואוילזיין.

ניט אַזוי לייכט און ניט אַזוי שנעל איז דער געדאַנק פון א רוה טאָג פאַר'ן מענשען געלונגען די ערשטע פריידיגער און פּראַק־טיצירער צו פּאָפּולאַזירען.

דער איד וועלכער איז געווען דער ערשטער אויף דער וועלט, וואָס האָט פּראָקלאַמירט דעם רוה־טאָג שבת, אויספאָלגענדיג דעם געבאָט פון באַשעפער פון דער וועלט — כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלהים לעשות, איז לכתחילה כמעט פון אַלע פעלקער אין יענער צייט, אפילו פון די קולטורעלסטע, ציניש אויסגעלאַכט געוואָרען.

עס איז געווען אונבאַגרייפבאַר, פאַר די מענשען אין יענער צייט, אַז מען זאָל די גאַנצע ארבייט אַבסאָלוט אויף איין מעת לעת אין דער וואָך אָפּשטעלען. דער מענש זאָל זיך אויסשפּאַנען פון זיין טעגליכען יאָך און זאָל האָבען פולשטענדיגע רוה.

דער טרויעריג באַוואוסטער גריכישער יודאָפאָב אַפּיאָן שיל־דערענדיג די אידען אין די שוואַרצסטע פאַרבען דערצעהלט זייער משונה מאָדניגקייט, אַז עס קומט שבת, רוהט יעדער פון זיין אַר־בייט, זיי טהון לחלוטין גאָר נישט, זיצען דעם גאַנצען טאָג אין זייערע שוהלען.

אין דער התחלה, האָט די ניט אידישע וועלט משיג געווען דעם אידישען רוה טאָג, נאָר בלויז צוליב אָפּרוהען דעם קערפּער, וועל־כער ארבייט שווער אַ גאַנצע וואָך, זיינען זיי דערפאַר פון זייערע

נוגשים באַצייכענט געוואָרען פאַר נרפים אתם נרפים — פוילענצער, וועלכע ווילען זיך אויסדרעהען פון ארבייט. דער אידישער שבת אין פאָרם און אין אינהאַלט, ווי דער וועלט באַשעפער האָט איהם אלס מתנה טובה פאַר'ן פאָלק־ישראל באַשטימט, האָט אָבער אַן אונגעהייער גרעסערע באַדייטונג פון העכערען תוכן, טיפערען געדאַנק און פיעל גרעסערען ציעל.

וואָלט שבת באַצוועקט בלויז אָפּצורוהען דעם קערפּער, וואָלט ניט נויטיג געווען צו רוהען דוקא דעם זיבעטען טאָג, יעדער איד וואָלט געקאָנט רוהען דעם טאָג אין וואָך וועלכער איז פאַר איהם פּאַסיגער, לייכטער און בעסער. עס וואָלטען אויך נאָר באַדאַרפט רוהען די שווערע פיזישע ארבייטער. איז אָבער דער אמת'ער טעם פון אידישען שבת ניט לטובת דער קערפּערליכער רוה, נאָר א טאָג פון נשמה, פון קדושה עליונה, פון אבסטראַקטע מחשבות, פון גייס־טיגען פאַרגעניגען, וואָס דורך דעם טאָג שבת, דערמאָהנט זיך דער איד, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס האָט באַשאַפען, שמים וארץ, את הים ואת כל אשר בם, וינח ביום השביעי — און האָט דעם זיבעטען טאָג געבענשט און געהייליגט.

זעקס טעג ארבייט דער מענש, פאַרגעסט ווער ער איז, וואָס ער איז, וואו זיין צוקונפטיגע אייביגע מנוחה איז... ער איז צו־טראָגען, צוטומעלט, יאָגט זיך נאָך זיין שפּייז ווי א חיה אין ווילדערניש, האַלט אין איין האָרעווען פאַר דאָס קערפּערליכע, ער האָט קיין צייט ניט פאַר קיין חשבון, אָפּשטעלען זיך, פאַרטראַכטען, וואָס איז דער תכלית, וואָס איז דער צוועק. דאָס גייסטיגע איז אין איהם פאַרשלאָפען, פאַרנאַכלעסיגט, פאַרטעמפּט, אָפּט ווערט דער מענש פאַרבלענדט, היפּנאָטיזירט, שטאָלצירט ער מיט די אייגענע קרעפטען און פעהיגקייטען, אַז ער פאַרגעסט לחלוטין אַז אין זיין קערפּער געפינט זיך ערגעץ אַ נשמה, וואָס איהר מקור קומט פון העכערע וועלטען, גייסטיגע הימלישע ספערען.

אינ'ם געיעג פון שאַפען, ארבייטען, הויבט דער מענש אָן גלויבען איינרעדען זיך אין כחו ועצם ידו, פאַרגעסט אַז עס עקזיסטירט אַ העכערע מאַכט, וואָס רעגירט, הערשט, געוועלטיגט, איבער אַלץ וואָס וואַקסט, לעבט, באַוועגט זיך, פון אַ ווערימעל אין דער ערד ביז אַ מלך בשר ודם.

אז עס קומט דער שבת, ווארפט דער איד ארונטער די שווערע משא פון דער וואָך, וואשט זיך ארום, ווארפט פון זיך ארונטער די בגדים צואים, די חומר׳דיגע גראָבע קליידער, באפרייט זיך פון וואָכעדיגע דאגות, פון שטענדיגען גראָהען הו־הא געלאָף, דערוואכט אין איהם דאָס גייסטיגע, דאָס העכערע, דאָס ערהאבענע, דאָס נשמה׳־דיגע, דאָס קווינטעסענציעלע, דערפיהלט דער איד אז א חוץ גוף האָט ער א נשמה.

דער טאָג שבת מאכט אַן איבערקערעניש אין איד׳ס גאַנצען לעבען. שבת דערזעהט דער איד מיט ליכטיגע קלאָרע אויגען די שעהנקייט, די שוועבענדע הייליגקייט אויף אלץ פון געטליכען באשאף.

שבת דערפיהלט דער איד, אז די זעקס טעג אין דער וואָך לעבט ער וואָכעדיג, ביליג, פראָסט, מגושמ׳דיג, ערדיש, חומר׳דיג. שבת באזיצט דעם כוח צו פארוואנדלען דעם אָרימען אומגליקליכען, געיאָגטען און אייביג פארפאָלגטען אידען אין א בן מלך, אין א פרינץ. זיינע צורודערטע געדאנקען, אָנגעשטרענגטע נערוועז, זיין מידער קאָפּ גיט שבת א מנוחה שלמה. ער דערהויבט זיין גייסט, ער דער־פיהלט זיין נשמה, דאָס יום־טוב׳דיגע, דאָס הייליגע פונ׳ם לעבען. ער ווערט נעהענטער צו דער געטליכקייט, דאָס נשמה׳דיגע קריגט די אויבערהערשאפט איבער דאָס קערפערליכע. ער פיהלט א גייסטיגען נשמה׳דיגען פארגעניגען, ער ווערט ערמוטיגט, געקרעפטיגט, גע־שטארקט מאָראליש, גיט איהם כוח אויסצושטעהן די אָנקומענדע זעקס אַרבייטס טעג און דערהאַלט דעם אידענס גאַנצען לעבענס־עקזיס־טענץ, ניט בלויז פון יחיד נאָר פון גאַנצען אידישען כלל, פון דער גאַנצער אידישער אומה.

ויראַ בסבלותם — ראה משה שאין להם מנוחה, הלך משה ותיקן להם את יום השבת — דער ערשטער וועלכער האָט פאַר־שטאַנען די וויכטיגקייט, נוצליכקייט און די הייליגקייט פון שבת איז געווען משה רבנו.

שקלאַפען זענען אונזערע עלטערען געווען אין מצרים, שטיינער אויף די הויכע מויערען געטראָגען, די מצרי׳שע פיראמידען געבויט, האָבען זיי געזיפצט, געקרעכצט, אונטער׳ן דרוק און גרויזאַמער בייטש פון דער מצרי׳שער האַנט. משה דער געשיקטער דערלייזער פון גאָט, האָט געזעהן די ארבייט פון די עלענדע, פאַראכטע אידישע

שקלאפען, זייער קנעטען ליים, טראגען ציגעל, זייער ארבייטען טאג און נאכט, פון זייערע פאר׳חושכ׳טע פנימ׳ער רינט טראפענס שוויים, זייערע אויגען גיסען קוואלען טרערען, זייערע הענט און פיס זענען צוקאטעוועט, צעפאסעוועט, בלוטיג פארוואונדעט, האט דער געטליכער שליח איינגעזעהן, אז אויב ער וועט מאמענטאל ניט אפשטעלען, אויסבעטען ביי דעם אכזריות׳דיגען מצרי׳שען קעניג א פארגרינגערונג, אז די שקלאפען זאלען האבען רוה איין טאג אין וואך וועט ניט זיין וועמען אויסצוליזען, וועלען די אידען ביסלעכווייז אויסשטארבען.

האט משה, פאר׳ן ווייזען די געטליכע וואונדער פאר פרעה אפעלירט צו איהם פון א סאציאלען עקאנאמישען שטאנדפונקט — מי שיש לו עבד, אם אינו נח יום אחד בשבוע הוא מת, ואילו עבדיך אם אין אתה נותן מנוח להם יום בשבוע הם מתים (שמות רבה) האט פרעה איינגעזעהן די גערעכטיגקייט פון דעם ארגומענט, פאר זיין טובה ווענען און האט גלייך סאנקציאנירט משה׳ס פארשלאג, האט משה אויסגעקליבען דעם טאג פון רוה — שבת!

איז דער טאג, שבת, געווארען אן אמת׳ער יום מנוחה פאר די שקלאפען. אין אט דעם טאג האבען זיי פרייער אפגעאטעמט, אויסגעגלייכט די ביינער, פארבאנדאזשירט די בלוטיגע וואונדען, געשעפט א ביסעל פריש חיות, אנגעזאמעלט נייע כוחות פאר די קומענדיגע זעקס ארבייטס טעג אין דער וואך.

הגם קיין תורה האבען זיי נאך ניט געהאט, קיין מצות האבען זיי ניט געוואוסט, זיינען געווען גייסטיג נידריג אפגעשטאנען, האבען אבער די פאראומערטע שקלאפען דערפיהלט אין באשטימטען רוה־טאג, ניט בלויז קערפערליכען רוה, נאר אויך גייסטיגען רוה, אז דער קערפער איז פרייער געווארען פון דער ארבייט האט דאס נשמה׳דיגע אין זיי אויפגעלעבט, האבען זייערע נשמות אנגעהויבען באפרייען זיך פון אונמענשליכען שעבוד. אזוי הויך זיינען זיי גייסטיג געשטיגען צוליעב דעם רוה טאג שבת, אז ווען משה איז געקומען און האט זיי באפוילען אין נאמען פון גאט צו נעהמען דאס עגיפטישע היילינטום צום שחט׳ען, שה תמים, ושחטו אתו כל קהל עדת ישראל, וואס איז געווען פארבונדען מיט לעבענס געפאהר, — הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלונו? האבען די אידען

מיט איבערגעבענער מסירת נפש פינקטליך אויסגעפאָלגט דעם ערשטען געטליכען געבאָט. און אָט די גייסטיגע געטליכע דערגרייכונג פון די אידישע פארגרעבטע שקלאַפען, איז געווען נאָר א דאַנק דעם הייליגען רוה טאָג שבת.

איז יענער שבת, דער ערשטער שבת פון מצרים, דער ערשטער פּראָקלאַמירטער רוה טאָג אויף דער וועלט פאראייביגט געוואָרען פון אונזערע עלטערען און דער שבת פאר פסח איז געקרוינט געוואָרען מיט דעם נאָמען — ש ב ת ה ג ד ו ל.

# ערב פסח אין דער אַלטער היים

גלייך נאָך פּורים, האָט די מאַמע אָנגעהויבען מאַכען הכנות פאר דעם ליעבען יום טוב, פּסח. ארונטערגענומען די פאָרהאַנגען פון די פענסטער, אוועקגעגעבען זיי אויסצואוואַשען, אָנגעהויבען שייערען און סקראָבען די טישען, די בענק, די שענק, צוזאמענגע־רעדט זיך מיט שכנים צו באַשטימען דעם טאָג, ווען מען זאָל צו־זאַמען כשר׳ן לכבוד פּסח, און באַשטעלט אַ גוי, אויסצוקאַלכען די שטוב.

דער טאַטע האָט אין דעם אַלעמען קיין אינטערעס לחלוטין ניט געהאַט, גלייך דער אָנקומענדער יום־טוב איז איהם בכלל ניט נוגע. ווען די מאַמע פלעגט אַ פאַרהאָרעוועטע שטעהן, סקראָבען און שייערען, פלעגט דעם טאַטענ׳ס פּנים אויסדריקען אומצופרידענהייט מיט דעם צושטאַנד פון הויז און האָט אָפט מיט פאַרדראָס אונטערגעמור־מעלט, אַז דאָס הויז, האָט דאָס אויסזעהן פון אַ „זבאַרנעם פּאָלק". נאָר ווען דער גוי, איז אַ פאַרוויסטער, אַ פאַרקאַלכטער מיט׳ן פּענ־זעל אין האַנט געקומען אויסצוקאַלכען דאָס הויז און מיר קינדער האָבען געהאָלפען די מאַמע ארויסטראָגען די שטוב זאַכען, זיי זאָ־לען ניט פאַרקאַלעכט ווערען — דאַמאָלס האָט דער טאַטע ארויס־געטראָגען דאָס ווילנער ש״ס מיט אַלע זיינע ספרים פון דער גרוי־סער גלעזערנער שראַנק, אויסגעלייגט זיי אויף בענק, געעפענט יעדער ספר באַזונדער, געהאָלפען דעם ווינט יאָגען די בלעטלאַך און זיין פּנים פלעגט בשעת־מעשה אויסדריקען דעם נחת־רוח און פאַרגע־ניגען, וואָס די ספרים פיהלען זייענדיג דאָס איינציגע מאָל אין יאָהר אויף פרייע לופט, אויפגעמישט אונטער דעם פרייען הימעל און אריינשעפּען אין זיך פרישע לופט.

בין־השמשות, נאָך מנחה, פלעגט דער טאַטע אהיים קומען פון בית־המדרש, אויסוויטען די גלעזערנע שראַנק, אויספּוצען די שוי־בען, צוזאַמענלייגען די ספרים, אָפּגעווישט די טאָוולען פון יעדער

ספר באזונדער און דערביי זאָגן מיט א טיעף נעפיהל פון אינער־ליכען פארגעניגען: די ספרים האָבען זיך מחיה געווען, זענען פשוט דערפרישט געוואָרען. און ווען ער איז פארטיג געוואָרען מיט די ספרים, איז ער צוריקגעגאנגען אין בית־המדרש לערנען גלייך די ווייטערדיגע הכנות פון פסח זענען איהם לגמרי ניט נוגע.

ווען ס'איז געקומען די צייט פון מצות באקען, דאמאלט פלעגט דער טאטע זיין דער גאנצער עוסק בדבר.

עטליכע טעג פריהער, האט דער טאטע געשמועסט מיט'ן „פארלעגער" און באשטעלט ביי איהם דעם ערשטען אויווען צו באַ־קען מצות. ער האט אָנגעהויבען אָפּט ארייגעהן אין דער מצה בעקעריי, אומקוקען זיך, נאָכקוקען יעדענס ארבייט. א טאָג פאר דעם באקען, פאר שקיעת החמה, איז דער טאטע געקומען אהיים צו לויפען פון דער מצה בעקעריי, מיט א הילצערנעם קענדעל אי־בערגעדעקט מיט א שניי ווייס קלאָהר טיכעל און א מאט קופערנע קאָלירטע קוואָרט אין האנט, רופענדיג אונז קינדער מיטצוגעהן צום טייך אונטער'ן שטאָדט נאָך מצה וואסער.

דעם טאָג ווען מיר האָבען געבאקען די מצות, איז דער טאטע אויפגעשטאנען בעלות־השחר, אויפגעוועקט אונז קינדער גאנץ־פריה צו נעהן העלפען ביים באקען — זריזין מקדימין למצות, האט דער טאטע געלערענט אונז קינדער. מיר פלעגען זיך פיהלען גלייך ווי מיר וואָלטען אויפגעשטאנען צו סליחות, מיר האָבען באטראכט אונזערע קליידער, ס'זאל חלילה זיך ניט מיטשלעפען א חשש־חמץ. דער טאטע אליין איז געווען אזוי באשעפטיגט, אזוי פאריאָגט, ער פלעגט אריינקומען אין הויז און ארויסגעהן, אלע מאל עפעס אנדערש פארזאָגט די מאמע וואָס צו טהון. בעת'ן באקען האט ער די מאמע נענעבען א שניי ווייס קלאָהרען האנדטוך, זי זאל ארומגעהן צווישען די וועלגערס, הייסען זיי אפווישען אויף טרוקען די הענט נאָך יע־דער אויסגעוועלגערטער מצה. מיר קינדער האָבען ארומגעטראָגען שטיקלאך צובראָכענע גלאָז פון שויבען און געהאלטען אין קראצען די ברעטער נאָך יעדער מצה און דער טאטע אליין איז גאָר ניט געווען צו דערקענען — ארויפגערוקט די ארבעל פון דער אטלעסענער זשופיצע, איז ער ארומגעלאָפען פון איין פלאץ צום צווייטען, א פארטאָפּעטער, א פארשוויצטער, וועלגערען, רעדלען, דערלאנגען

די מצות צום אויוועז, ארײנלײגען זיי פּאַרזיכטיג, גאַנצע, אינ׳ם גרויסען שטרויענעם קאָרב און אײנצייטיג האַלטען אין איין זאָגען הלל.

ווען ס׳איז געקומען ערב פּסח איז דער טאַטע געווען דעם גאַנצען טאָג אין הויז. אליין האָט ער אָפּגעבראָטען די זרוע, גע־מאַכט די חרוסת, אויסגעקוועטשט דעם ראָזשינקע וויין פאַר ארבע כוסות, געריבען דעם מרור. אויף זיין פּנים איז געווען קענטיג, אז אלע זיינע חושים זענען אָנגעשטרענגט וועגען דער אָנקומענדער סדר נאַכט, וואָס שעהנער און וואָס בעסער אויפצונעהמען דעם אנדענקען פון יציאת מצרים, וואָס פּרעכטיגער און מן המבחר׳דיגער, אלעס זאָל זיין צוגעגרייט.

ביי נאַכט, ווען דער טאַטע איז אהיים געקומען פון מעריב, האָט ער אָנגעהויבען פאַרענדיגען די הכנות פון בייטאָג.

אליין האָט דער טאַטע, ארויסגערוקט דעם טיש, צוגעגרייט דעם היסב־בעט, ארויסגענומען די זילבערנע לעפעל, וואָס זענען געבליבען בירושה פון זיידען ע״ה, אוועקגעלייגט דאָס זיידענע מצה־טישטיכעל, באַפּוצט מיט פּערל, מיט דער ברכה על אכילת מצה און מיט פאַר־שידענע קאָלירען אויסגעשטריקט די ווערטער, כהן, לוי, ישראל, אוועקגעשטעלט די קערה, געלייגט אלעס אין סדר מיט כונה, אָנגעגאָ־סען די זילבערנע כוסות מיט וויין, אוועקגעשטעלט א כוסה צו יעדענס זייט־אָרט און א הגדה מיט שעהנע אילוסטראַציעס. און ווען אלץ אויפ׳ן טיש איז געוואָרען פאַרטיג, האָט ער געהייסען די מאַמע ארויפשטעלען די זילבערנע לייכטער און בענשען ליכט.

דער טאַטע אליין, האָט זיך אָנגעטאָן אין א ווייסען קיטעל, מיט א זילבערנעם גאַרטעל אינמיטען, א סאַמעטענע מיט זילבער גע־שנירטע יארמולקע.

מיר קינדער, אויסגעצוואָגטע, ארומגעוואַשענע, אָנגעטאָהן ריין, ציכטיג אין אונזערע נייע פּסח׳דיגע בגדים זענען אין א ווינקעל געשטאַ־נען און האָבען מורא געהאַט א הויך וואָרט ארויסצורעדען, אָנגע־צויגענע, דרך־ארצ׳דיג, מיט יראת־הכבוד, זענען מיר געשטאַנען און געוואַרט אויפ׳ן באַפעהל פון טאַטען ווען אוועקצוזעצען זיך ביים טיש.

דער טאַטע האָט זיך געזעצט אויף דעם היסב־בעט און אָנגע־הויבען זאָגען עפּעס אַ תפלה — און ווען ער האָט געענדיגט זאָגען, האָט ער באַטראַכט דעם סדר אויפ'ן טיש, זיין פּנים איז געוואָרען ליכ־טיגער, די אָנגעכמורעטקייט וואָס האָט באַדעקט זיין פּנים איז אין גאַנצען פאַרשוואונדען. אַן אינסטינקטיווע חדוה האָט ארויסגע־שיינט פון זיינע אויגען. זיין שעהנע באָרד האָט באַצירט און באַשיינט זיין פּאַטריאַרכאַליש פּנים. מיט פרומער כונה האָט ער געוואַשען די הענט, געזאָגט הריני מוכן ומזומן און געווענדעט זיך צו אונז קינדער:

— איך גלויב אַז אַלץ איז כחקת הפּסח וכמשפּטו. נו, קינדער, לעבעדיג, אַלעס איז גרייט צום סדר — קדש!

דער טאַטע נעהמט דעם כוס און מאַכט הויך אויפ'ן קול קידוש. די מאַמע קומט אַריין פון קיך אין איהר ווייס ציכטיג קלייד אָנגעטאָהן דאָס צירונג, וואָס זי טראָגט בלויז צום סדר אוןביידע טעג ראש־השנה און יום כפור. מיט גרוים התלהבות אָבער געלאָסען הויבט דער טאַטע אָן זאָגען די הגדה. מיר קינדער זאָ־גען נאָך וואָרט אין וואָרט. די מאַמע, אַ מיעדע, אַן אויסגעמאַ־טערטע, פּרואווט נאָכהאַלטען. אָפט בלייבט דער טאַטע אינמיטען הגדה זאָגען שטיל. ער פאַרטראַכט זיך אין דער הגדה, זוכט מיט די אויגען צווישען די זייטיגע פּרושים אין די קליינע רש"י אותיות'־לעך. ער גלעט די באָרד, ברומט טרויעריג אַן אָפּגעהאַקטע מעלאָדיע, זיפצט אָפּ. דאָס געדויערט אָבער ניט לאַנג, שנעל ווערט ער צוריק אַ פרעהליכער, אַ מונטערער, שאָקעלט זיך מיט מעהר ברען און התלהבות, זאָגט העכער מיט גרעסערער באַגייסטערונג, מיט פאַרמאַכ־טע אויגען געווענדעט צום הימעל זינגט ער אוים אויף די העכסטע קולות, פון די טיעפסטע טיעפעניש פון זיין הארצען די ערשטע קאַפּיטלאַך הלל און פאַרענדיגט די הגדה מיט'ן טרינקען במסובין דעם צווייטען כוס וויין פון די ארבע כוסות.

נאָך דער הגדה האָט די מאַמע דערלאַנגט געשמאַקע מאכלים צום טיש. ביים עסען האָט אונז דער טאַטע שטרענג מתרה געווען, מיר זאָלען זיין זהיר־וזהיר, ס'זאָל חלילה ניט אריין פאַלען אַ ברעקעל מצה אין די כלים אריין, די כלים זאָלען ניט ווערען „געבראָקט".

בעת'ן עסען האָט דער טאַטע געהייסען אונז קינדער פאַר־

טיטשען א שטיקעל שיר השירים מיט'ן ניגון ווי מיר האָבען געלע־רענט אין חדר און ווען מיר האָבען געענדיגט דאָס עסען האָט דער טאַטע אָנגעגאָסען דעם כוס שלישי. באַזונדער, אָפּגערוקט פון אַלע כוסות האָט דער טאַטע אוועקגעשטעלט דעם כוס של אליהו. די מאַמע האָט געעפענט די טיר. דערשראָקענע, דערציטערטע, פול מיט מורא, האָבען מיר געהאַלטען די אויגען געווענדעט צו דער אָפענער טיר, ביז דער טאַטע האָט אין ציטערניש פאַרענדיגט דעם „שפוך חמתך" און אָנגעהויבען פאָרטזעצען די הגדה.

לכתחילה האָבען מיר קינדער אָנגעהויבען זאָגען די אַנדערע העלפט הגדה געמיינזאַם מיט'ן טאַטען, הויך אויפ'ן קול, פרעהליך, בגילופינ'דיג, מיט אַ באַזונדערען געשמאַק און חשק. ביסלעכ־ווייז זענען מיר געוואָרען מיעד. אַ זיסע וואַרימקייט האָט אונז דורכגענומען. מיר האָבען אָנגעהויבען זאָגען מיט אַ נידריגען טאָן, אָפּט אונטער דער נאָז, די אויגען דעקלאַך האָבען זיך ביי אונז פאַר־מאַכט און געעפענט. מיר האָבען זיך געכאַפּט זאָגען און צוריק איינגעדרימעלט...

אויך די מאַמע איז ביסלעכווייז איינגעשלאָפען. געווען מיעד פון אַזוי פיעל אַרבייט. אַ הייליגע שטילקייט האָט געהערשט אין שטוב. בלויז דעם טאַטענ'ס קול האָט הילכיג אָפּגעקלונגען באַגלייט מיט אַ זמר און איבערגעריסען די מיסטעריעזע שטילקייט. די האַלבע אויסגעברענטע ליכט אויפ'ן טיש, האָבען פון זיך אַרויסגעגעבען אַ מיסטישע ליכטיגקייט. אַ הייליגע יום־טוב'דיגע שטילקייט, געמישט מיט שמחה און רחבות'דיגקייט, איז געווען אויסגעגאָסען איבער'ן שטוב און ווען דער טאַטע, האָט אונז אויפגעוועקט, מיר זאָלען געהן שלאָפען און דערמאָנט אַז מיר זיינען היינט פּטור פון לייענען קריאת־שמע, האָבען מיר, פאַרשלאָפענערהייט געפיהלט די אַטמאָס־פערע פון הויז, די גאַנצע פרייד און פרייהייט פון דער ליל שמורים, דעם גאַנצען יום טוב פון פסח.

דער טאַטע איז אַרויס אין גאַס, אַביסעל שפּאַצירען, משמעות צו פיהלען בחוש דעם ליל־שמורים. אין שטעדטעל איז געווען רוהיג און שטיל. עס איז שוין געווען חצות. די לעצטע פייערליך זענען שוין געווען פאַרלאָשען, דורך די געשלאָסענע לאָדענס האָבען זיך נאָך געהערט די הגדה נגונים, וואָס האָבען זיך דורכגעריסען דורך

די לאַדענס שפּאַלטען און האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין אַ סימ־פּאַניע, זיי האָבען דערצעהלט פון אַלטע, אַלטע עראינערונגען פונ׳ם אידישען עבר, פון אידישען צער און פון אידישער שמחה און גע־שטאַרקט דעם בטחון — השתא הכא, לשנה הבאה בארעא דישראל!

# דעם טאַטענס סדר נאַכט

עס איז געקומען די סדר נאַכט.

דער טאַטע אַן אויסגעצוואָגענער, אָנגעטאָהן אין אַ ווייסען קי־טעל מיט אַ זילבערנעם גאַרטעל אינמיטען, אַ סאַמעטענע מיט זילבער געשנירטע יאַרמולקע און ווייסע שיך און זאָקען, האָט זיך געזעצט אויפ־ן היסב־בעט.

דערנאָך האָט ער מיט שטראַלענדע אויגען אָנגעהויבען באַטראַכטען דעם סדר אויפ׳ן טיש. יעדער זאַך נאָכאַמאָל ארומגעטאַפּט, באַטראַכט די קערה צו אַלעס איז אויף זיין אָרט און פּלאַץ — כחקות הפסח ומשפטו. ער האָט אָנגעגאָסען די זילבערנע כוסות מיט ווין און פּרובירט זיצען במסובין אין די ריינע פּוכקע קישנעס. זיין פּנים האָט געגלאַנצט, אַן אינסטינקטיווע הדוה האָט אַרויסגעשיינט פון זיינע אויגען. זיין שעהנע באָרד האָט באַצירט און באַשיינט זיין פּאַטריאַרכאַליש פּנים. ער האָט זיך געוואַשען די הענט, אָהן ווערטער אָנגעהויבען זיך שאָקלען. עס איז קענטיג געווען, אַז עס פּרעסט איהם עפּעס אינערליך און ער איז מסופּק צו זאָל ער דאָס אַרויסזאָגען אָדער ניט. עס איז איהם אָבער שווער געווען אָנצוהויבען זאָגען די הגדה, אַ פינקעלדיגע פייכקייט האָט זיך באַוויזען אין זיינע שטראַהלענדע אויגען און ער האָט זיך געווענדעט צו אונז קינדער:

— אך, טעג מיט וואָכען פאַרבראַכט, כוחות אוועקגעלייגט, ניט געטראַכט פון טאָג טעגליכען, אַלץ איז אַזוי קליינליך געווען, איין דאגה האָט נאָר מיין מוח געלעכערט — עס דערנעהענטערט זיך דער חג המצוה, דער זמן חרותינו, אַלע מיינע חושים האָבען אָנגע־שטרענגט געאַרבעט, אַלץ וועגען גרויסן ליבען יום טוב, וואָס שעהנער און בעסער אויפצונעמען, וואָס פּרעכטיגער און מן־המבחר׳דיגער אַלעס זאָל צוגעגרייט ווערען, און אַט איצט, קינדער — און

צוויי פינקעלדיג פערעלדיגע טרעהרען האָבען פון זיינע אויגען זיך ארויסגעקייקעלט — האָב איך זוכה געווען, איך האָב דערלעבט מיין מיה איז נים געווען קיין אומזיסטע, אלץ איז גרייט, אלץ איז פארטיג, אלץ פון שעהנסטען און בעסטען, איך זיץ שוין ביים סדר, דארפען מיר דערפאר דאנקען השם יתברך מיט שמחה — עבדו את ד׳ בשמחה. נו פרעהליך און לעבעדיג קינדערלאך —

קדש!

דער טאַטע מאַכט קידוש. מיר קינדער נאָך איהם, שטיל, געלאַסען, מיט יראת־הכבוד, זעצען מיר זיך יעדער אויף זיין פלאַץ. מיר עפענען די שעהנע אילוסטרירטע הגדה און פרעגען דעם טאַטען די פיר קשיות.

א פרעהליכער ווערט דער טאַטע, אין זיינע אויגען פייערט א באַהאַלטענער חירות־שטאָלץ, מיט א הויכע שטימע, מיט׳ן אַלטען טראַדיציאָנעלען הגדה נגון פאַרענטפערט דער טאַטע אונזערע פיער קשיות מיט עבדים היינו, א הערליכע פייערליכקייט הערשט אין שטוב, אלץ שיינט, אלץ פינקעלט, א יום־טוב׳דיגע הייליגקייט שוועבט אַרום שטוב, א רחבות׳דיגער שטאָלץ און צופרידענהייט נעמט דורך די גלידער.

הויך מיט עקסטאַז זאָגט דער טאַטע די הגדה, און ערקלערט נאָכהער אונז קינדער די באַדייטונג און פירוש פון יעדען קאַפּיטעל. לכתחילה איז זיין שטימע ציטערדיג, פול מיט צער, דערצעהלענדיג די צרות און יסורים וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אין די קינדער יאָהרען איידער עס איז א פאָלק געוואָרען איבערגעלעבט. שפּעטער ווערט זיין שטימע פרעהליכער, טריאומפירענדיגער און אַט פלוצלונג בלייבט דער טאַטע א ווײלע שטיל.

טיעף פאַרטראַכט אין זיין הגדה, זוכט דער טאַטע מיט די אויגען צווישען די שורות, מישט די הגדה בלעטלאַך הין און צוריק. עס איז איהם קשה עפּעס אויף דעם בעל הגדה וואָס ער קאָן באין אופן נים באַגרייפען און איז נים ביכולת אונז קינדער צו פאַרשטעהן געבען. רעדט ער צו זיך זעלבסט:

— בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים.

— איהר פארשטעהט? ניט א זכר ליציאת מצרים פאָדערט מען פון מיר, ניין, ניט א זכר, נאָר א יציאת מצרים אליין, איך אליין מוז א יציאת מצרים איבערלעבען, אליין מוז איך דאָס ברמ״ח אברים פיהלען!

ווי אזוי מאַכט מען דאָס? אז איך אליין, זאָל זיך פיהלען איצט, דער באפרייטער, אויסגעליזטער, דער גערעטעטער און צו וואָס דארף מען דאָס אזוי? צו וואָס?...

זיצט דער טאַטע איבער דער הגדה א פארטראַכטער, גלעט זיך זיין גאָלדענע פאַטריארכאַלישע באָרד, אין שטוב הערשט א שטילע הייליגע מיסטישע שטילקייט. בלויז דאָס בלאַנקען און פלאַקערן פון די ברענענדיגע יום־טוב ליכט רייסט אָפּט איבער די סודות׳פולע שטילקייט. אָנגעשטרענגטע זיצען מיר קינדער, ניט ארוגטער נעה־מענדיג די אויגען פון טאַטענס פארקלערט פנים, וועלכער זוכט א גרינדליכע ערקלעהרונג אויף די רייד פון בעל־הגדה און נאָר אָט, ווערט דער טאַטע ווידער א פרעהליכער און ווענדעט זיך איבערצייגענדיג צו אונז קינדער.

— אָט דאָס וויטערדיגע אין דער הגדה, קינדער, פארענטפערט מיין שאלה.

אמור לבני ישראל — דער בורא, דער יחיד ומיוחד, שיקט זיין גרויסען שליח, משה, צו די בני ישראל מיט די לשונות של גאולה.

איך וועל אייך באפרייען, רעטען, אויסלייזען, ארויסנעהמען און וועל אייך אלס מיין פאָלק באשטימען.

אָבער דאָס איז נאָך אַלץ וועניג, דאָס איז נאָך ניט אינגאַנצען, דאָס איז ניט דער הויפּט צוועק און ציעל. נאָך ניט דאָס איז דיווירקליכע יציאת־מצרים. דער עיקר, דאָס הויפּטזעכליכע איז וידעתם כי אני ה׳.

אָט דאָס איז דער תכלית. דאָס איז דער צוועק, דער ענד־ציעל, נאָר דאן וועט דער פאָלקאָמענער יציאת־מצרים ערדייכט ווערען ווען איהר וועט אָט די אויפגאַבע ערפילען, ווען איהר וועט זיך פון דאָס מאַטעריעלע ערדישע אָבטרייסלען, ווען איהר וועט איבער־צייגט זיין מיט אייערע אַלע אברים, מיט אייערע חושים, מיט אייער

גאַנצעם וועזען און דאָס אמת׳ע באוואוסטזיין באַקומען דעם אמת׳ן דעת, אז —

אני ה׳.

דאַמאָלס זייט איהר געראַטעוועט און באַפרייט, דאַן זייט איהר גאַנץ פאָלק און דאַן איז דער יציאת מצרים אַ פולשטענדיג פאָל־קאָמענער.

און אויך דאָס זעלבע, ווייזט אויס, פאַרלאַנגט מען פון מיר פסח ביינאַכט.

בעת איך זעץ זיך דערצעהלען מיינע בני־בית די וואונדער־באַרע וועלט געשעהעניש זאָל איך וויסען, אז נאָך אַלע מיינע פאַרבאַרייטונגען, נאָך מיין גאַנצער מיהפולער אָנשטרענגונג, האָב איך דאָך ניט מקיים געווען בשלימות מיין אויפגאַבע, ווייל דאָס וויכטיגסטע, דער עיקר שבעיקרים פון דעם היסטאָרישען אַקט צו וועלכען אַלע פונקטען זענען געציעלט האָב איך ניט געקאָנט צוגרייטען.

מחמת ניט קיין זכר, אָדער יובילעאום פון יענעם יציאת־מצרים פאַרלאַנגט מען פון מיר, ניין, דערמיט בין איך לחלוטין ניט יוצא, נאָר בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים.

אַליין דאַרף איך דאָס איבערלעבען, אַליין גרינדליך אויסלערנען, און אַ קאַפּיטעל פון יענעם יציאת מצרים פאַר זיך אָראָפּנעמען...

און דערצעהלען זאָלסטו דיין זוהן אין דער דאָזיגער אור־אַלטער קדושה׳פולער נאַכט פון דאָס אידישע פאָלק, אז דער ספור יציאת מצרים איז ניט פאַר׳ן אידישען פאָלק עפּעס לעגענדאַרישעס, מעשה׳לאַך פון גאָר לאַנג פאַרשוואונדענעם עבר, נאָר אַן איבער־צייגטע ווירקליכקייט וואָס פאַסירט אין אַלע דורות.

יעדער דור, האָט זיך זיין סבלות מצרים, יעדער דור האָט זיך זיינע פרעה׳ס, וועלכע שטרעבען אויף דאָס אידישע פאָלק דוקא אַרויפצוצווינגען די מצרישע קולטור און מצרישען כאַראַקטער און ווילען דורכאויס דעם אידען צוגעבען יענע מיאוס׳ע באַנאַלע קאָנצעפּציעס פון דאָס מצרי׳שע פאָלק וואָס איז אַבסאָלוט אין נעגענזאַץ צום אידישען פאָלקס־כאַראַקטער און אידישען פאָלקס־אָרגאַניזם.

און יאָהר איין, און יאָהר אויס, מוזען מיר געדענקען אַז יענער יציאת מצרים, מיט זיין התחלה אין גשן איז געבליבען ניט פאַרענדיגט.

ווייטער מוזען פאַרטזעצען, שטופּענווייז, לאַנגזאַם, אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר, מוזען מיר, פון מצרים אַרויסגעהן, ביז מיר וועלען צום העכסטען פונקט קומען, צו דער העכסטער מדרגה דערגרייכען, צום תכלית כל התכליתים, צום ווירקליכען דעת פון —
אני ה׳!

פסח — דער באַפרייאונגס יום־טוב, דערמאָנט אונז אויך, אַז דאָס וואָס איז פאָרגעקומען מיט די אידען פון אמאָל, קומט אויך פאָר מיט די אידען אין יעדער צייט און אין יעדען דור.

צוויי טויזענט יאָהר זיינען מיר אונטערוועגענס, אונזער עקזיסטענץ איז כסדר אין די העכסטע סכנה, מצרישע נוגשים און שוטרים, וואָס דריקען און שטיקען אונז, זענען פאַראַן איבעראַל און אין אַלע צייטען, האָבען די אידען באַפרייט זיך פון די מצרים — ויבא עמלק, איז געקומען עמלק, אדום, עמון, מואב, געלינגט די אידען באַפרייען זיך פון איין שונא ישראל, באַווייזט זיך באַלד אויף דער סצענע, נייע פאַרפאָלגער, נייע נוגשים, און נייע בלוטיגע שונאים, מיר טאָרען אָבער נישט ענטוישט ווערען, מיר מוזען האָבען בטחון אַז די שונאים אונזערע וועלען פאַרשווינדען ווי ס׳זענען פאַרשוואונדען די אוראַלטע מצרים און די אַנדערע אַמאָליגע גרויסע אומות וואָס האָבען אויף אונז מיט פייער און גיפט געשפּיגען און מיר אידען וועלען סוף כל סוף אויסגעלייזט און באַפרייט ווערען.

באַזונדערס נאָך, לערענט אונז דער יום טוב פסח, אַז מיר אידען מוזען אין גלות, אונטער אַלע אומשטענדען אָפּשאָקלען פון זיך פרעמדען שטויב. פרעמדע מצרישע קולטור, באַפרייען זיך פון פרעמדע ניט אידישע באַגריפען און איינפלוסען, וועלכע ווילען אונז אָנוואַרפען פרעמדע שטרעמונגען, פרעמדע זיטען און פרעמדע אָנשויאונגען.

און אָט דאָס, קינדער, איז דער געדאַנק פון בעל הגדה פונ׳ם בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים.

# כהא לחמא עניא

עם קומט די סדר נאכט. א הערליכע פייערליכקייט הערשט אין דער אידישער שטוב. אלעס שיינט, אלעס פינקעלט, בלויז הייליגקייט, לויטער יום־טוב, ארום סדר־טיש וואו עס שטעהען גרייט די סימבאלישע מאכלים וועלכע עהאינערען די היסטארישע דערצעהלונגען פון יציאת מצרים, פארזאמעלט זיך דער איד מיט זיין גאנץ הויז־געזינט, זיין פנים גלאנצט, אין די אויגען פייערט א באהאלטענער חירות שטאלץ, דאס אונגעזייערטע ברויט, די מצה, וואס אונזערע עלטערן האבען געמוזט עסען ווייל די מצרים האבען זיי ארויסיאגענדיג פון לאנד, קיין צייט ניט געגעבען זייער ברויט צו זויערען, פארנעהמט דאס צענטראלע פלאץ ביים פרעכטיגען פייערליכען טיש, מיט א טריאומפאלען בענקשאפט ניגון, הויבט דער איד אויף די מצה און רופט אויס — כהא לחמא עניא, די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים . . .

דערוועקען די ווערטער ביי דעם איד ניט ווילענדיג טרויעריגע מחשבות. דערוואכען פאר איהם די פאסירונגען פון דאס פארגאנגענע יאהר, פון פאר א יאהריגען סדר ביז'ן היינטיגען סדר, די דורכגעלעבטע יאוש געדאנקען און פארצווייפלונגס שטימונגען, דער מעכטיגער ברויזענדער ים פון האס און גיפט, בארבאריזם און בעסטיאלישע ברוטאליטעט, וואס האט זיך איבער דער וועלט צוגאסען געגען דאס פאלק ישראל און הענגט ווי א בלייערנער וואלקען איבער די אידישע קעפ, פאלט דעם אידענס בליק אויף דער מצה, עראינערט דאס איהם אן דעם ערשטען שונא־ישראל, וואס האט פאר דאס פאלק און זיין לאנד געפריידיגט דעם הבה נתחכמה לו, געשראקען די מצרישע מאסען פארן אידישען פן ירבו . . . ציטערען עד היום, די אלע שונאי ישראל, קענען נעכט ניט שלאפען פאר דער זעלבער מורא, טאמער וועט דער איד דערהויבען ווערען, באגרייפט דער איד די באדייטונג פונם כהא לחמא עניא — ווי די מצה, אזוי דער איד, פאר ביידען איז גרוים די דאגה,

טאַמער וועלען זיי אויפגעהן, גלייך ווי דער איד האָט מורא פאַרן אויפגעהן און אויפוואַקסען פון דער מצה, ציטערען אַזוי די שונאי ישראל פאַר דער דערהויבונג און פאָרטשריט פונ׳ם אידען.

און פונקט ווי ביי די מצה, פאַרזאָגט דער אידישער דין, אַז בעת׳ן קנעטען און ווען די אונגעבאַקענע מצה ליגט רוהיג אויפן טיש גרייט פאַרן באַקען, זאָל מען איהר אײנגאַנצען דורכ־לעכערען בכדי זי זאָל ניט אויפוואַקסען, אָט אַזוי זענען מיר אידען.

אויך אונז לאָזען אונזערע שונאים קיינמאָל ניט צורוה, שטענ־דיג האַלטען זיי אונז און קנעטען און וועלגערען, דריקען און פיי־ניגען אונז, צאַפּען דעם דם התמצית פון אונזערע איברים, לאָזט מען אונז אַמאָל פאַר אַ ווײלע רוהיג לעבען, אָטעמען מיר פרייער אָפּ, דערשרעקען זיך אונזערע שונאים צוברענגען זיי אַ ניי העליש פייער פון שנאה נעגען אונז, שרעקען די מאַסען פאַר׳ן אידישען כן ירבה, ווערט דער אידישער גוף אויפדאָסניי דורכגעלעכערט מיט נייע גזרות רעות, מיט נייע בלבולים רעים און מיט נייע מיטעל־אַלטערליכע נגישות, רדיפות און גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען.

כהא לחמא עניא — האַלט דער איד די מצה אין האַנט, וויל אָנפאַנגען דערצעהלען זיינע בני־בית דעם שעבוד גלות פון אונזערע אורעלטערן אין מצרים.

דערמאָנט איהם די מצה, זיין אייגען גלות לעבען, זיין אייגענע שווערע בעדינגונגען, זיין אייגענעם קאַמף אויף אַלע פראָנטען, זיינע אייגענע שרעקליכע ענוים, שווערע נסיונות, און די מצה פון ערשטען גלות, פון זיינע אורעלטערן, פאַרבינדט איהם מיט זיין אייגען גלות לעבען פון איצט.

פיהלט דער איד, אַז זיין איצטיג גלות לעבען איז אַ פאָרט־זעצונג פון די דערצעהלטע קנעכטשאַפט, צרות, יסורים, וואָס אונ־זערע עלטערן האָבען איבערגעלעבט אין מצרים און מיט אַן ערנסטן געבעט, פון דערפיהלטער קנעכטשאַפט פאַרענדיגט ער — השתא עבדי, לשנה הבאה בני חורין, די בעפרייאונג פונם איצ־טיגען קנעכטשאַפט זאָל וואָס שנעלער רעאַליזירט ווערען.

כהא לחמא עניא — קוקט זיך דער איד גוט צו צו דער מצה, געפינט ער אין דער אָרימער מצה אויך גרויסע מעלות וואָס כאַראַקטעריזירען די גוטע מידות פון דאָס אידישע פאָלק.

די מצה איז דין, גלייך, גלאַטיג, ניט משופּע׳דיג, אינמי־טען קיילעכדיג, די זייטען שפּיציג, ווי ברויט, צוליעב די מצה׳ס פלאַכקייט, גלאַטקייט, קאָן מען לייגען איינער אויף דער אַנדערער זאָלען אויסקוקען ווי באַהעפט, גלייך ווי איינס, — דאָס זעל־בע מיט׳ן אידישען פאָלק.

ווי פארשידען עס זענען די התנהגות, טענדענצען און אנ־שויאונגען אין דאָס ׳לעבען פון אידישען פאָלק איבער גאָר דער וועלט, זענען זיי אָבער באַהעפט צו דער גאַנצער אידישער אומה און גאַנץ באַזונדערס זעהן מיר דאָס אין אַן עת צרה.

ווען עס טרעפט חלילה אַן אומגליק אַ טייל פון אונזערע ברידער, ווען אַ שונא אונזערער קריגט די טייוולאָנישע מעג־ליכקייט אויפצוהויבען זיין אייזערנעם קולאַק איבער די קעפּ פון אונזערע ברידער אונטער זיין רשות, באַשאַפט ספּעציעלע אַנטי־אידישע דעקרעטען און גזירות געגען די אידען אין זיינע גרעניצען, צו פארפאָלגען און עקאָנאָמיש זיי פארניכטען, פאראייניגען מיר זיך אַלע צו העלפען די געטראָפענע ברידער אין נויט, זיינען מיר אַלע אחים לצרה און מיר זיינען מקיים דעם כל דכפין ייתי וייכול, ניט בלויז אין פּסח נאָר דאָס גאַנצע יאָהר.

ווען אַ טייל פון אונזערע ברידער נויטיגען זיך אין הילף באַהעפטען מיר זיך איינער צום צווייטען, פּונקט ווי די מצה ווערען מיר ווי איינס. עס פארשווינדען אַלע חלוקי דעות, עס ווערען אָפּגעווישט די פארשיעדענע שטרעמונגען און אַלע צו־זאַמען, פאראייניגט, סאָלידאַריש, אַקסעל צו אַקסעל, שטרעקען מיר אויס אַ ווארימע פריינדליך ברודערליכע האַנט!

# והגדת לבנך

געשעהן איז א גרויסער נס.

פון די טיעפסטע טיעפענישען אין שווערען גלות לעבען זענען די בני ישראל דערהויבען און אויסגעלייזט געווארען. אבער נאך פאר דער באפרייאונג אין גלות, האט זיך דאס גרויסע נס אנגעהויבען.

א חירות־פאלק האבען די בני־ישראל באדארפט ווערען, פריי פון אלעם און אלעמען, בכדי אימשטאנד זיין זיך אונטערצע־ווארפען דעם אויסשליסליכען דיענסט און די פליכטען פון טרא־גען און פארשפרייטען דעם שפעטערדיגען הייליגען סיני אידעאל — די תורה.

עס איז געווען דער רצון פון דער הנהגה העליונה, אז די שפעטערדיגע טרעגער פון דער מענשליכער תורה, זאלען אליין הונדערטער יאהרען פארשקלאפט ווערען אין לאנד מצרים.

נאר דורכ'ן שמאכטען אונטער די עגיפטישע דריקענדע קיי־טען, געפייניגט, געפלאגט און גע'רודפ'ט ווערען פון שווערע באר־בארישע שקלאפעריי, האבענדיג פארזוכט דעם טעם פון גראבען מאטעריאליסטישען עגיפטישען קולט, ווילען די בני־ישראל אמ־בעסטען בלב ונפש פארשטעהן און נשמה'דיג פיהלען דעם שפע־טערדיגען געזעץ און לאזונג פון משפט אחד יהיה לכם לגר ולאזרח.

נאר די וועלכע האבען קערפערליך געפיהלט די טרויעריגע פאלגען פון יענער אונטערדריקונגס־אידעע, אלס פרעמדע מי־נאריטעט, טיראניש און גרויזאם פון די הערשענדע באפעלקערונג באהאנדעלט צו ווערען, פון די אייגענע פערזענליכע געזעלשאפט־ליכע און פאליטישע פרייהייט בארויבט צו ווערען, ווילען בא־וואוסטזיניג זיין דורכגעדרונגען, אז די לאזונגען גלייכהייט, ברי־דערשאפט, פרייהייט, זענען ניט בלויזע הויכע שעהנע מליצה'שע פראזען, פוסטע דיפלאמאטישע הבטחות, נאר ווילען בפועל ממש

פיהלען די פראקטישע בינדענדע לעבענס געזעצען, אפצוהיטען דעם באפעהל פון וגר לא תונו ולא תלחצנו, כי גרים הייתם בארץ מצרים.

בלויז די וועלכע האבען פארזוכט דעם טעם, בעת דער שטאר־קער דיקטירט דעם שוואכערען, דער היימיש באזעסענער, דריקט אונטער דעם פרעמדען, דער גרויסער וויל איינשלינגען דעם קלע־נערן, וועלען פון אייגענער איבערלעבונג וויסען ווי צו שעצען, אויפריכטיג רעספעקטירען די עלעמענטארע רעכט פון יחיד, אזוי גוט ווי פון רבים, וועלען זיין די אמת׳ע בארופענע צו אפעריי־רען מיט די שעהנע הומאניטארע לאזונגען פון אהבה, יושר, חסד און רחמים — אתם ידעתם את נפש הגר, כי גרים הייתם בארץ מצרים.

און פיליכט, בעת׳ן פיהרען א מלוכה לעבען, וועט אינ׳ם פארבלענדעניש פונ׳ם פארפיהרערישען שיין פון הערשאפט און מאכט פארגעסען ווערען דער אייגענער טראגישער גורל. אויידער די אידען האבען זיך אלס פאלק אויסקריסטאליזירט, זיינען זיי געצוואונגען געווען ליים און ציגעל קנעטען און טראגען, פאר פרעמדע גיגאנטישע פיראמידען בויען. זיי וועט ארומכאפען א חשק וואס מעהרער צו ערווערבען, וואס מעהר איינצושלינגען, גרע־סערע מאטעריעלע אוצרות צו זאמלען און איינצייטיג רויבען די אונאפהענגיקייט פון יחיד, פארשקלאפען און אונטערדריקען איהם — וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים!

ובכדי דאס אלעס ניט צו פארגעסען, עס זאל שטענדיג וואַ־כען אין פאלקס־זכרון, איז יעדער איד מחויב צוויי נעכט, דורכ׳ן יאהר אוועקצוזעצען זיך מיט זיין בני־בית, מעג ער זיין קלוג און פארשטענדיג, ערפאהרען און געלערנט, איז ער פארפליכ־טעט צו דערצעהלען די געשיכטליכע פאסירונג פון יציאת מצרים, פון אנהויב ביז׳ן סוף. און ווער עס דערצעהלט מעהרער, דער איז לויבענסווערט.

און בעת דער איד פארזאמעלט זיין בני־בית צום טיש, צו דערצעהלען בפרטיות די געשיכטע פון יציאת מצרים און פאר־ענדיגט מיט א טריאומפף געזאנג, אלס זוהן פון אונפארניכט־בארען פאלק, מוז דער איד כדי דער עפעקט זאל זיין א שטאר־

קערער, השפעה'דיגער און זכרונ'דיגער לחלוטין זיך ניט באַנוגענען בלויז מיט'ן מגיד, נאָר אפילו די מאכלים מוזען סימבאַליזירען די פאַסירונגען און געשעהענישען.

מצה זו שאנו אוכלים על שום מה?

מרור זה — על שום מה?

דאָס ערשטע, מחמת אונזערע עלטערען האָבען דאַמאָלסט געמוזט עסען אונגעזייערטע ברויט, ווייל די מצרים האָבען זיי אַרויסיאַגענדיג פון לאַנד, קיין צייט ניט געגעבען זייער ברויט צו זייערען.

דאָס צווייטע, דאָס ביטערע, זאָלסטו עסען, כדי צו פיהלען דעם ביטערען טעם, פונקט אַזוי ביטער איז קנעכטשאַפט מיט וועלכען דער טיראַן פרעה, האָט אונזערע עלטערען געפייניגט.

אָבער אויך ניט בלויז דערצעהלען איז דער איד מחויב, נאָר בכל דור ודור, חייב אדם לראות את עצמו, כאלו הוא יצא ממצרים — ניט בלויז אַ זכר, אַ יובילעאום, זאָלסטו פראַווען, נאָר דו אליין מוזט אַ יציאת מצרים איבערלעבען, דו אליין דאַרפסט דאָס בחוש פיהלען.

ועסטו בחוש פיהלען מיט דיינע רמ"ח אברים, דאָס עבדות, דעם שיעבוד, וועסטו אויך ביכולת זיין אינערליך צו פיהלען דעם טעם פון באַפרייטען, ערלייזטען און גערעטעטען.

אָבער דאָ קומט דער עיקר, ווען דיין קינד וועט דיך פרעגען — פאַרוואָס האָט אונזער פאָלק שוין אין אָנהויב פון זיין עקזיסטענץ געמוזט דורכמאַכען אַזעלכע שווערע נסיונות?

והגדת לבנך!

קודם כל איז די פליכט פון פאָטער צו דערצעהלען זיין קינד אַז די יציאת מצרים פאַסירונגען זענען ניט פאַר'ן אידישען פאָלק, עפּעס לעגענדאַרישע מעשה'לאַך פון גאָר לאַנגע פאַרשוואונדענע אַלטע צייטען, נאָר אַן איבערצייגטע זיכערהייט און וואַהאַפטיגקייט ליגט אין אָט דעם ספור יציאת מצרים.

דער פאָטער האָט עס געהערט פון זיין פאָטער, זיין פאָטער פון זיידען, און אין דער דאָזיגער היסטאָרישער סדר נאַכט, אין וועלכער די נאַציאָנאַלע פרייהייט פון אידענטום, ווערט פון יאָהר צו יאָהר, צו די צוקונפטיגע דורות איבערגעפלאַנצט און איינ־

נעוואָרצעלט, איז דעם פּאָטער׳ס פליכט צו ערקלערען זיין זוהן, אז דער מעכטיג ברויזענדער ים פון גיפט, רויהקייט און בחנמ׳־דיגער ברוטאַליטעט לגבי די בני ישראל פון אַנדערע אומות־העולם, איז אַ לאַנגע אומאויפהערליכע קייט, וואָס בינדט צונויף די אוראַלטע קנעכט פון מצרים, עד סוף כל הדורות.

דערצעהלען זאָלסטו דיין זוהן, ווי אַזוי תמיד ווערען די אידען ניצול אין זייערע שווערסטע און פּיינליכסטע מאָמענטען. די שווערסטע באַשולדיגונגען געגען אידען בלייבען אָפט ווי אין דער לופט — שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו — די אידישע געשיכטע, איז אַ לאַנגע מאַרטירער געשיכטע, אָנגעפּיקעוועט פול מיט ליידען, ענוים, יסורים. זעהר אָפט שוועבט דאָס אידישע לעבען, צווישען טויט און לעבען, צווישען עבדות און חירות. דאָס גאַנצע אידישע לעבען איז אַ טיעפער תהום פון שרעקליכע צרות, נאָר אָהן שום פארצווייפלונג, אָהן יאוש, מיט האָפנונגען פאר פרייהייט, יושר׳דיגקייט, מוז די אידישע גאולה, ווי דורך אַ נס אומדערוואַרטעט קומען.

ובכדי דער יציאת־מצרים׳דיגער אַקט זאָל אונפאַרגעסליך תמיד אין פאָלקס זכרון בלייבען, האָט אַ סדר נאַכט פאַר די אידישע דורות געמוזט באַשטימט ווערען.

אין אָט דער סדר נאַכט, בעת דאָס קינד פרעגט די פיער קשיות איז דעם פאָטער׳ס חוב צו פארשטעהן געבען זיין זוהן, אז אַ פאָלק וועמען עס איז פאַרגעשטאַנען אזאַ מאַרטירער געשיכטע ווי די בני־ישראל, האָט אומבאַדינגט געמוזט צוגעגרייט ווערען פאַר די וויטערדיגע ענטוויקלונגען, האָט געמוזט באוואָפענט און געהאַרטעוועט ווערען צום מלחמת־הקיום, האָט געמוזט דורכמאַכען די שרעקליכע פאַרצווייפלונגס־קאַמפּפען, פון פאַרשקלאַפּט און געפּייניגט זיין בכדי צו שאַפען זיך אונערמידליכען געדולד, אייזערנעם אויסדויער און אונערשעפּליכען מוט געגענצושטעלען זיך אַנטקעגען די אינקוויזיציעס, אויטאָ־דאַ־פע׳ס און גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען.

אַ פאָלק, וועמען דאָס שרעקליכע וואָרט גלות איז פאַרגעשטאַנען צו פאַרנעמען אזאַ פּראָמינענט אָרט אין זיין צוקונפט׳ס־געשיכטע, וואַנדערען דורך אינקוויזיציעס, שייטער הויפענס, שחיטות

און פאָגראָמען — אַט אַזאַ מאַרטירער פאָלק, האָט געמוזט אום ניט צו פאַרצווייפלען און אַריינפאַלען אין יאוש, אויפגעבען זיינע האָפ־נונגען, כדי קערפערליך און גייסטיג ווידערשטאַנדספעהיג צו זיין אַנטקעגען דעם שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו, צו בלייבען אונבאַריהרט פון די שטורמען און אונטערדריקונגען, אויסהאַלטען דעם שעבוד מלכיות פון אַלע צייטען.

דערפאַר האָט אונז די תורה מרמז געווען, גראַדע ביים ספור יציאת מצרים, למען תזכור, האָבען די חכמים געלערענט, להביא לימות המשיח.

דער נס יציאת מצרים שמידט אונז לדור דורות, און דער וואָס קאָן די דאָזיגע פסח נאַכט און באַגרייפט די היסטאָרישע טיעפע לעהרע, וואָס ליגט אין דער נאַציאָנאַלער נאַכט פון אידענטום פאַרבאָרגען, בלייבט קלאָר און פאַרשטענדליך דער וכל המרבה לספר ביציאת מצרים, הרי זה משובח.

די פסח נאַכט דערמאָנט אונז פון אונזער געבורט אַלס פאָלק, פון יענע צייטען איידער מיר האָבען זיך אויסגעבילדעט אַלס ממלכת כהנים וגוי קדוש און שטאַרקט ביי אונז די האָפנונגען צו אַ ווידעראויפלעבונג פאַר אַ נייער גאולה — גאולה לעתיד.

פאַר קינדער, איז די סדר נאַכט, די זכרון נאַכט באַשטימט גע־וואָרען, די היסטאָרישע אונפאַרגעסליכע נאַכט וועמענס הויפט־אויפגאַבע איז למען תזכור בכדי פאַרטצוזעצען די לאַנגע טראַדי־ציאָנעלע קייט פון אידישער איינהייט און דער עיקר פון אַלע עיקרים איז דער והגדת לבנך!

# פסח מצרים, פסח לדורות

אין יעדער וויכטיגער היסטאָרישער דערשיינונג, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט מיט הונדערטער יאָהרען צוריק דורכגעלעבט, האָבען אונזערע חכמים, אונזערע גייסטיגע ריעזען, געזעהן א באהאַל־טענע אַנדייטונג, א מיסטעריעזען רמז, פאר׳ן אידישען עתיד, פאר דער אידישער צוקונפט.

אויב דורות האָבען אין זייער צייט, אין זייער עפּאָכע, ניט באגריפען די חכמים׳ס רמז׳דיגע אַנדייטונג פון דער ווייט פאר־גאַנגענער היסטאָרישער, און איבערפלעכליך לעגענדארישער פּאסירונג, מחמת אין זייער צייט האָבען זיי דאָס ניט געזעהן, אָדער דורכגע־לעבט, האָבען שפּעטערדיגע דורות געהאט די געלעגענהייט אי־בערצוציינגען זיך אין די ווירקליכע טיעפזיניגע רייד פון אונזערע חכמים, וועלכע האָבען באהאנדלענדיג א היסטאָרישע אידישע פּאַ־סירונג לאַקאָניש, קורץ־געפּאסט, בלויז מיט איינצעלנע ווערטער, פאָראויס געזאָגט דעם אידישען פאָלקס עתיד האָפענדיג אויף א קומענדיגען גליק.

פסח מצרים, פסח לדורות — דאָס וואָס האָט פּאסירט מיט די אידען אין מצרים וועט אויך פּאסירען מיט די אידען אין די שפּעטערדיגע דורות.

אין פלוג אומגלויבליך, חוץ לדרך הטבע, פּשוט אונמעגליך, דאָס האָט געקאָנט בלויז פּאסירען מיט דריי טויזענט יאָהר צוריק, ווען די מענטשהייט, ובכלל די וועלט איז געווען אין א פּרימיטיווען ווילדען צושטאַנד, האָט איין פאָלק דאָס צווייטע אזוי שרעקליך טיראַניש און גרויזאַם פאַרקנעכט.

וואָס האָט אונז די שפּעטערע צייט געבראַכט? וואָס זעהן מיר איצט? האָבען די ווייט זעהענדע אויגען פון אונזערע חכמים וואָס האָבען דורכגעבליקט די צוויי טויזענט יאָהר אידישע עק־זיסטענץ זיך אָפּגענאַרט? . . .

זאָלען מיר פאַרגלייכען די אידישע לאַגע אין מצרים מיט דריי טויזענט יאָהר צוריק, צו דער אידישער לאַגע היינט אין דייטש־לאַנד.

דאָס מצרישע פאָלק איז אין יענער צייט געווען בארימט אלס הויך קולטורעל פאָלק. א סך וויכטיגע וויסענשאַפטליכע זאכען לויט'ן באגריף פון יענער צייט האָבען זיי געשאַפען און ער־פונדען. אויף דעם געביט פון בוי־קונסט, האָבען זיי זיך אויס־געצייכענט מעהרער פון אַלע פעלקער אין יענער צייט, אויף וואָס עס זאָגען עדות די נאָך עקזיסטירענדע הויכע, ריעזיגע פיראַמי־דען וואָס ווערען אפילו היינט צו טאָג באוואונדערט פון די ניי־עסטע מאָדערנע ארכיטעקטען.

זייער שטאַאַטליך פאָליטיש און אדמיניסטראַטיוו לעבען איז ביי זיי געווען שטאַרק ענטוויקעלט, א מוסטערהאַפטע אָרדע־נונג, מיט א פעסטען דיסציפּלין האָט אינם לאַנד געהערשט — שאין עבד יכל לברוח משם.

ווערענדיג באַצויבערט פון זייער אייגענער פיזישער קראַפט, פאַרגעטערענדיג די ברוטאַלע מאַכט, זיינען זיי מאָראַליש שרעקליך געפאַלען, זיינען זיי געזונקען אין שמוץ, געמיינהייט און דעמאָראַ־ליזאַציע, זיי האָבען געטרעטען מיט די פיס, די רעכט פון אַלע אַנדערע ראַסען, די בירגער פון לאַנד האָבען זיי איינגעטיילט אין פאַרשידענע קאַטעגאָריעס, יעדען מיט באַזונדערע רעכט, מיט באַ־זונדערע פּריווילעגיעס און באַזונדערע פליכטען.

אַם טראַגישסטען אָבער איז געווען דער גורל פון די איינגע־וואַנדערטע בירגער, וועלכע האָבען זייט הונדערטער יאָהרען געוואוינט אין מצרים, פאַרנומען פּראָמינענטע פּאָזיציעס און דאָס אלגעמיינע מצרישע לעבען, געהאָלפען דאָס לאַנד ענטוויקלען. יוסף, די צוויי־טע האַנט פון קעניג פּרעה, האָט דאָס לאַנד פון א זיכערען הונ־גער־טויט געראַטעוועט, ארויסגעשלעפּט דאָס לאַנד פון שרעקליכער דעפּרעסיע און באַרייכערט די רעגירונגס קאַסע און גאָר פּלוצלונג, זיינען אָט די פּראָמינענטע פּאַטריאָטישע בירגער, פון א נייעם קעניג, ויקם מלך חדש, אלס פרעמדע, אלס שונאים, פון דער רעגירונג אין לאַנד דערקלערט געוואָרען, זיינען באַרויבט געוואָ־רען פון אַלע פּאָליטישע, ציווילע און סאָציאַלע גלייכבארעכטיגונג,

זיינען אלס נידריגע ראסע, אלס שקלאפען פון דער נייער רעגי־רונג דערקלערט געווארען און די עגיפטישע מושלים זיינען זיך העכסט טיראניש, גרויזאם, בארבאריש מיט די פרעמדע באגאנגען.

איז די רעגירונגס האנדלונג אקעגען די בני ישראל פאר די פאט־ריאטישע מצרישע בירגער געווען א שרעקליכער אונערווארטעטער קלאפ. זייער לאגע, איז טאג טעגליך אונערטרעגליך געווארען, די רעגירונג האט געהאלטען אין שאפען אלץ נייע אונמענשליכע, אכזריות׳דיגע ווילדע געזעצען וואס האבען געציעלט שווערער, באר־בארישער, דאס לעבען פון די פרעמדע צו מאכען — לא תאספון לתת תבן לעם, הם ילכו וקששו להם תבן.

דער הויפט פונקט, דער נייער רעגירונגס פראגראם איז באַ־שטאנען פון הבה נתחכמה לו, נייע רעגירונגס מיניסטארען, שרי מסים, זענען ספעציעל פון קעניג באשטימט געווארען למען ענותו בסבלתם.

א סיסטעמאטישע פראפאגאנדע אנגעפילט מיט בייזע שנאה און גאליגען האס צו די געוועזענע לאיאלע עגיפטישע בירגער איז אפיציעל דורך דער רעגירונג אנגעפיהרט געווארען, ניי־געבארענע אינגלאך זיינען פון אויפגעהעצטען צורייצטען אנטיסעמיטישען המון פון די אידישע מוטערס הענט מיט געוואלט ארויסגעריסען געווארען און אין טייך אריינגעווארפען געווארען. יונגע אידישע קינדער זענען טראגיש, מורא׳דיג אכזריות׳דיג, געשאכטען גע־ווארען און אין זייער קאכעדיג היים בלוט, האט זיך דער קרעצי־גער אכזר, דער קעניג, וועלכער האט רעקלאמירט זיין מדינה און זיין רעגירונג אלס איידעלע און גוטהארציגע און אפעריערט מיט שעהנע הומאניטארישע לאזונגען, געבאדען זיך אין זייער בלוט. יאוש געדאנקען און פארצווייפלונגס־שטימונג האט באהערשט דעם גאנצען מהות פון די פארשקלאפטע, דערנידריגטע פרעמדע. די דרויסענדיגע אטמאספערע איז פול געווען מיט גיפט און האס געגען די, וועלכע די רעגירונג האט דערקלערט אלס פרעמדע, אלס נידריגע ראסע. עלענד, פיין און פארצווייפלונג האט גע־הערשט אין יעדען ווינקעל פון די בני־ישראל. א פארניכטונגס־חורבן האט ווי א בלייענער וואלקען איבער די קעפ פון די בני ישראל געהאנגען און געדראהט זיי גענצליך צו פארניכטען.

פּרואווט אַלזאַ פאַרגלייכען די לאַגע פון דער מצרי׳שער מדינה, פון דער מצרי׳שער רעגירונג מיט דריי טויזענט יאָהר צו־ריק, צו דער איצטיגער לאַגע אין דייטשלאַנד אונטער דער נייער היטלער־פּרעה רעגירונג. פאַרגלייכט יעדען דעטאַל פון דער מצרי׳שער רעגירונגס־הערשאַפט און איהר באַציהונג צו די אי־דען צו דער היטלעריסטישער רעגירונג אין דייטשלאַנד און איהר באַציהונג צו די אידען און ווי מאָדנע דאָס וועט אויסקוקען, ווי פונקט ביי פונקט זיי גלייכען זיך אויס.

דריי טויזענט יאָהר זיינען זייט דאַמאָלס פאַרגאַנגען, די וועלט, די מענשהייט, האָט דערגרייכט דעם העכסטען פּידעסטאַל אויפ׳ן געביט פון ציוויליזאַציע, וויסענשאַפט און פּראָגרעס, ווי אַנדערש, ווי מזרח פון מערב, איז די היינטיגע וועלט פון יענער, ווי אַנדערש איז דאָס לעבען, און נאָך שטעהן מיר, וואָס אַנ־באַלאַנגט דער באַציהונג פון פעלקער צו אונז אידען פאַר אָט דער זעלטענער ערשיינונג וואָס האָט ניט קיין גלייכען אין דער פעלקער געשיכטע, אויף דער זעלבער שטופע, אויף דער זעלבער מדרגה, ווי מיט דריי טויזענט יאָהר צוריק.

און זאָלען די וועלכע באַטראַכטען יעדע היסטאָרישע פּאַסירונג פון א מאַטעריאַליסטישען שטאַנדפּונקט און האָבען א חזקה צו לייקענען אין דער טראַדיציאָנעלער געשיכטע פון אונזער פאָלק, וועמעס גאַנצער קיום איז פאַרבונדען מיט נסים, זאָלען זיי ניט גרינגשעצען דעם פּסח מצרים.

זאָלען די אידישע היסטאָריקער און סאָציאָלאָגען, וואָס באַ־מיהען זיך צו ערקלעהרען די וואונדערליכע, אונפאַרניכטבאַרע עקזיסטענץ פון דאָס אידישע פאָלק אויף פאַרשיעדענע אופנים, פאַרטראַכטען זיך וועגען מצרי׳שען שעבוד און זאָלען איינצייטיג האָבען אין זכרון, די שרעקליך טראַגישע לאַגע פון דאָס אידישע פאָלק, פאַר די פאַרגאַנגענע צוויי טויזענט יאָהר, וועלען זיי מו־זען קומען צו דער איבערצייגונג אַז די יציאת מצרים געשיכטע איז אַן אַבסאָלוטע ווירקליכקייט.

וואָלטען די אידען אין זייערע קינדער יאָהרען ניט ערצויגען צוגענדייט און באוואפענט געוואָרען מיט די נויטיגע מיט־לען צום קאַמפּף פאַר זייער ווייטערדיגען עקזיסטענץ, וואָלטען

זיי פאר קיין פאל ניט ביכולת געווען אויסצוהאלטען די רדיפות, שחיטות, פאגראמען וואס פארפאלגט דאס אידישע פאלק די לעצטע צוויי טויזענט יאהר.

א פאלק וועמען ס'איז פארגעשטאנען אזא נע־ונד צוקונפט, טויזענטער יאהרען צו לעבען אונטער די שווערסטע באדינגונגען, קעמפפען אויף אלע פראנטען פאר זיין עקזיסטענץ, ווערענדיג געיאגט, געפלאגט און גע'רודפ'ט פון אלע פעלקער, האלטען אין איין וואנדערען פון לאנד צו לאנד דורך אינקוויזיציעס, אויטא־דא־פע'ס — אזא פאלק האט געמוזט אום ניט צו פארצווייפלען, אום ניט צו קאפיטולירען, באלד אין דער פריהסטער יוגענד גע־הארטעוועט און געפאנצערט ווערען בכדי עס זאל ביכולת זיין דורכצומאכען די פארשטעהענדע שרעקליך פארצווייפלונגס קאמפ־פען, צו באזיצען אונערמידליכען געדולד, אייזערנעם אויסדויער, און אן אונערשעפליכען מוטה.

אינ'ם גלות מצרים איז דאס אידישע פאלק דורכגעגאנגען די פייער פראבע, איז זיין פאלקס־נאקען אייזען שטאהל געהאר־טעוועט געווארען, וואס האט געמאכט דעם פאלקס־קערפער ווידער־שטאנדס פעהיג געגען אלע צרות, יסורים און פיין, צו קענען אויסהאלטען די אלע גלות'ן פון די פארשידענע פעלקער, זייער פארביטערטען גאליגען האס און טיראנישע אונטערדריקונג, און דאך זאל דאס אידישע פאלק פארבלייבען אונבאריהרט, אונפאר־גיכטבאר.

פסח מצרים פסח לדורות — אויך אין אונזער איצטיגען דור געפינען זיך זעקס הונדערט טויזענט אידען, פארשקלאפט, אונ־טערדריקט, בארויבט און גרויזאם פארפאלגט פון א פריש אויפ־געשטאנענעם פרעה, מיר פון דער איצטיגער גענעראציאן זיינען לע־בעדיגע עדות צו זעהן ווי אזוי דאס אלטע גלות מצרים ווערט נאך פארגאנגענע דריי טויזענט יאהר, מורא'דיג, גרוילהאפט אין איינער פון די וויכטיגסטע געוועזענע ציוויליזירטע לענדער אין צוואנציגסטען יאהר הונדערט אויף אזא ברוטאל־בעסטיאלישען אופן פראקטיצירט.

אונזער קערפער איז אבער אין די פריהסטע יוגענד אזוי פארהארטעוועט געווארען, אונזער האפנונג און לעבענס ווילען איז

אזוי שטארק, אז מיר זיינען זיכער, וואָס שווערער מיר ווערען אונטערדריקט, אלץ שנעלער וועט קומען אונזער באפרייאונג, אונזער ישועה, אלץ שנעלער וועלען מיר פייערען אונזער פסח.

פון ערפאהרונג ווייסען מיר שוין, אז ווען א פאָלק פאַר־שקלאַפט אונז, זוכט מיט אונזערע לעבענם הויכע פיראַמידען און בנינים פאר זיך אויפצובויען, איז דאָס לעבעדיגע קברים פאר דעם טיראַנישען דעספּאט מיט זיינע נאָכפאָלגער.

ווי שטומע עדות שטעהן ביז היינט די הויכע גיגאַנ־טישע מצרי׳שע פיראַמידען און דערצעהלען די געשיכטע פון א שרעקליך אונמענשליכען, הארצלאָזען הערשער און זיין באציהונג צו אידען.

אָט די הויכע פיראַמידען זענען פארבליבען אלס היסטאָרי־שע אזהרה צו אלע הערשער און פעלקער אין אלע צייטען און אלע דורות, ווען זיי וועלען דאָס אידישע פאָלק פארקנעכטען, שאַ־פען זיי קברים פאר זיך און פאר זייער פאָלק און דאָס אידישע פאָלק וועט ווי אימער טריאומפירען מיט א נייעם שירה חדשה און פייערען א נייעם פסח.

ווייל קלוג זענען אונזערע חכמים געוועזן. זיי האָבען פאַר־אויסגעזעהן די אידישע צוקונפט, דעם ווייטען טויזענט יאָהרי־גען אידישען עתיד.

אין יעדער קנעכטשאפט וואָס דאָס אידישע פאָלק וועט אויס־קומען אין גלות דורכצומאכען, האָבען זיי געזעהן א פרישע דער־לייזונג, א נייע דערוואכונג ביים אידישען פאָלק.

דער עבדים היינו פון מצרים דינט אונז אלס ערמוטיגונג, דאָס איז שוין ניט איינמאָהל היסטאָריש באוויזען געוואָרען — פסח מצרים פסח לדורות...

# דער יום טוב פון דער אידישער גאולה

מצרים — דאָס לאַנד, וואָס האָט אין די אוראַלטע צייטען גע'שמ'ט פאַר א פרוכטבאַרע מדינה. די מענשען דאָרט האָבען געלעבט גליקליך און צופרידען, זייער ווירטשאַפטליכע לאַגע איז געווען א העכסט גינסטיגע, זייער שטאַטליך פּאָליטיש לעבען איז געווען מוסטערהאַפט אנטוויקעלט, איז פּלוצלונג געשטערט גע־וואָרען פון דער שטילער אידילישער מנוחה. דעם הערשער און די באַפעלקערונג פון לאַנד האָט א שרעק ארומגעכאַפּט פאַר דעם איינגעוואַנדערטען פרעמדען עלעמענט, פון כנען, די בני ישראל, וואָס זיינען, א מתי מעט, א קליינע צאָהל, געווען באַזעצט אין דער פּראָווינץ גשן. און באַשלאָסען האָט דער הערשער פון לאַנד צוזאַמען מיט זיינע יועצים, אונטערצושניידען מיט א שאַרפע שווערד דעם זכר, דעם שורש פון די בני ישראל.

מצרים — דאָס מעכטיגע אוראַלטע פאָלק, די באַזעסענע איינ־וואוינער פון לאַנד, די הערשער פון דער מדינה, מיט איהרע באַריהמטע חכמים, אסטראָלאָגען און חרטומים, זיינען ראַפּטאַם פּאַרציטערט געוואָרען פאַר דער קליינער צאָהל רוהיגע פּאַסטו־כער פון גשן, א געהיימער אומבאַוואוסטער פּחד פאַר דער צו־קונפט האָט זיי געשראָקען, זיי האָבען אין די בני־ישראל דער־זעהן אן אינעווייניגסטען שונא, כאָטש זיי זיינען געווען קליין אין צאָהל האָבען די בני ישראל אין די אויגען פון הערשער אין לאַנד אויסגעזעהן גרויס, שטאַרק און מעכטיג — הנה עם בני־ישראל, רב ועצום ממנו. און דער הערשער פון מעכטיגסטען לאַנד אין יענער צייט האָט אליין געציטערט און געשראָקען די באַפעלקערונג פון לאַנד מיט'ן והיה כי תקראנה מלחמה, ונוסף גם הוא על שונאינו, ונלחם בנו ועלה מן הארץ...

די שטאָלצע עגיפּטיאַנער, וועלכע האָבן זיך וויט און ברייט רעקלאַמירט אַלס אַ הויך קולטורעל פאָלק, האָבן אָפּעריִרט מיט שעהנע הומאַניטאַרישע לאָזונגען, אַלס איידעלע גוטהאַרציגע מענ־שען און האָבן לכתחילה מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען די איינגעוואַנדערטע בני ישראל פון כנען, האָבן זיי אוועקגע־געבען דעם באָדען אין די פּראָווינץ גשן, האָבן שפּעטער נאָך צעהנדליגער יאָהרען, זיך ערשט ארומגעזעהן, אַז די בני ישראל האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אייגענע זיטען און מנהגים, זייער אייגענע שפּראַך און קליידונג, זייערע צוקונפטס חלומות און פרייהייטס האָפנונגען און אַ פּלוצלינגע שנאה, מיט פאַרביטער־טען האַס, האָט זיך צופּלאַקערט ביי דעם עגיפּטישען מושל און דאָס פאָלק געגען די בני ישראל. זיי האָבן דערזעהן זיי, אַלס פרעמדע מיט אייגענאַרטיגע אָפּגעזונדערטע אויפפיהרונגען און האָבן זיי אָנגעהויבען באַטראַכטען ווי שונאים, וואָס האָבן זיך אריינגעריסען אין זייער לאַנד.

דער מעכטיגער עגיפּטישער הערשער פּרעה, ארומגערינגעלט מיט זיינע שטערענזעהער און חרטומים, האָבן צוזאַמען עצות געקלערט, ווי אַזוי פון דעם פרעמדען עלעמענט פּטור צו ווערען, אָפּווישען איהם פון לאַנד, זיין זכר אויסמעקען און עס איז באַ־שלאָסען געוואָרען איינצושפּאַנען די בני ישראל אין שווערע אר־בייט, מויערען זאָלען זיי בויען, אויף זומפּיגען נאַסען באָדען, אָנטאָן זאָל מען זיי מורא׳דיגע שווערע קייטען פון שקלאַפעריי אויף זייערע העלזער, פאַרשאַפען יסורים און פייניגען אויפ׳ן שרעקליכסטען גרויזאַמסטען אופן.

האָבן זיך ווי פון קלאָרען הימעל פּלוצלינג אַ שאָט געטאָן גזירות רעות, ספּעציעלע רעגירונגס דעקרעטען, געגען די פרידליכע שטילע בירגער פון גושן. פאַרשקלאַפט זיינען זיי געוואָרען, זיי־נען געשטעלט געוואָרען אויסערהאַלב דעם געזעץ, געגען וועמען יעדער עגיפּטער האָט געהאַט דאָס רעכט זיך צו באַגעהן ווי ער אַליין האָט געוואָלט, פאַרהאַסט און פאַראַכטעט זיינען זיי געוואָ־רען ביים עגיפּטישען פאָלק. שווער און ביטער אויסגעהונגערטע און פאַרשמאַכטע האָבן זיי גראַניט שטיינער אויף זייערע פּליי־צעס געטראָגען, זייערע אויסגעדאַרטע קערפּערס האָבן צוזאַמענ־

געבראָכען אונטער דער שווערער משא, מיט אייזערנע קייטען אויף זייערע הענט, וואָס האָבען מעסערדיג זיך איינגעשניטען אין פלייש, האָבען זיי געלייגט א ציגעל אויף א ציגעל, געבויט די מויערען פון פתום ורעמסס, די אייביגע מאָנומענטאַלע גיגאַנטישע שפּיציגע פּיראַמידען, פאַרוואונדעטע, בלוטיג צופּאַסעוועטע און פול מיט נאַסע אייטערדיגע וואונדען, זיינען געווען באַדעקט זייערע נאַקעטע לייבער.

זיינען די גרויזאַמע שקלאַפען־קייטען און שרעקליכע יסורים וואָס די בני ישראל האָבען געהאַט אויסצושטעהן, וואָס האָט פאַרצעהרט טויזענטער לעבענס נאָך וועניג געווען פאַר דעם פינסטערען טיראַן און גרויזאַמען דעספּאָט האָט ער א פרישען באַפעהל ארויסגעגעבען: כל הבן הילוד היארה תשליכוהו, יעדען ניי־געבאָרענ׳עם אידישען זוהן זאָל מען אין וואַסער אריינוואַרפען.

און ווי נאָר די שרעקליכע גזרה איז ארויסגעגעבען געוואָרען, איינגאַנצען פאַרפינסטערט איז געוואָרען דאָס לעבען פון די בני ישראל. קיין איינציגער האָפנונגס־שטראַהל האָט זיך ניט געוויזען אויף דעם חושכ׳דיגען האָריזאָנט, א פאַרניכטונגס חורבן האָט געדראָהט גענצליך אָפּצואווישען דעם זכר פון די בני ישראל און אין אָט דעם חושכ׳דיגען האָפנונגסלאָזען מאָמענט, ווען די צרות, יסורים, פייניגונגען האָבען דערגרייכט זייער העכסטען קלימאַקס, ווען די מינדסטע האָפענונג איז פאַרשוואונדען, ווען דער אכזריות׳דיגער הערשער, האָט יונגע אונשולדיגע, קליינע קינדערלעך, ארויסגעריסען פון מוטערס הענט, געשאָכטען זיי און אין זייער היים בלוט געבאָדען זיך, אָדער זיי איינגעמויערט לעבעדיגערהייט אין די שטיינערנע ווענט, פונקט דעמאָלס, ווען די שווערע משא פון גלות, האָט דערגרייכט ביז די העכסטע מדרגה, איז געבוירען געוואָרען דער אידישער דערלייזער, דער אידישער גואל, משה, וואָס האָט צובראָכען די שקלאַפען קייטען פון די בני ישראל, פאַרניכטעט דעם דעספּאָטישען רעזשים פון פרעה, ארונטערגעשליידערט דעם פינסטערען טיראַן אין טיעפען אָפּגרונד.

איז אָט די געשיכטע פון פינסטערען שקלאַפענטום און אייבערנאַטירליכע באַפרייאונג וואָס די בני ישראל האָבען איידער

זיי זיינען א פאָלק געוואָרען געליטען און דורכגעלעבט, ניט קיין לעגענדאַרישע דערצעהלונג פון פּיראַמידען און ספינקסען, וואָס ענטהאַלטען זכרונות פון אַלטע גרייז־גרויע צייטען — די היס־טאָריע פון פסח, וואָס איז די פליכט פון יעדער איד, יאָהר איין און יאָהר אויס צו דערצעהלען און צו איבערגעבען זיינע קינדער, די צוקונפטיגע אידישע דורות, איז ניט קיין געשיכטע פון אור־אַלטען אמאָהל, פון ווייטען עבר, נאָר א שטיק ווירקליכקייט, א לעבעדיגע רעאַליטעט, וואָס ווידערהאָלט זיך אין יעדען דור און די עלדען זיינען לעבעדיג, זיי האָבען געלעבט דאמאָלט אין מצרים און לעבען איצט.

פינסטערע דעספּאָטישע טיראַנען, וואָס האָבען באַרויבט די אידישע מינאָריטעט פון זייערע בירגער־רעכט און האָבען אָנגע־נומען באַרבאַרישע מיטעלאַלטערליכע גזועצען, וואָס זיינען גע־ציעלט געווען סיסטעמאַטיש זיי אויסצוראָטען זיינען געווען אין אַלע צייטען און אין אַלע דורות, אויך איצט, אין אונזער דור, הערשט פאַר אונזערע אויגען א מעכטיגער טיראַנישער דעס־פּאָט, ארומגערינגעלט מיט זיינע חרטומים און בלוטיגע נפשות וואָס שטרעבען אָנצוטאָן אייזערנע קייטען צו פארשקלאַפען און דערנידעריגען די אידען און שטעלען זיי אויסערהאַלב דעם גע־זעץ, אויך איצט לעבען אידען אלס שקלאַפען אין א לאַנד וועל־כע זיי האָבען שטעדט און פּאַלאַצען געהאָלפען אויפבויען. דאָס עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע לעבען פון דער מדינה דערהויבען, זייערע קינדערס נשמות האָבען זיי פאַר'ן לאַנד מקריב געווען, אויך זיי, ווי די אידען אין מצרים זיינען פארזונקען געווען אין די מ"ט שערי טומאה פון לאַנד. צוליעב זייער שטאָלצען פּאַטריאָטיזם, האָבען זיי אפילו דעם אייגענעם יחוס־שטאַם פארלייקענט, זייער לעבען יעצט, איז ווי אין א פינס־טערע תפיסה איינגעמויערט, א ברענענדיגע שנאה, האָט דער טיראַן אין זיין לאַנד, נעגען די אידישע בירגער אָנגעצונדען, פאַר־האַסט און פאַראַכטעט ווערען זיי פון דער באַפעלקערונג, פון זייערע אויסגעבויטע עטאַבלירטע נעסטען, וואָס זייערע אור־אור־עלטערען האָבען אינ'ם געליעבטען פאָטערלאַנד, מיט הונדערטער יאָהרען צוריק פאַר זיי אויסגעבויט און פאַרוואָרצעלט, ווערען זיי

איצט גרויזאם, אכזריות'דיג, טיוואַליש רשעות'דיג, מיט'ן שורש אויסגעריסען און פארטריבען.

און פונקט ווי דאמאָלס, אין מצרים אין שווערען גלות שעבוד, אין שווערסטען פיינליכסטען מאָמענט, ווען די שאַרפע שווערד איז שוין געלעגען הארט צוגעפרעסט צום האַלז פון די בני ישראל, ווען זיי זיינען געשטאַנען פאר'ן טיעפסטען תהום פון די שרעקליכסטע גרויזאמסטע צרות, איז דער אידישער גואל גע־באָרען געוואָרען, האָט די שעה פון דער אידישער גאולה גע־שלאָגען, האָט דורך געהיימע וועגען די האָפנונג פון שנעלער באַ־פרייאונג אריינגעקראָגען זיך אין די אַפּאַטישע האָפענונגס־לאָזע אידישע הערצער און זייער גאולה איז געקומען, זיי האָבען דער־לעבט אַ גליקליכע רענעסאַנס עפּאָכע, זיי זיינען בני חורין גע־וואָרען, אַ פריי פאָלק האָט דערוואָרבען אַ אייגען לאַנד — דאָס זעלבע פאַסירט מיט דאָס אידישע פאָלק אין אַלע צייטען און אין אַלע דורות.

ווען דאָס אידישע פאָלק ווערט געטריבען, געיאָגט, געהאַסט, פארפאָלגט, אינקוויזיטאָריש געפייניגט ווערט האָפענונגסלאָז, אַפּאַ־טיש, דאַן דערשיינט די פּלוצלינגע ישועה, די אונדערוואָרטעטע הילף, אַן איבערראַשענדע קראַפט וואָס צוברעכט און פארניכ־טעט דעם גרויזאַמען בעסטיאַלישען טיראַן, צושטערט דעם ברוי־זענדען ים פון גיפט, און גראָבער ברוטאַליטעט, באַפרייט ווערט דאָס פאָלק ישראל פון זיין שונא, פון זיין פארפאָלגער און אכזריות'־דיגען דעספּאָט אין אַ הילכיגען פרייהייטס געזאַנג, אַ שירה חדשה פון דער נייער פאָלקס־באַפרייאונג פון די קינדער פון דאָס אידישע פאָלק געשאַפען.

אָט דאָס לערענט אונז די געשיכטע פון פסח, דער הערליכער פרייהייט יום טוב, דער זכר ליציאת מצרים, און אויב עס איז אַ מצוה צו בלעטערען די דאָזיגע געשיכטע, און דער וואָס דער־צעהלט מעהרער פון ארויסגאַנג פון מצרים איז לויבענסווערט, איז עס היינט, נאָך אַ פיעל גרעסערע מצוה.

וואָרום היינט, אינ'ם פּראָגרעסיווען יאָהרהונדערט פון דער וועלט ציוויליזאַציע, ווען וויסענשאַפט און פּראָגרעס די הויכע הימלען גרייכען, האָבען מיר פרעה'ס אין יעדער מדינה, וואָס פאר־

ברענגען שלאָפלאָזע נעכט, מורא האָבענדיג פאַר'ן אידישען פֿון ירבה . . . איבעראַל, אפילו דאָרט וואו די אידען זיינען אין א קליינער מינאָריטעט, זיינען זיי די פּרעה'ס א דאָרן אין די אויגען, קען מען זיי ניט סובל זיין, באשולדיגט מען זיי אין אלערליי צרות, קאטאסטראָפעס און וועלט אומגליקען, זוכט מען דערפאַר זיי, צו פארפאָלגען, צו פארמיאוסען, צו דערנידעריגען און פאַרשקלאפען.

מעהר פון דריי טויזענט יאָהר זיינען זייט דאמאָלס פאַרגאנגען, ווען א גרויזאמער דעספּאָט פון א מעכטיג גרויס ציווילידזרט לאַנד, איז דערשיטערט געוואָרען, איז א פּלוצלונגער שרעק באַפאַלען, פאַר א קליינער מינאָריטעט איינוואוינער אין זיין לאַנד און ער האָט באַשלאָסען, ניט בלויז זיי פארשקלאפען און דערנידעריגען, נאָר ער מיט זיינע חרטומים האָבען אויסגעטראַכט די פאַנטאַסטישע, שווידערליכסטע ענוים, צו פייניגען און מאַטערען זיי און אָט איצט, שטעהן מיר פאר דער זעלבער דערשיינונג, ווי אין אור־אלטען גלות מצרים. א פינסטערער באַרבארישער טיראַן, פון א מעכטיג גרויס פאָלק, שרעקט זיין פאָלק פאַר דעם אידישען פּן ירבה, איז די קליינע אידישע מינאָריטעט געוואָרען א דאָרן אין די אויגען פון דאָס שטארקע פאָלק, און דער טיראַן מיט זיינע סאדיסטישע חרטומים פייניגען שווידערליך די קליינע צאָהל אידישע בירגער און האַלטען און שאפען ספּעציעלע אויסנאהמס געזעצען וואָס פאַר'מיאוס'ען, דערנידעריגען און פאַרשקלאפען זיי און ציעלען זיי אויסצוראָטען, אינגאנצען צו פאַרניכטען.

אינ'ם גלות מצרים, איז אָבער דאָס אידישע פאָלק, ניט בלויז דורכגעגאנגען די פייער פּראָבע, האָט ניט בלויז פארשאפט זיך איבערנאטירליכע גבורה אויסצוהאלטען די שפּעטערדיגע גלות'ן נאָר האָט אויך געקראָגען די ערפאהרונג, אז ווען אידען ווערען פון וועלכען פּרעה אין א מדינה אונערטרעגליך אונטערדריקט און פאַרפאָלגט, ווען דער שונא ברויזט מיט צאָרן און פארניכטונג און די אידען ווערען האָפנונגסלאָז, פאָלקאָמע מיואשים, זיי דאכט זיך, אז אלע וועגען צו דער קלענסטער ישועה זיינען פארשלאָסען, דאמאָלט אומגעריכט קומט די אידישע הילף, דורך אַן

אונפֿאראויסגעזעהענעם נס, געשעהט די אידישע באפרייאונג און די אידישע אויפלעבונג.

און ניט בחנם שרעקען זיך אונזערע שונאים פאר דאָס אומ־באדייטענדע קליינע אידישע פאָלק אין דער וועלט, ניט אומזיסט זיינען זיי מרעיש עולם, געוואלדעווען בקולי קולות וועגען אונ־זער איבערנאטירליכער גבורה און מיסטעריעזען כוח, זייער אונ־טערבאוואוסטזיין שרעקט זיי, — אינהו לא חזו, אבל מזלייהו קא חזי, די אינטואיציע זאָגט זיי פאָראויס א שווארצען סוף, זיי וועלען האָבען א פינסטערע מפלה, זיי וועלען געשטירצט ווערען, ארונטערגעשליידערט ווערען אין שאול תחתיה. די היסטאָרישע פאסירונג פון אונזער פארגאנגענהייט אין מצרים שרעקט זיי, אונזער עקזיסטענץ וואָס איז שטענדיג אין גרויס סכנה, צוליעב די רדיפות, פארפאָלגונגען און שחיטות פון די פארשידענע צוררים אונזערע און דאך איבערלעבען מיר גרויסע שטארקע און מעכטיגע פעל־קער, מאכט שוידערען זייערע בארבארישע ליבער, זייער אינטואי־טיווער חוש באאומרוהיגט זיי, פארוואָגעלט דעם שלאָף פון זייערע אויגען, זיי האָבען מורא, אז זייער סוף וועט פריהער אדער שפע־טער זיין דער זעלבער ווי פרעה׳ס, זיי וועלען פארניכטעט ווערען, מיט׳ן שורש אויסגעריסען ווערען, זייער נאָמען וועט מיט א קללה דערמאָהנט ווערען, און דאָס אידישע פאָלק וועט אויף דאָס ניי א ניי לעבען אָנהויבען צו שאפען.

דערפאר איז קיין אנדער אידישער יום טוב ניט אזוי טיעף איינגעקריצט און איינגעוואָרצעלט אין דעם הארצען פון אידישען פאָלק ווי פסח, ווייל דער יום־טוב פסח ווערט ניט בלויז פארהערליכט אלס אויסערגעוועהנליכע איבערנאטירליכע געשעהעניש פון דער פארגאנגענהייט נאָר יעדער פסח לעבט אויף די גרויסע האָפענונג אויף די געגענווארט און די צוקונפט פון דאָס אידישע פאָלקס באפרייאונג פון השתא עבדי, לשנה הבאה בני חורין, השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל...

# שבועות

דער תוכן פון יעדען אידישען יום טוב, דיענט ניט בלויז פאר׳ן אידישען פאלק אלס אנדענק פון אלטער צייט, אלס א יום הזכרון פון דער ווייטער פארגאנגענהייט, נאר יעדער אידישער יום־טוב איז דער עיקר, א וועג־ווייזער, א שפריצענדער קוואל פאר דעם צוקונפטס־וועג, אן אנווייזונג פאר אונז אידען אויף להבא.

די אומות־העולם, וועלכע האבען אייגענע ספעציפישע אנ־דענקונגס־טעג פון זייער פארגאנגענהייט, זיינען זייערע פייערונגען דאס רוב ניט מעהר ווי אן אנדענקונג, א יום הזכרון פון א נא־ציאנאלען העלדען־טהאט, אדער עפאכען פון גייסטיגער דערגרייכונג, קיין גרויסען מוסר־השכל פאר זייער צוקונפט, פאר׳ן עתיד, אלס פאלק, האבען זיי ניט צו שעפען.

טראגען דערפאר זייערע ימים־טובים ניט דעם כאראקטער פון די אור־אלטע פייער טעג, נאר א בלאסען דענק־מאל פון אמאהל, פון יוצא וועגען, פון זייערע היסטארישע נאציאנאלע דערגרייכונגען.

אנדערש זיינען אבער די פייערונגען פון די ימים־טובים ביי אונז אידען.

הגם יעדער שפור פון אונזערע אמאליגע נאציאנאלע דער־גרייכונגען זיינען שוין הונדערטער יאהרען פארווישט, פייערען מיר דאך אונזערע ימים־טובים מיט ברען און התלהבות, ווייל פאר אונז אידען זיינען די ימים־טובים ניט בלויז אנדענקונגס־טעג פון דער בלויזער פארגאנגענהייט, וועלכע האבען ניט קיין שייכות צום איצט, נאר פון יעדען אנקומענדען יום־טוב שעפען מיר מוטה און הא־פענונג אין דער טרויעריגער צייט אויף א בעסערע און שענערע צוקונפט.

און אט דאס איז אייגענטליך דער סוד פון די אידישע ימים־טובים. ניט קוקענדיג וואס זיי האבען שוין הינטער זיך אן עבר פון טויזענטער יאהרען, ניט קוקענדיג דערויף וואס די הארטע און טרויעריגע געגענווארט איז אין שרייענדער סתירה צו דעם גע־

פייערטען מאָמענט — ווערען זיי דאָך כמעט פון'ם גאַנצען אידישען פאָלק געפייערט מיט הייליגען עקסטאַז און זייִנען א קוואל פון נשמה און הארץ דערקוויקונג פאר דאָס אידישע פאָלק.

ובפרט איז דאָס אַזוי מיט'ן יום טוב שבועות, דער טאָג ווען גאָט האָט געגעבען די אידען די תורה, דורך זיין עבד נאמן, משה, אויפ'ן בארג סיני.

גאַנץ לאַגיש און אין א קורצען זאַץ דערקלערען די חז"ל אונזערע, פאר וואָס האָט דער בארג אויף וועלכען גאָט האָט געגעבען די תורה געהייסען סיני:

— למה נקרא שמו הר סיני? — מפני שירדה שנאה לאומות העולם עליו...

און ווירקליך: בלעטערענדיג די אידישע געשיכטע פון'ם טאָג, וואָס די אידען זייִנען א פאָלק געוואָרען און זיי האָבען די תורה אויפ'ן בארג סיני אָנגענומען, איז די שנאה פון די פעלקער צום אידישען פאָלק א שאַרף פארביטערטע, א גרוייזאַמע, וואָס דריקט זיך תמיד אויס מיט פארפאָלגונגען, גזירות, אומ'ברחמנות'דיגע, בעסטיאַלישע באהאנדלונג און פארענדיגט זיך אָפט מיט אוממענשליכע אכזריות'דיגע גרוילטאַטען און אַזוי האלט דאָס אָן ביז'ן היינטיגען טאָג.

שטעלען מיר זיך אָפט די פראַגע: פאר וואָס האָט אונז די וועלט פיינט?

וואָס איז די סבה וואָס כמעט יעדע אומה ולשון טראָגט א פארבאָרגענע און אָפענע שנאה אויף אונז?

און וואָס באשטעהט אונזער חטא, וואָס מיר ווערען פארפאָלגט, דערנידריגט, געשטעלט מחוץ למחנה איבעראל?

מיט וואָס איז אונזער עקזיסטענץ אלס פאָלק, א דאָרן אין די אויגען פון די פעלקער אויף דער וועלט?

האָבען געלערענטע חכמים און פילאָזאָפען ביי אלע פעלקער, ווי אויך אונזערע אייגענע מאָדערנע אידישע פילאָזאָפען אין אלע צייטען, געגריבעלט זיך צו געבען א תירוץ, א תשובה אויף די הארבע שאלות, האָבען זיי אָנגעגעבען פארשידענע סיבות, אָבער אלע גיבען צו, אלע זייִנען איינשטימיג, אז איינע פון די הויפּט סיבות, איינע פון די הויפּט פאקטאָרען וואָס די וועלט האָט אונז

פיינט, וואָס די פעלקער אויף דער וועלט קאָנען אונז ניט מוחל זיין, איז צוליעב דער תורה, וואָס איז אונז געגעבען געוואָרען אויפ׳ן בארג סיני.

האָבען פעלקער געוואָלט אונז נאָכטאָהן, האָבען זיי געשאַפען נייע לעהרען, זיי האָבען אינסטינקטיוו געפיהלט אַ שטאַרקען חשק איבערצושטייגען, לפחות צו פארגלייכען זייערע תורות צו תורת משה, דער רעזולטאַט אָבער נאָך די נייע געגרינדעטע רעליגיאָנען איז געווען, אז די נאָכפאָלגערס וועלכע האָבען זיך פאַרטיעפט אין זייערע נייע־רעליגיעזע פאָרשונגען האָבען זיך שנעל איבערצייגט, אז די נייע געשאַפענע רעליגיעזע חוקים זיינען דורכאויס די ערפינדונג פון מענשליכען מארך און זיינען כמעט איינגאַנצען קאָפּירט און נאָכגעמאַכט תורת משה.

הערשט דערפאר ניט אזא גרויזאמע שנאה צווישען קריסטענטום, מאכמעדאניזם און בודהאאיזם, ווייל זייער גאַנצער רעליגיעזער פאַרמעגען קומט פון איין אָרט, און זייער גלויבען באַשטעהט אויסשליסליך פון מענשליכע מאָראל קאָדעקסען און מענשליכע פאַרפאַסטע רעליגיעזע דאָגמען. יעדע רעליגיאָן באזונדער פאַרמאָגט אַ סכום פילאָזאָפישע רעליגיעזע פאָרשריפטען געשאַפען דורכאויס פון מענשליכען מארך. זייער גרינדונג און שאַפונג פון זייערע רעליגיאָנען זיינען אלע גלייך פון מענשליכען נאָכדענקען און טראַכטען, וואָס זייער אויסדערוועהלטער שטעהענדיג אויף אַ הויכען מענשליכען פידעסטאַל האָט מיט׳ן אייגענעם נאָכדענקונגס אפּאַראַט געשאַפען.

דאַנעגען איז די אידישע תורה, די אידישע רעליגיאָן, אונפארגלייכבאר. די אידישע תורה געגעבען מן השמים, פון בורא עולם, אויפ׳ן בארג סיני, וואָס נעהמט מיט איהר אלזייטיגקייט בוכשטעבליך ארום אלעס, וואָס שייך צום יחיד און רבים און ערקלעהרט אויך אלע העכערע פּראָבלעמען פון דער וועלט באַשאַפונג און פון דעם מענשענס תכלית אינ׳ם לעבען, וואָס מאַכט די אידישע תורה פאר דער טאָן־געבערין און די אלע נייע געשאַפענע תורות פון מענשליכען מארך פאר קאָפּירטע און נאָכגעמאַכטע.

פיהלען דערפאר אלע פעלקער, א שטארקע שנאה צום אי־דישען פאלק. צוליעב זייער תורה שטאמט די דאזיגע שנאה פון איינ־פאכע קנאה, פיהלען אונזערע פארפאלגער אין אונזער תורה, די גרעס־טע קאנקורענץ צו זייערע תורות, אז זי שטעהט העכער פון זייערע רעליגיאנען.

אויך די אידישע געלערנטע און פילאזאפען וועלכע זוכען אין אלע דורות א תרופה צו דער שנאה וואס די אומות העולם האבען צום פאלק ישראל, צוליעב דער תורה וואס איז געגעבען געווארען אויפ׳ן בארג סיני, פרואווען פאראייניגען אונזער תורה מיט דער וועלט פילאזאפיע, אראפנידערענדיג די תורה צו דער וועלט פילא־זאפיע, געבען דער תורה א מאדערנע פילאזאפישע אינטערפרעטאציע, זוכענדיג צו באווייזען, אז צווישעןביידע דערמאנטע איז קיין גרויסער אונטערשיעד ניטא, האבען זיי גערענקט אזוי ארום, צופאסענדיג זיך צו דער וועלטליכער פילאזאפישער שיטה, וועט די שנאה פון די פעלקער אפגעקילט ווערען, איז אויך דאס זיי ווייניג געלונגען.

אויך זיי, די מאדערנע אידישע געלערנטע, האבען זיך שנעל איבערצייגט, אז די אידישע תורה איז אונפארגלייכבאר צו דער אלגעמיינער וועלטליכער פילאזאפיע, מיט זייער נייער פילאזאפיע האבען זיי בלויז געזוכט צו שאפען א פרישע מענשליכע תורה, וועלכע זאל אפשר קענען זיך פארמעסטען מיט איהר טיעפקייט און אבסטראקטקייט צו דער אידישער תורה. זיי האבען שפעטער באגרי־פען, אז עס זיינען ניטא קיין פילאזאפען וואס זאלען האבען אן איינהייטליכע מיינונג, ניט בלויז אין פראגען פון איבער דער נאטור, נאר אויך אין פיעלע נאטור פראגען זיינען די פילאזאפישע באגריפען פארשידענארטיג, און אויב מיר טרעפען איין סעקטע, וואס איז פאראייניגט אונטער איין פילאזאפישער מיינונג, איז דאס בלויז דערפאר, וואס די סעקטע האט זיך איהר רבי׳ן און האלט זיך אין איהר רבי׳נס שיטה.

דאגעגען איז די אידישע תורה ראיעלער און זיכערער. איהר אייביגע פרישקייט, און דאס וואס זי ענדערט זיך קיינמאל ניט, איז דער שטארקסטער פאקט פון איהר געטליכקייט.

די וועלט האט שוין געהאט, חוץ די דריי גרויסע אנערקענטע רעליגיעס, גרעסערע און קלענערע רעליגיעס, וועלכע האבען זיך אפט

געביטען און טענדענציעז געענדערט ביז זיי זיינען לחלוטין פאר־שוואונדען. אויך די גרויסע מעכטיגע רעליגיעס האבען לעצטענס, טאקע צוליעב איהרע אייגענע, ניט אידישע דענקער, וועלכע צייכענען זיך אפט אוים אלס די בלוטיגסטע שונאים, געגען דער אייגענער רעליגיע, ווי אויך דורך דער שאפונג פון נייע פילאזאפישע אבסטראקטע אידעען, געבראכט דערצו, אז די רעליגיעס זיינען גע־ווארען אלט, אפגעלעבט און האבען פארלארען זייער אמאליגען פרעסטיזש און גלאנץ.

בלויז די אידישע תורה, הגם די עלטסטע פון אלע רעליגיעס, איז דאך קיין איינציג אות נאך אין איהר ניט געענדערט געווארען, זי איז צאפעלדיג פריש, גלייך זי וואלט ערשט נעכטען געשריבען געווארען. מיט די אידישע תורה קען מען באלייכטען יעדע וועלט גע־שעהעניש און יעדע נייע וועלט אויפפאסונג.

בלויז די גאטהייט אליין איז ביכולת צו שאפען אזא אייביג, יונג, פריש ווערק. אלע וואס מענשען שאפען, ווערט מיט דער צייט צע־פוילט, אלט, פארשימעלט, און צעפאלען. מענשליכע ווערק און בא־גריפען מוזען ענדליך ווערען אפגעלעבט, וועהרענד בלויז די געט־ליכקייט, וועלכע שאפט יעדען זומער א באנייטע פרישע ערד, מיט נייע פרישע לעבעדיגע בלומען, האט געקענט שאפען אזא אייביג פרישע תורה.

די גאנצע וועלט פיהלט אלזא אינסטינקטיוו, אז די אידישע תורה איז געטליך. זי איז דער שפיגעל פון אלע רעליגיעס און נייע געשאפענע תורות, טראגט די וועלט אויף אונז אזא פארביסענע שנאה, ווערען מיר אין אלע צייטען אזוי אומאויפהערליך פארביטערט באקעמפט און פארפאלגט, ווייל אויב ניט די קנאה צו דער אידישער תורה, וואס ארט די וועלט אז א רוהיג אומבאוואפענט קליין פאלק אויף דער ערד האט זיך א באזונדערע תורה, באזונדערע מנהגים און טראדיציעס מיט איינענארטיגע ריטועלע צערעמאניעס?

זיינען דערפאר אונזערע חז״ל פולשטענדיג גערעכט מיט׳ן אוי־בענדערמאנטען מאמר: למה נקרא שמו סיני? מפני שירדה שנאה לאומות העולם עליו.

איז דערפאר דער יום טוב שבועות, א דערמוטיגונג אין אלע צייטען פאר׳ן אידישען פאלק און גלות. שבועות איז ניט בלויז

א פייערונג, אַ יום טוב פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך אַ דערפרישונג און האָפענונג אויפ'ן עתיד, גלייך ווי די תורה איז אַ חלק אלקי ממעל, אַזוי איז דאָס פאָלק ישראל, דאָס ממלכת כהנים וגוי קדוש, אַ חלק פון דער געטליכקייט — הקב"ה ואוריתא וישראל חד הוא, און אַזוי ווי די אידישע תורה איז אונפאַרניכטבאַר, אַזוי איז דאָס אידישע פאָלק באַשטימט פון דער השגחה צו עקזיס־טירען להכעיס אונזערע פאַרפאָלגער און אונטערדריקער.

# דער יום־טוב פון גייסטיגער דערהויבונג

אזוי ווי ניט אלע מענשען זיינען גייסטיג גלייך הויך אנטוויקעלט, מאנכע מענשענס גייסטיגער אינטעלעקט איז א באגרעניצטער, גענוג בלויז פאר זיך אליין, פאר'ן אייגענעם נפש, און פארמאגען ניט די מעגליכקייט צו לערנען און משפיע זיין פון זייער גייסטיגען באגאזש אנדערע, און געגענטייל באזיצען אנדערע מענשען גענוג גייסטיגען אינטעלעקט, זיינען גייסטיג ענטוויקעלט אויף אזא הויכער מדרגה, אז ניט בלויז פאר'ן אייגענעם נפש האבען זיי גענוג גייסטיגעס, נור זיי שפייזען, לערנען, באאיינפלוסען אנדערע און זיינען ביכולת א דאנק זייער הויכען גייסט, זייער נשמה'דיגקייט, זייער אבסטראקטען דענקען, צו פארוואנדלען די אטמאספערע ארום זיך פאר א גייסטיגער ביז הימלישער סביבה און אפט זיך אליין פאר א שטיק גייסטיגעס וועזען — פונקט אזוי זיינען אלע אידישע ימים־טובים לגבי דעם יום־טוב שבועות.

דער יום טוב שבועות איז העכער, הייליגער, טיעפער, הימלישער ווי אלע אנדערע ימים־טובים פון א גאנץ יאהר.

שבועות איז דער קעניג, דער שיר השירים פון אלע ימים־טובים, די נשמה, די קווינטעסענץ, דער מקור, פון וואנען אלע ימים־טובים ציהען זייער יניקה.

אהן דעם יום טוב שבועות וואלטען אלע ימים־טובים ניט געהאט קיין פונדאמענט פאר עקזיסטענץ און וואלטען מעגליך לאנג שוין פארשוואונדען געווארען.

הגם יעדער אידישער יום טוב, חוץ זיין רעליגיעזען, געשיכטליכען, נאציאנאלען אפשטאם, האט אויך אין זיך א גייסטיגען ציעל וואס באצוועקט צו דערהויבען דעם איד גייסטיג, העכער איבער דאס קערפערליכע, מאכט איהם העכער, טראגט אבער יעדער יום טוב אויך א קערפערליכען חומר'דיגען געגוס, פון חציו לד' וחציו לכם, אויס'ער דעם גייסטיגען געגוס באצוועקט דער יום טוב אויך א

קערפערליכען גענוס — ובשלת, ואכלת, ואכלו ושבעו, ולקחתם לכם, באספכם את תבואת הארץ תחגו.

דאגעגען דער יום טוב שבועות, דער יום טוב פון קבלת־התורה, איז דער יום טוב פון לויטער גייסט, פון אבסאָלוטער געט־ליכקייט. ניט פון פסח, וואָס איז דער יום טוב פון חירות־הגוף, די באפרייאונג פון גלות, שקלאפעריי, קערפערליכע פארפאָלגונגען, אָדער סוכות, ווען מען קלייבט די תבואה פון די פעלדער, עס ווערט זיין גענוג צו עסען, וואָס דאָס אלעס באלאנגט צום קערפער.

שבועות, זמן קבלת־התורה, איז אַ יום טוב פון העכסט גייס־טיגער דערהויבונג, אַ ריין נשמה׳דיגער, אָהן קערפערליכען גענוס, אפילו אמת׳ע פרייהייט קומט מיט׳ן יום טוב שבועות, אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה.

און די פרייד, די פייערונג פון יום טוב, דארף זיין אַ ריין גייסטיגע, נשמה׳דיגע דערהויבונג, ועשית חג שבועות לד׳, דער יום טוב איז צו גאָט, אַ געטליכער יום טוב, כלו לד׳, אָהן דאָס צונויפ־מישען פון דאָס גראָבע, מאטעריעלע, ערדישע, מחמת נשמה שמחה איז אלעס כולל, אפילו קערפערליכען פארגעניגען. אזא שמחה איז אונערשעפליך, דויערענד, טיעף און איז די אמת איינציגע שמחה פון מענשען.

און געדארפט וואָלט דער יום טוב שבועות געפייערט ווערען ניט בלויז פון דאָס אידישע פאָלק, נאָר פון אלע ציוויליזירטע פעלקער, פון אלע קלאסען מענשען, אָהן אונטערשייד פון נאציאָנא־ליטעט, ראסע און קולטור.

אמת טאַקע שבועות איז דער יום טוב, ווען די תורה איז געגעבען געוואָרען אויפ׳ן בארג סיני, צו די בני ישראל, אזוי ווי אָבער עס איז אונבאשטרייטבאר אז תורת משה איז געווען די ערשטע לעהרע אויף דער וועלט, דער יסוד פון מענשליכער ציוויליזאציע, פראָגרעס, וויסענשאפט, פילאָזאָפיע, מאָראַל און עטיק און האָט הויפטזעכליך דער גאנצער וועלט גגעבען דעם באגריף פון מאָנאָטעאיזם, פון אתדות־חבורא — אזוי קען זיין איין רע־ליגיע, אלוועלטליכע אידעע, אפילו די וויסענשאפט, ניט לייקענען אז זיי אלע האבען געשעפט, געטרונקען פון קוואל, געקראָגען זייער גרונד־אידייע, זייער ערשטע לעהרע, אויף וואָס זיך סומך צו זיין,

און שטיצען א דאנק דעם יום טוב שבועות, דעם טאָג ווען די איי־דען האָבען די תורה גענומען אויפ'ן בארג סיני.

ווייל ניט בלויז האָבען אַלע רעליגיעם קאָפּירט, אימיטירט זייערע רעליגיעזע באַגריפען, פאַרשריפטען, לעהרע און מאָראַל קאָדעקסען ענליך צו דער אידישער תורה, ניט בלויז איז די אידישע תורה, דער פונדאַמענט, דער יסוד, דער אָנהויב פון ריינעם מאָנאָטעאיזם אויף דער וועלט, נאָר אפילו ביאָלאָגיע, געשיכטע, עטנאָלאָגיע, ענט־שטעהונג פון פעלקער און לענדער, פילאָזאָפיע, געזעצליכקייט, פאַר'ן יחיד און שטאַאט, היגיענע, פּראָזע, פּאָעזיע, פאַרגאנגענהייט און צוקונפט, די סאַמע ערשטע אָריגינעלע שאַפונג וואָס דערמאָנט די אַלע וויסענשאַפטען, געזעצען און לעהרע איז געשריבען אין תורת־משה.

די אַלזייטיגקייט פון תורת־משה נעמט בוכשטעבליך אַרום אַלעס, וואָס דער אינדיווידיאום און קאָלעקטיוו נויטיגט זיך אין זיין עק־זיסטענץ.

די תורה איז אַזוי קלאָר, דייטליך און אַלפּאַסענד, אַזוי פּריש, יונג, מאָדערן, אַז יעדע ערשיינונג, יעדע מאָדערנע אידעע, יעדע וועלט פּראָבלעם קען דורך דער תורה באַלויכטען ווערען, כאָטש קיין איינציגער בוכשטאַב איז נאָך אין איהר ניט געענדערט גע־וואָרען איז זי צאַפּעלדיג, פריש און אינטערעסאַנט גלייך זי וואָלט ערשט נעכטען געשריבען געוואָרען.

איז די אייביגע פרישקייט און דאָס וואָס די תורה ענדערט זיך קיינמאָל נישט דער שטאַרקסטער איבערצייגענדער פאַקט, אַז די אידישע תורה איז געגעבען געוואָרען פון גאָט אַליין, בלויז אַן אמת געטליכע תורה, געגעבען מיט טויזענטער יאָהרען צוריק קען אייביג פאַרבלייבען יונג, פריש און אינטערעסאַנט, דערפאַר ווייל זי איז דאָס ווערק און לעהרע פון דער גאָטהייט זעלבסט.

דערפאַר ווען מיר זאָגען, אַז כמעט אַלע פעלקער האָבען קאָפּירט, געלערענט פון דעם פאַרהאַסטען תמיד פאַרפאָלגטען אידישען פאָלק און וועלכעס פאָלק האָט שנעלער אונזער תורה און מאָראַלישע אויפ־פיהרונג געלערנט איז א דאנק דעם ציוויליזירטער העכער גע־שטיגען, הייסט דאָס ניט, פוסטער שאָוויניסטישער שטאָלץ, אבסור־דישער אתה בחרתנו איינרעדעניש.

ווייל שוין ניט רעדענדיג פון אונזערע ניט אידישע פריינד, וועלכע לאָזען אָפּט הערען זייער שטימע אין אונזער פאַרטיידיגונג, ווייזען אויף די קאָלאָסאַלע גיגאַנטישע פאַרדינסטען אונזערע, זינט מיר עקזיסטירען ביז היינט, האָבען מיר דער מענשהייט געהאָלפען צו זיין ציוויליזירטער, איידעלער, אידעאַלער, מענטשליכער, און אַז קיין שום אַנדער פאָלק אויף דער וועלט האָט ניט בייגעשטייערט פאַר דער וועלט ציוויליזאַציע אַזוי פיל ווי מיר, נאָר אפילו אונזערע פאַרביסענע שונאים זיינען דורך זייער פריידיגען גיפטיגען האָס צו אונז, מודה אַז מיר זיינען אַן עם־הנבחר, אַן אויסדערוועהלט פאָלק מיט גרויסע אויסערגעוועהנליכע פאַרדינסטען.

זייער ווילדער געשריי אַז דער קריסטליכער גאָט איז אַ אידישער, אַז די וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע, מעדיצין, פינאַנץ, דעמאָקראַטיע, סאָציאַליזם, סאָלידאַריטעט, אַלעס וואָס איז בויענד, שעפעריש, פּראָגרעסיוו, אַלעס וואָס איז לטובת און וואוילזיין פון דער מענשהייט, די גאַנצע ציוויליזאַציע קומט פון אונז אידען, אָדער פון אידישער אָפּשטאַמונג און אידישען איינפלוס, גיבען זיי אומדירעקט אליין צו, אַז מיר זיינען אַן אתה בחרתנו פאָלק, אַ פּריסטער פאָלק, באַשטימט פון דער גאָטהייט, אַלס לעהרער און וועג־ווייזער פאַר דער ציוויליזירטער מענשהייט און זאָל מען אַרויסוואַרפען פון דער ציוויליזאַציע דאָס וואָס אונזערע שונאים שרייען עס קומט פון אונז און זיי האַלטען פאַר געפערליך, אָפּשיילדיך און שעדליך, וואָס מישטיינס געזאָגט וועט פאַרבלייבען פון דער גאַנצער מענשליכער ציוויליזאַציע?...

ניט אומזיסט איז די תורה אונז געגעבען געוואָרען מיט פלאַם פייער און קולות וברקים.

די געטליכע השגחה האָט פאָראויסגעזעהן אַז מיט אונזער ענטפער נעשה ונשמע, אויפ'ן באַרג סיני, וועט זיין אונזער גורל צו דערוואַרימען און באַלייכטען די אומות העולם מיט'ן אש־דת פון דער תורה.

דער קול־שופר, בעת די תורה איז געגעבען געוואָרען איז אונאויפהערליך — וקול השופר הולך וחזק מאד.

אונזער אויפגאַבע צו לאָזען הערען דער וועלט די שטימע פון שופר, אונערמידליך, אָהן אויפהער, וועקען דאָס באַוואוסטזיין, פאַר

העברע איידעלערע, עלעמענטארע נאָבעלע, הומאניטארע געפיהלען ביי דער מענשהייט איז פון דער השגחה פאַר אונז מיט דריי טויזענט יאָהר צוריק באַשטימט געוואָרען.

משה ידבר — מעהר פון דריי טויזענט יאָהר זינט משה האָט אויפ׳ן באַרג סיני אין גאָט׳ס נאָמען גערעדט צו די בני ישראל, הענגט משה׳ס שטימע אין דער לופטען פון וועלט־אַל.

ביז היינט הערט מען זיין שטימע, וואָס וועקט, רופט און מונ־טערט די מענשהייט פאַר א שעהנערער, בעסערער, נאָבעלער וועלט, לויט די פרינציפען, חוקים ומשפטים פון תורת משה און אז עס קומט דער יום טוב שבועות דערמאָנט דאָס אונז דעם משה ידבר — משה רעדט פאַר די לעצטע דריי טויזענט יאָהר און ער האָט זיין לעצט וואָרט, להכעים אונזערע שונאים און פאַרפאָלגער נאָך ניט געזאָגט...

# מיט׳ן כח פון דער תורה

ווען מען שטודירט דורך אן אביעקטיוו באטראכטונג פון פאקטען, פון רעאל אמת ווירקליכע פאסירונגען פון דער פארגאנגענהייט און געגענוואַרט, די אידישע געשיכטע, דאס לעבען און מהות פון דאס אידישע פאלק, די מלחמת הקיום, שווערע לעבענס באדינגונגען, שרעקליכע פארצווייפלונגס קאמפען, גרויזאמע ענוים, וואס דאס אידישע פאלק האט אין דער אוראלטער התחלה, זינט זיין עקזיסטענץ, ביזן היינטיגען טאג דורכגעמאכט — מוז מען קומען צום אויספיהר, אז ס׳איז פאראן א געהיימער, באהאלטענער כוח, א פארבארגענער, מיסטישער, איבערנאטירליכער ריזען־קראפט, א השגחה פרטית, א געטליך אויג, וואס וואכט איבער אונז תמיד, פארלאזט אונז ניט קיין רגע, היט אונז אב אין די פינסטערע בלוטיגסטע מאמענטען פון פארניכטונג און אונטערגאנג.

באטראכטענדיג דעם געשיכטליכען גאנג פון דאס אידישע פאלק, וועלכעס קומט אפט אויס צו קעמפען ניט בלויז געגען נאטירליכע אומשטענדען און קאטאסטראפעס, נאר מוז כסדר אונאויפהערליך מלחמה האלטען אויף אלע פראנטען, געגען א וועלט מיט פארביטערטע שונאים, וואס זייער שטרעבונג איז אונז צו פארניכטען, עוקר מן השורש צו זיין, און ניט איינמאהל האט זיך אויסגעדאכט, אז דער קאמף איז א פארשפילטער, אז אבד נצחנו — די אייביגקייט פון אידישען פאלקס עקזיסטענץ איז אן אילוזיע און דאך האבען מיר איבערגעלעבט גרויסע און מעכטיגע פעלקער, וועלכע האבען אין פארלויף פון הונדערטער יאהרען געשפיעלט א דאמינירענדע ראלע אין דער וועלט, מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג, אז דאס פאלק, וואס איז אזוי שוואך און הילפלאז און צו דערזעלבער צייט אזוי קרעפטיג אונבאזיגבאר, איז א מיסטעריע, א טייל מיסטעריום פונם גאנצען מיסטעריעזען אוניווערז!

צוויי טויזענט יאהר, ווי מיר זענען באדענלאז, שוצלאז, צו־

זייעט און צושפרייט בארבע פינות העולם, איבעראל ווערען מיר געהאסט און פאראכטעט, פארפאלגט, גע'רודפ'ט, געפייניגט און גע־מאטערט, ווי שעפעלעך צווישען הונגעריגע וועלף קעמפען מיר תמיד, א קליין פאלק, צווישען מעכטיגע פעלקער, געגען דער גרויסער, שטארקער צייט קריצענדער וועלט, וואס באהאנדעלט אונז אפט אויפן שרעקליכסטען אופן — קאנפיסקירט, ראבירט, פלינדערט אונזער האב און גוטס, טרייבט אונז עלענד און שענדליך פון אונ־זערע איינגעבירגערטע באזעסענע היימען, מארדעט, פארברענט אויפן אויטא־דא־פע אונז'ערע זיהן און טעכטער, שאפט ספעציעלע אויס־נאהמס־געזעצען געגען אונז, וואלט אייגענטליך לויט'ן נאטירליכען פארשטאנד, ווי דאס זעלבע האט פאסירט מיט אנדערע אוראלטע מעכ־טיגע פעלקער, וואלטען מיר באדארפט לאנג שוין ניט עקזיסטירען און פארשווינדען.

עס מוז דאך זיין א פארבארגענער באהאלטענער כוח, אן איבער־נאטירליכע, אויסערגעוועהנליכע גבורה'שע קראפט אינם פאלקס אר־גאניזם, אינם אינערליכען לעבען און עקזיסטענץ פון פאלק גופא, וואס דערלאזט ניט דאס פיזיש, שוואך, הילפלאז פאלק זאל נאך אזוי פיעל פייניגונגען און מאטערנישען קאפיטולירען...

עס מוז דאך זיין אין דעם מארטירער לעבען פון א גאנץ פאלק עטוואס אזוינס וואס איז ביי דאס פאלק אוועקגעשטעלט געווארען אלס ציעל, צו וועלכען עס שטרעבט, טראץ אלע שוועריג־קייטען, שווערע נסיונות און גרויזאמע פארפאלגונגען, פאר וועלכען עס געהט אין פייער און וואסער, צאפעלט זיך זייט טויזענטער יאהרען אין די שוידערליכסטע מאטערנישען, ווערט גרויליג געברענט און געבראטען אינם גיהנם פייער — ברענט און ווערט ניט פאר־ברענט...

האבען פילאזאפען, פארשער, היסטאריקער און סאציאלאגען, אידישע און ניט אידישע, אין אלע צייטען, באמיהט זיך צו דער־קלערען די זעלטענע פענאמענאלע ערשיינונגען, וואס זענען פאר־בונדען מיט דער ווּאונדערליכער אייביגער אידישער עקזיסטענץ, ברוחק־גדול, האבען זיי געזוכט פארשידענע ערקלערונגען, פשט'לאך און חקירות צו פארענטפערען דעם אומנאטירליכען קיום פון דאס

אידישע פאָלק און דעם מיסטעריעזען כוח וואָס ליגט אינם פאָלקס אָרגאניזם פארבאָרגען, מיטן רעזולטאַט, אז דאָס רוב ערנסטע אָביעקטיווע געלעהרטע זענען געצוואונגען געווען מודה צו זיין, אז די הויפט קראַפט פון דער אידישער אומה, דער אונבאזיגבאַרער כוח פון אידישען פאָלק, די פאַרטזעצונג און עקזיסטענץ פון דאָס לעבען פון דער אידישער נאציאָן איז דורכאויס פארבונדען און אָבהענגיג אין דער אידישער תורה, אין דער אידישער אמונה, אין דעם נעשה ונשמע וואָס די בני ישראל, אונזערע אורעלטערען, האָבען מיט עטליכע טויזענט יאָהר צוריק געזאָגט אין דער מדבר, ביים בארג סיני.

די השגחה העליונה האָט דאָס אידישע פאָלק אויסדערוועהלט, צו ווערען דער וועג־ווייזער, דער מדריך פון דער מענשהייט; די הימלישע השגחה האָט אונז א געטליכע תורה געגעבען, באשטימט אונזער מיסיע צו זיין לערער פאר דער גאַנצער מענשהייט, מיר זאָלען ארויסהויבען די וועלט פון בארבארישער און מיאוסער געצענדינעריי און פּראָקלאמירען די הימלישע געטליכקייט — דעם מאָנאָטעאיזם — מיר זאָלען באפרייען די וועלט פון דער אוראַלטער פארברעכעריש ווילד פארדאָרבענע קולטור, באַקאַנט מאכען, פריידיגען און לערנען די געטליכע אידעאַלען פון דער תורה, מיר זאָלען לייגען דעם יסוד פון דער מענשליכער ציוויליזאציע, לערנען די מענשהייט רעליגיע, מאָראל, געזעצען, היגיענע, קולטור, ערקלערען דעם מענש זיין העכערען תכלית, שטרעבען און אויפגאבע, הויפּטזעכליך ביטער באקעמפען מיט דעם גאַנצען ברען פון דער נשמה, מיט קאָנצענטרירטע געמיינזאַמע פאָלקס כוחות יעדע פאַלשע תורה, וואָס באצוועקט צוריק צו ברענגען אוראַלטע בארבארישע געצענדיענסט און זוכט דעם מענשען, צו פאַרוואַנדלען אין א צוויי פיסיגער חיה.

און גלייך, ווי די אידען האָבען די תורה אויפן בארג סיני מקבל געווען, האָבען פונ׳ם אויבערשטען אין הימעל געקראָגען די אונדאנקבארע מיסיע צו זיין די פארשפּרייטער און וועג־ווייזער פון דער מענשהייט, זענען געוואָרען דאָס איינציגע מאָנאָטעאיסטישע פאָלק אויף דער וועלט וואָס האָבען אָנגעהויבען פריידיגען דעם

געדאַנק פון אחדות הבורא, און האָבען איינציימיג אָנגעהויבען באַקעמפען די מיאוסע ברוטאַלע קאָנצעפּציעס פון דער באַרבאַרישער געצענדיענסט — איז די ניט אידישע וועלט געוואָרען אונזערע בלוטיגסטע דם־שונאים, האָט א פלאַם פייערדיגע שנאה פאַנאַנדערגעפלאַקערט זיך געגען אונז, וואָס האלט אונאויפהערליך אין צינדען דעם גאַנצען כדור־הארץ פון דעמאָלט ביזן היינטיגען טאָג.

פון דעם ערשטען טאָג, פון קבלת־התורה, האָט די דאַמאַלסדיגע ניט אידישע, אונציוויליזירטע, געצענדינערישע וועלט באַיןאופן ניט געקאָנט משיג זיין, האָט ניט געקאָנט פארשטעהן אונזער געגנערשאַפט, אונזער כפירה און אָפענע פאַראַכטונג צו די שכנ׳ישע געצען, אונזער אמונה אין א גאָט, וואָס איז א יחיד ומיוחד, אבסאָלוט איינער, וואָס האָט באַשאַפען און רעגירט די וועלט, און אז גאָט איז אינו גוף, ולא ישיגוהו משיגי הגוף, ואין לו שום דמיון כלל — דאָס גלויבען צו דינען צו א גאָט וואָס מען זעהט ניט, איז ניט קיין קערפּערליכעס אָדער מאַטעריעלעס וועזען, איז דאמאָלט ביי די געצענדינערישע פעלקער פאררעכענט געוואָרען פאַר א פאַרברעכען און זיי האָבען אונז דערפאַר פיינט געהאַט, מיט עטליכע הונדערט יאָהר שפּעטער, ווען די ניט־אידישע וועלט האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען אבסאָרבירען די אידישע תורה, האָט אָנגעהויבען אנערקענען די געזעצען, מאָראַל, אידעען, וועגען גאָט, מענש און וועלט, האָט אפילו שפּעטער אקצעפּטירט אונזערע אורעלטערען אלס די ליכטיגסטע, פּאַטריאַרכאַלישע, הייליגסטע געשטאַלטען פון דער וועלט געשיכטע, אונזערע נביאים זענען געוואָרען די לעהרער און וועג־ווייזער פון הונדערטער מיליאָנען מענשען אויף דער וועלט, מ׳האָט אָנגעהויבען קאָפּירען, אימיטירען אונזער תורה, אונזער אמונה, איז צו דער אוראַלטער איינגעוואָרצעלטער שנאה צוגעקומען א ביטערע אינערליכע אַלוועלטליכע ניט אידישע קנאה, דאָס וואָס די גאַנצע קולטור און ציוויליזאַציע פון דער מענשהייט, די העכסטע אידעאַלען פון טאָלעראַנץ, הומאַניטעט, און גערעכטיגקייט זיינען באַזירט אויף די אידעען פון דער אידישער תורה, אַז די וועלט ווערט אונדירעקט באַאיינפלוסט פון די סיני אידעאַלען אין דער אידישער אמונה דורך דעם קריסטענטום און איסלאַמיזם, וואָס

זענען ארויסגעוואקסענע צווייגען פונ'ם רעליגיעז־אידישען שטאם, איז דארום דער קנאה־שנאה'דיגער האס, די פאראכטונג, בלבולים און פארפאלגונגען אויף די לעהרער און גייסטיגע וועג־ווייזער פון דער ניט אידישער וועלט געגען דאס אידישע פאלק געווארען טיפער, פארביטערטער, גאליג גרויזאמער, און שוידערליך בעסטיאלישער.

איז שוין הונדערטער יאהרען ווי גרויסע נאציעס, מעכטיגע אימפעריעס האבען אפט דערקלערט קריג צום קליינעם אויסערליך ארימען שוואכען אידישען פאלק, אויב ניט די אינסטינקטיווע קנאה וואס די אומות־העולם טראגען אויף אונז, צוליעב אונזער תורה, וואס מיר האבען מקבל געווען אויפן בארג סיני, וואס קימערט אייגענטליך גרויסע מעכטיגע פעלקער וואס א קליין הילפלאז, מאכט־לאז, אונבאוואפענט, שוצלאז פאלק פיהרט אן אייגענארטיג אבגע־זונדערט צערעמאניאל אידעאלען לעבען!

נאר דאס, וואס די ניט אידישע וועלט האט געמוזט אנערקענען, אז דאס קליינע פאלק צווישען פעלקער זיינען די ערשטע פונדאמענ־טאלע שעפער פון דער אלוועלטליכער ציוויליזאציע, די ערשטע פראפאגאנדירער, פריידיגער און אידעאלע קעמפער פאר פרייהייט, אמת, יושר און סאציאלער גערעכטיגקייט, אז זייער אייגענע רעליגיאן האט די וועלט געמוזט קאפירען פון דער אידישער אמונה, האט געמוזט אנערקענען אונזער תורה, אונזערע נביאים, אונזערע דענקער און פילאזאפען, דאס האט תמיד גערייצט מיט ברויזענדער קנאה און פייערדיגען אייפער די ניט אידישע וועלט, האט ארויסגערופען שטענדיגע שנאה צו אונז און איז דער סאמע שורש פון דעם אלוועלטליכען הערשענדען אנטיסעמיטיזם פון די גאר אוראלטע צייטען ביזן היינטיגען טאג. . . .

און אויב גרויסע, מעכטיגע פעלקער זענען דורך דער לאסט פון דורות אויף אייביג פון דער ערד אבגעווישט און פארניכטעט געווארען און דאס אידישע פאלק, דורכמאכענדיג אזא לאנגען מאר־טירער וועג, איבער דערנער און שטיינער, מיט פארבלוטיגטע פיס און צעפאסעוועט אייטערדיגע וואונדען אויפן פאלקס קערפער, ווייזט ארוים אזא אויסערגעוויינליכען כוח, אזא אונגעהייערע איבערנא־טירליכע גבורה, לעבט און עקזיסטירט, מארשירט פארווערטס, פאר־

אויס, להכעיס זיינע פארפאלגער און פייניגער, איז דאס נאך א דאנק דער אידישער אמונה, די געטליכע תורה, וואס מיר האבען אויפן בארג סיני מקבל געווען און זענען פון דער השגחה, פאר אן עם סגולה און גוי קדוש באשטימט געווארען!

און אויב אונזערע משכילים, אונזער מאדערנע נאציאנאלע אידישע אינטעליגענץ שטרעקען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, איבערצוציינען דער גיט אידישער וועלט, אז דער עם סגולה אין גוי קדוש שטאמט ביים אידישען פאלק פון דער אוראלטער פאר־היסטארישער עפאכע, באציהט זיך דעריבער בלויז אויף דער אידי־שער רעליגיע, האט מיטן פאלק גופא, חלילה, לחלוטין קיין שייכות נים. אויב אונזערע אידישע ראדיקאלען געהט ממש אין לעבען עפענטליך אפצוטרייסלען פון זיך דעם „בלבול״ פון דורות, אז מיר אידען זענען אן אויסדערוועהלט פאלק, זיי שעמען זיך מיט דער אידישער סופעריאריטעט פאר דער פראגרעסיווער, ליבעראלער ניט אידישער וועלט, ווייל זיי פאררעכענען דעם אידישען אתה בחרתנו געדאנק, ווי עם פארשטעהען איהם אנדערע פעלקער, פאר רעאקציאנער און שאוויניסטיש.

זאלען זיי, אונזערע מאדערנע נאציאנאליסטען און אויסגע־שפראכענע אידישע ראדיקאלען פארטראכטען זיך אין תורת משה, טיפער פארשען און שטודירען די אידישע געשיכטע, וועלען זיי שנעל קומען צו דער איבערצייגונג, אז מיר האבען גענוג אורזאכען צו שטאלצירען און חלילה זיך ניט וואס צו שעהמען מיט אונזער סופעריאריטעט, אז אונזער אתה־בחרתנו געדאנק איז אינגאנצען להיפוכ׳דיג, דאס פארקערטע, קאנטראסטיש, ווי אנדערע פעלקער טייטשען איהם אוים און פארשטעהן, הויפטזעכליך אבער האבען מיר שטאלענע אונבאשטרייטבארע באווייזען אז אונזער אתה־בחרתנו איז היסטאריש בארעכטיגט, דער העכסטער אויטאריטעט, די אידישע געשיכטע באשטעטיגט דאס!

אונזער אידישער אתה־בחרתנו געדאנק טראגט לחלוטין ניט קיין ביטול׳דיגע באציהונג צו אנדערע פעלקער, א מינדערוויכטיגע, דערנידעריגענדע שטעלונג צו אנדערע ראסען, צום פרעמדען, וועמען ס׳איז דערלויבט צו דיסקרימינירען, אונטערצודריקען, שאפען ספע־

ציעלע אויסנאהמס־געזעצען און פּאָליטיש און סאָציאַל פאַרפאָלגען.

אין געגענטייל, די תורה האָט אונז עטליכע מאָל פארזאָגט ביים באהאנדלען א פרעמדען זאָלען מיר שטארק זיין פאָרזיכטיג, מיר זאָלען איהם ניט קריוודען, באהאנדלען איהם ווי אן איינגעבוי־רענעם, ס'איז אונזער חוב צו זאָרגען פאר איהם גלייך ווי פאר איינענע, די תורה האָט געשטעלט דעם פרעמדען אויף איין מדרגה מיט דעם יתום און אלמנה, וועמעס באַשיצער און היטער איז דער אָלמעכטיגער באשעפער אליין.

וכי יגור אתך גר בארצכם לא תונו אותו — א פרעמדער וואָס וואוינט אין דיין לאַנד, טאָרסטו ניט אויסנוצען זיין פרעמדקייט און אומדערפאַרענקייט, איהם צו באַטריגען אָדער אָפּנאַרען.

כי תקצר קצירך בשדך, ושכחת עומר בשדה, לא תשוב לקחתו, לגר, ליתום ולאלמנה יהיה, למען יברכך ד' אלהיך בכל מעשה ידיך— ווען דו וועסט שניידען דיין תבואה אין פעלד, וועסט פאַרגעסען א בינטעל תבואה אין פעלד, טאָרסטו זיך ניט צוריק קערען דאָס א היים צו נעהמען, צום פרעמדען, יתום און אלמנה זאָל דאָס זיין, דערפאר וועט גאָט בענשען אלע ארבייטען פון דיינע הענט.

כי תחבט זיתך לא תפאר אחריך, כי תבצר כרמך לא תעולל אחריך, לגר, ליתום, ולאלמנה יהיה. — ווען דו וועסט דיינע אייל־בירטען אויסקלאַפּען, זאָלסטו ניט ארונטערנעהמען די גאַנצע פרוכט, די שיינקייט פון בוים; ווען דו וועסט דיינע וויינטרויבען אָפּשניי־דען, זאָלסטו די קלענערע צווייגעלעך לאָזען פארן פרעמדען, יתום און אלמנה.

און ניט בלויז אין פעלד און גאָרטען האָט די תורה פאַר־זאָגט, זאָל מען געדענקען צו שטיצען, באהילפיג צו זיין דעם פרעמ־דען, גלייך ווי דעם איינגען געבוירענעם יתום און אלמנה, נאָר אויך ביים געזעץ, ביים אויסטיילען גערעכטיגקייט, האָט די תורה שטרענג פארזאָגט: לא תטה משפט גר!

תורה אחת יהיה לאזרח ולגר הגר אתכם — זאָלסט ניט אָפּנייגען דעם דין פון פרעמדען, איין תורה און איין דערזעלבער געזעץ זאָל זיין בינדענד פאר דעם איינגעבירגערט באזעסענעם און פרעמדען, וואָס וואוינט מיט אייך.

אונזער תורה האָט ניט געמאכט קיין אונטערשיעד צווישן פרעמ־דען און איינגעבירגערט באזעסענעם אין לאַנד, נאָך מעהר, די תורה האָט אונז אָנגעזאָגט — כאזרח מכם יהיה לכם הגר הגר אתכם, ואהבת לו כמוך — ניט סתם דולדען זאָלסטו דעם פרעמדען, ניט בלויז באהאַנדלען זאָלסטו איהם ווי א גלייכען, נאָר ס'איז דיין פליכט זאָלסט איהם מקרב זיין, מאכען פיהלען היימיש, ווי אן איינגענער, ארויסווייזען באזונדערע התקרבות, זאָלסט איהם ליעב האָבען ווי זיך אליין.

ואהבתם את הגר — איהר זאָלט ליעב האָבען דעם פרעמדען, װער ער זאָל ניט זיין און פון וואנען ער זאָל ניט זיין, אונזער תורה מאכט ניט קיין אונטערשייד צווישען פרעמדען און היימישען, צווישען ראַסע און ראַסע.

אזא ליבע באציהונג צום פרעמדען, אזעלכע שטרענגע פארזאָגען און געבאָטען, פאר דער אָבהיטונג פון פרעמדענ'ס סאָציאלע, קול־טורעלע און יורידישע רעכט, פארמאָגט ניט קיין אנדער פאָלק אויף דער וועלט, אויסער דאָס אויסדערוויילטע אידישע פאָלק.

א פאָלק וואָס האָט דער וועלט נעגעבען דעם באגריף פון אחדות־הבורא, די גרעסטע מתנה און דער עיקר פון אלע עיקרים פון דער ציוויליזירטער מענשהייט, וואָס האָט שטופענווייז געפיהרט צו דעם פאָרטגעשריטענעם מענשליכען געדאנק, און צו די העכסטע אידעאלען וואָס די מענשהייט פארמאָגט, א פאָלק וואָס איז געוועזען די ערשטע לעהרער און פארשפרייטער פון אן אמונה, וואָס האָט אויפגעהויבען דעם מענשען צו דער העכסטער שטופע פון גלויבען און פערנונפט, האָט געשאפען דעם געדאנק, אז גאָט איז דער פאָטער פון אלע מענשען און ממילא זיינען אלע מענשען זיינע קינדער, האָט פארבונדען די אידעע פון איינינקייט פון דער מענשהייט מיט דער איינינקייט פון דער גאָטהייט, האָט פארפעסטיגט אויף אייביג דעם כוח פון דער אידישער אמונה, וועלכע איז די קרוין פון אלע רעליגיאָנען, דער יסוד פון אלע תורות — אזא פאָלק האָט זיך נאָר ניט וואָס צו שעהמען, דאַרף לחלוטין זיך ניט פארענטפערען, אדרבא, מעג שטאָלצירען מיט אזא פאָלקס סופעריאָריטעטס־גייסט און מיט שטאָלץ און זעלבסט זיכערקייט פראָקלאמירען זיך —

כי עם קדוש אתה לה' אלהיך, בך בחר ה' להיות לו לעם סגולה מכל העמים, אשר על פני האדמה!

א פאָלק וואָס האָט דורכגעלעבט די פאַרניכטונג און פאַרוויסטונג פון זיין שטאַאַטליך לעבען, איז מיט'ן שורש אויסגעריסען געוואָרען פון זיין באַזעסען מנוחה'דיג לאַנד, איז צושפּרייט געוואָרען באַרבע פּינות העולם, איבעראַל זיינען זיי א מינאָריטעט, ווערען הונדערטער יאָהרען אונאויפהערליך פאַרפאָלגט, ליידען פון גרושים, אינקוויזיציעס, שייטערהויפענס, האָס באַגלייט זיי אומעטום, שונאים וואַרפען זיך אויף זיי פון אַלע זייטען, און טראָץ דעם אַלעמען האָט דאָס פאָלק ניט קאַפּיטולירט, האָט ניט אויפגעגעבען זיין עקזיסטענץ, האָט גאָר ניט בדעה צו פאַרשווינדען פון דער וועלטגעשיכטע, מוז מען קומען צום אויספיהר, אז דער אבסאָלוטער סוד פון דער אייביגער אידישער עקזיסטענץ, פון וועלכען דאָס פאָלק שעפּט זיינע לעבענס כוחות איבערצולעבען אַלע וועלט חורבנות, בעת גרויסע מעכטיגע פעלקער זענען חרוב ומוחרב געוואָרען, זענען צושטערט און צושמעטערט געוואָרען, איז נאָר א דאַנק די געטליכע השגחה, וואָס האָט דאָס אידישע פאָלק באַשטימט פאַר אן עם סגולה אין גוי קדוש — א פּריסטער פאָלק פאַר דער גאַנצער מענשהייט, וועמענס אויפגאַבע איז צו פּראָקלאַמירען פאַר דער גאַנצער וועלט דעם באַגריף פון אחדות־הבורא און די געטליכע תורה, וואָס לערענט דעם מענשען מאָראַל און גערעכטיגקייט, יושר און מענשען ליבע, גלייכהייט און פרייהייט פאַר אַלעמען.

טאַקע אמת, דער עם סגולה וגוי קדוש, איז געזאָגט געוואָרען צו די בני־ישראל אין מדבר בעת קבלת־התורה, צו זאָגען אָבער אז דערפאַר באַציהט זיך דאָס בלויז אויף דער אידישער רעליגיע און האָט מיט דאָס אידישע פאָלק לחלוטין קיין שייכות ניט, איז פּשוט'ער לעבערליכער אונזין, זעלבסט־אָבנאַרעריי און פאַלשע אויסטייטשונג פון דער אידישער געשיכטע.

דאָס וואָס אונזערע מאָדערנע אידישע און ניט אידישע געלעהרטע מוזען מודה זיין, אז דאָס וואָס דאָס אידישע פאָלק איז ניט אונטערגעגאַנגען, לעבט און עקזיסטירט, איז נאָר א דאַנק אונזער רעליגיע, אונזער תורה, וואָס האָט אונז דורכגעטראָגען דורך

אלע מלחמות, רדיפות, צושפרייטונגען און וואנדערונגען, און אז דער גייסטיגער קאמפף פון דאס אידישע פאלק נעגען אנדערע אמונות און קולטורען, איז דער סאמער רוקען־ביין וואס דערהאלט אונז ביים לעבען, איז דער שלאגענדסטער ארגומענט, דער שטארק־סטער אונבאשטרייטבארסטער ענטפער צו די יעניגע וועלכע שעהמען זיך מיט׳ן אידישען סופאריאריטעטס־גייסט, זוכען אפצואווארפען דעם אתה בחרתנו פון דאס אידישע פאלק, וועלענדיג צושטעלען איהם בלויז צו דער אידישער רעליגיע.

ווען ניט די געטליכע תורה, ווען ניט די אידישע אמונה, פאר וועלכען דער איד האט זיך מוסר־נפש געווען, האט זיך געלאזט טויטען, האט בעסער אוועקגעווארפען זיין אלט באזעסענע היים און איז אוועק מיטן וואנדערשטעקען אין האנט, איידער אוועק־ווארפען זיין אמונה, וואלט דאס אידישע פאלק געהאט דעם זעלבען גורל פון אנדערע פעלקער און דאס פאלק וואלט לאנג שוין ניט עקזיסטירט.

אונזער איבערנאטירליכע אויסדויער, אונזער אומפארניכט־בארע עקזיסטענץ, אונזער אייביגקייט, אונזער כוח גובר צו זיין די ביטערסטע צרות, בייצושטעהן די שווערסטע נסיונות, אונזער שטענדיגע זיכערקייט אז סוף כל סוף וועלען מיר באזיגען, וועלען מיר איבערלעבען אונזערע שונאים, איז נאר א דאנק דעם אתה בחרתנו גייסט, דעם אינערליך אידיש פאלקסטימליכען שטאלץ פון אייגענווירדע, די ירושה פון אריסטאקראטישע יחסנות, דער „סופער־יאריטעטס־קאמפלעקס" פון קוקען אויף אלע אונזערע שונאים פון אויבען אראפ, מבטל מאכען זיי כעפרא דארעא, האלטען זיך העכער פון זיי, טראץ דעם וואס זיי זיינען פיזיש שטארקער, ווייל די אידישע אמונה, וואס איז דער אונערשעפליכער קוואל פון אידישער גבורה, פון אידישער עקשנות, פון אידישען מוט און אפפערוויליג־קייט, האט לאנג שוין אוועקגעשטעלט דעם כלל פון — לא בחיל, ולא בכח, כי אם ברוחי, אז דער זיגער, דער שטארקער וועט סוף כל סוף זיין ניט דער וואס קעמפט מיט מאכט און פיזישע שטאר־קייט, מיט שטאלענעם קאלטען כלי זין און פייערדיג היים געווער, נאר דער וואס קעמפט מיט גייסט, קעמפט פאר ליכטיגקייט, פאר

אמת און יושר, פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט, דער וועט ענדליך זיין דער זיגער, דער נצחון איז אויף זיין זייט, ער וועט געווינען דעם קאמף, ער וועט טריאומפירען און פייערען דעם זיעג פון גייסט וואס מוז תמיד מנצח זיין אין קאמף געגען ברוטאלער, רויהער, פיזישער מאכט.

מעגען אונזערע משכילים, מאדערנע נאציאנאליסטען און אידי־שע ראדיקאלען זיין צופרידען דערמיט אדער ניט, קענען זיי אבער פאר קיין פאל ניט ריהרען פון ארט די אייזערנע היסטארישע פאקטען, אז דאס אידישע פאלק האט דערגרייכט זיין גרויסקייט, זיין עקשנות, זיין אפפערווילינקייט, דורך דער אידישער רעליגיע, האט אויסגעהאלטען אין דער פארגאנגענהייט און וועט זיכער אויס־האלטען ווייטער די גאנצע יסורים'דיגע ביטערניש און גרויליגען פיין פון גלות, אונטער דעם שוץ פון דער אידישער רעליגיע און דער אידישער תורה.

אפילו די ניט אידישע וועלט וייסט אז אונזער תורה איז די נשמה, דער אויפהאלט פון דער אידישער נאציאן, אז אין אונזער אמונה ליגען די פארבארגענע אונבאזיגבארע כוחות, וואס באשיצען און דערהאלטען אונזער קיום האומה, דערפאר ווען די שונאי־ישראל האבען אונז מלחמה דערקלערט, האבען אנגעגורט זייערע כלי־זיין, אונז צו פארניכטען, מבער צו זיין, האבען זיי די שווערסטע קאנאנען זייערע אנגעשטעלט צו אטאקירען דאס אינערליכסטע, דאס נשמה'־דיגסטע, דאס קווינטעסענציעלסטע, דאס גבורה'דיגסטע אין אונז — די אידישע תורה און די אידישע אמונה.

א היסטארישע באשטימטע אקסיאמע האבען אבער אט די אלע קאמפען וואס גרויסע מעכטיגע פעלקער פארפיהרען געגען אונז ארויסגעבראכט, אז ווען א פאלק דערקלערט אונז קריעג, פארפיהרט א ביטערע אויסראטונגס מלחמה געגען אונז, גיסט שוועבעל און פעך אויף אונז אלס מענשען, אלס פאלק און אלס ראסע, איז דאס ניט קיין דערקלערטער קאמף בלויז געגען אונז אלס פאלק, אלס אינדיווידועלע אומה, נאר טראגט שטענדיג אן אוניווערסאלען כאראקטער — א דערקלערטער קאמף געגען דער אלוועלטליכער ציוויליזאציע, געגען פראגרעס און טאלעראנץ, געגען הומאניטעט

און גערעכטיגקייט, און פארן צוריק קערען זיך צום מיטעלאל־טערליכען בארבאריזם, צום פינסטערען מיאוסען געצענדיענסט, צו פארוואנדלען דעם מענשען אין א בעסטיע, אין א צוויי פיסיגער חיה. . . .

האט אין אונזער צייט א גרויס, שטארק, מעכטיג פאלק דער־קלערט קריעג צום אידישען פאלק, האלט אונאויפהערליך אין פראַ־פאגאנדירען גאליגע, גיפטיגע שנאה געגען אונז, איבערן גאנצען כדור־הארץ, פריידיגט האס, ביטערע פאראכטונג ניט בלויז געגען אידען אלס מענשען, אלס פאלק און אלס ראסע, נאר אויך געגען דער אידישער תורה און דער אידישער אמונה, געגען אידישע אידעען, אידישער מאראל און אידישער עטיק, האט דער היטלעריזם, דער פינסטערער, בלוטיגער נאציזם באוויזען אז דער פארביטערטער קאמף וואס ווערט פון דער אפיציעלער נאצישער רעגירונג אנגע־פיהרט געגען דאס אידישע פאלק איז לחלוטין ניט קיין ספעציפיש אידישער, נאר א קאמף געגען דער אלגעמיינער ציוויליזירטער, פראגרעסיווער, ליבעראלער וועלט, געגען אינדיווידועלער און קאָ־לעקטיווער פרייהייט, געגען יושר און טאלעראנץ, געגען רעכט און גערעכטיגקייט, און די שטרעבונג צוריק צו קערען זיך צום אלטען טוטאנישען געצענדיענסט, ווען סאדיזם, רויבען און מארדען און בעסטיאלישע גרויזאמקייטען זענען פאררעכענט געווארען פאר „היי־ליגע אקטען״...

דערפאר אז עס קומט דער יום טוב שבועות, ווען מיר פייערען דעם טאג וואס אונזערע אורעלטערען האבען אויפן בארג סיני מקבל געווען די תורה, עראינערען מיר זיך אין יענעם טאג ווען דאס אידי־שע פאלק איז פון דער געטליכקייט פאר דער וועלט פראקלאמירט געווארען פאר א ממלכת כהנים וגוי קדוש, איז פון דער השגחה אויסדערוועהלט געווארען צו זיין דער וועג־ווייזער און לעהרער פון דער מענשהייט, — דערהויבט דאס אונז פון שפלות, דערוועקט דאס ביי אונז שטאלצען באוואוסטזיין, דערוואכט דער אינערליכער סופעריאריטעטס־גייסט פון דאס אידישע פאלק, וואס האט גערופען צו אחדות־הבורא און די העכסטע מענשליכע אידעאלען אין א וועלט פון בארבארען און געצענדינער, און האלט ביזן היינטיגען טאג

אונאויפהערליך באגייסטערט אגיטירען, מיטן זעלבען פייער און אייפער די תורה אידעאלען, ווי דעם ערשטען טאג, וואס די בני ישראל האבען די תורה אויפן בארג סיני מקבל געווען.

הויפטזעכליך אבער איז דער יום טוב שבועות דער סימבאל פון דער אייביגער אידישער עקזיסטענץ, דער מקור פון אידישען אפטימיזם, אזוי ווי די געטליכקייט און די תורה זיינען אייביגקייטען, אזוי אייביג לעבען און עקזיסטירען ווען גאט'ס אויסדערוועהלט פאלק, מעגען אונזערע שונאים קריצען מיט די צייהן, פלאנצען בחנמ'דיגע ביטערע שנאה און אויסטראכטען כל הרעות שבעולם נעגען אונז, וועלען מיר להכעיס אונזערע שונאים, פארפאלגער און אונטערדריקער לעבען און עקזיסטירען, ווייל דער יום טוב שבועות, דער זמן מתן תורתנו, אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו — ווען מיר זענען פון דער השגחה אויסדערוועהלט געווארען צו זיין די טרעגער און פארשפרייטער פון דער געטליכער תורה, דאס באזעלט און קרעפטיגט אונזער קיום האומה — צו לעבען פאר אן ענדליכען טריאומף פון דער תורה וואס מיר האבען אויפן בארג סיני מקבל געווען און וואס אונזערע נביאים האבען שפעטער גע־פריידיגט — כי ד' הוא האלקים, בשמים ממעל, ועל הארץ מתחת אין עוד.

— אין עוד אומה בעולם מושגחת ומושפעת מד' עצמו כי אם ישראל. דאס פאלק ישראל איז דאס איינציגע פאלק אויף דער וועלט וואס זיין שומר און באשיצער איז גאט אליין!

# אבל אשמים אנחנו!

## (וועגן אונזער נאַציאָנאַל רעליגיעזן חנוך)

אז דער אָנגעוועהטיגסטער נאַציאָנאַלער אידישער פּראָבלעם אויף דער זייט ים, וועלכער איז אייגענטליך דער שטאַרק פאַר־בונדענער קניפּ, דער שורש, פון פאַרשידענע פאַרפּלאָנטערטע אַלגע־מיינע אנדערע אידישע פראַגען און פּראָבלעמען, איז די דערציאונגס־פּראַגע פונ׳ם צוקונפטיגען אידישען דור, איז נישטאָ קיין שום ספק.

טייכען טינט, בערג פאַפּירען, א מבול פון ווערטער האָט מען אין דער עפענטליכקייט, שריפטליך און מינדליך, שוין אויסגענוצט פאַר פּראָפּאַגאַנדע, פאַר אויפקלערונגס צוועקען, צו פאַרשטעהן געבען די ברייטע אידישע פאָלקס מאַסען, אז כמעט אַלע אידישע נויט־פראַגען, נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע, סאָציאַלע, קאָנען א סך גרינ־גער פאַרענטפערט ווערען, ווען מיר וואָלטען ביכולת געווען, פול־שטענדיג צו לעזען דעם שווערסטען נאַציאָנאַלען פּראָבלעם — די דערציאונג פון אונזערע אידישע קינדער אויף דער זייט ים.

פאַרשידענע געדאַנקען, פּלענער און פאַרזוכען זיינען שוין מעהר ווי אין די הונדערטער געמאַכט און ארויסגעזאָגט געוואָרען, ארויס־צופּלאָנטערען זיך פון תהו ובהו, וואָס הערשט בנוגע דער דער־ציאונג פון אונזער צוקונפטיג אידישען דור און קיין איינהייט־ליכעם, קאָנקרעטעס, ממשות׳דיגם פון קאָלעקטיווען כאראַקטער איז נאָך עד־היום ניט דערגרייכט געוואָרען.

איינע פון די הויפּט אורזאַכען איז אָהן ספק, וואָס מיר פאַר־טראַכטען אַלע מאָל דעם דערציאונגס־פּראָבלעם בלויז אויבער־פלעכליך, פון אויבען אויף; מיר זוכען בלויז מיטלען און עצה׳ס מתקן צו זיין דאָס וואָס שטעכט אונז ממש די אויגען און מיר ווילען גאָר ניט פּרוּאוּוען זוכען דעם גרונט, דעם יסוד, צו פאַר־טיפען זיך, פאַרטראַכטען זיך, פונוואַנען אייגענטליך שטאַמט די

נאציאנאלע מכה, וואס עטליכע מיליאנען אידען, כן ירבו, אויף דער זייט ים, זיינען ניט אימשטאנד צו לעזען איינעם פון זייערע הויפט פאלקס פראבלעמען.

וואלטען מיר זיך פארטראכט טיעפער, וואלטען מיר געזוכט טיעפער דעם גרונט, די אמת'ע אורזאך, מיט דער גאנצער נאקעטקייט, לעיני כל ישראל, פאר דער אידישער עפענטליכקייט ארויסגעבראכט, אז מיר זאלען אלע זעהן און פארשטעהן די אמת ווירקליכע סבה, אז שולדיג איז אונזער איינענע אומפעהיגקייט, דער כאאטישער, דיסארגאניזירטער צושטאנד פון פארשידענע קרייזלאך און קלייזלאך וואס הערשט אין אונזער אלגעמיין נאציאנאל געזעלשאפטליך אידיש לעבען ובפרט אינם ארטאדאקסישען אידישען וועלטעל, וואלטען מיר אזוי ארום אפשר גרינגער געקענט געפינען א לעזונג, לפחות כאטש א פארבעסערונג אויף דעם נאציאנאל רעליגיעזען אידישען חנוך געביט.

א תהו ובהו, אן אנדרלמוסיא, הערשט אין דער ארטאדאקסישער אידישער וועלט. אונזער ארטאדאקסיש געזעלשאפטליך אידיש לעבען אויף דער זייט קאנטינענט איז עפעס אן איבערגעשראקענעם, א ציטערדיגס, אונזערע מוחות זענען דענערווירטע, פאר'חושכ'טע, דאס רוב ארטאדאקסישע גרויסע אידישע קהלות פארוועדען אפט זייער ענערגיע און אקטיוויטעטען פאר נוצלאזע צאנקערייען, ראנגלען זיך אין א כשוף צירקעל פון בשר־כשר מחלוקתן, קעמפען אהןרחמנות'דיג אינם ענגען כור הברזל פון סיר־הבשר גלייך דאס וואלט געווען דער עיקר שבעיקרים, דער אנהאלטענדער עקזיסטענץ פון אידענטום אין אט די נישטיגע אומגליקליכע קאמפען ארום דעם סיר־הבשר, דריקען און קוועטשען ארויס די כוחות פון גוף און נשמה.

צוברעקעלט זיינען די ארטאדאקסישע כוחות, אונזערע גרויסע ארטאדאקסישע אידישע קהלות פארמאגען און האלטען אין בויען גרעסערע און קלענערע שוהלען, יעדער וויל האבען א קהלה פאר זיך, און אייגען שטעדטעל מיט באזונדערע בעלי־דעות, עס פעהלט דער זאמלער פון די ענערגישע, מוטיגע, מסירת־נפש'דיגע עוסקים בצרכי צבור באמונה, עס פעהלט די צוציהונגס־קראפט וואס זאל

ביכולת זיין צוזאמענצובריינגען אַלע צווייטע און צושפּרייטע אָרטאָ־דאָקסישע כוחות אין איין גרויסער און מעכטיגער אָרטאָדאָקסישער קראַפט.

מיר פאַרמאָגען צווישען אונזערע אָרטאָדאָקסישע רייהען א גרויסען סכום פּראָדוקטיווע כלל־ארבייטער, מיר פאַרמאָגען טעמ־פּעראמענטפולע אידעאליסטען און פעהיגע אָרגאַניזאַטאָרען, אונז פעהלט נור דער מענש פון אבסאָלוטער צוטרויליכער אויטאָריטעט, אונז פעהלט דער מאַגנעטישער אפּאַראַט וואָס זאָל אימשטאַנד זיין צו שאַפען אחדות צווישען די פאַנאַנדערגעשפּרייטע און צושפּלי־טערטע אָרטאָדאָקסישע כוחות אין איין צענטער, און אָט דעם צענטער — פאַר׳ן גרעסטען אויטאָריטעט אוועקשטעלען.

באמת איז דאָס אַן אונפאַרשטענדליכע דערשיינונג, אַז אָרטאָ־דאָקסישע אידען וואָס קעמפען זייט יאָהרען פאַר בשר־כשר, בויען שוה־לען און לאָזען שרייבען ספרי תורות, וואָס ברענגען אינ׳ם לעבען פיעל קרבנות פאַר אידישקייט, זאָלען גראַדע לגבי דעם עיקר העיקרים פון אידישקייט, לגבי די רעליגיעזע נאַציאָנאַלע אידישע ערציהונג פון דעם צוקונפטיגען דור ארויסווייזען אזא קאַלטקייט און אפּאטיע — דאָס איז ווירקליך אומהערקלערבאַר און פּאַראַדאָקסאַל. . . .

מיר מוזען מודה זיין דעם טרויעריגען פאַקט, אז אונזערע אָרטאָדאָקסישע אידען זענען ניט גענוג אויפגעקלערט איבער זייער חוב לגבי דער ערציהונג פון זייערע קינדער.

דער מאַנגעל פון פליכט באוואוסטזיין בנוגע די ערציהונג פון זייערע קינדער נעהמט זיך פּשוט פון מאַנגעל פון אויפקלערונג. עס איז א וועהטאָג צוצוגעבען, אז דוקא דער אידישער טאַטע, וואָס זאָגט טעגליך שחרית וערבית „ושננתם לבניך״ אין קריאת־שמע, האַלט דאָס ניט אלס מצוה עשה, נאָר מען קען זאָגען אלס מצוה לא תעשה. . . זיי, די אידישע טאַטעס, זיינען ניט גענוג אויפגעקלערט, אז דער עיקר העיקרים פון אידישקייט איז דוקא אָבהענגיג פון דעם ושננתם לבניך, אז אָט די מצות־עשה איז כמעט דער גאַנצער קיום־האומה, און אז זייער גאַנצע ארבייט פאַר אידיש־קייט איז כמעט ווי ווערטלאָז, כל־זמן זיי האָבען ניט מיט מסירת־

נפש, אונערמידליך אָנגעשטרענגט זיך, אז זייערע קינדער זאָלען ערצויגען ווערען אין נאציאָנאַלען רעליגיעזען אידישען גייסט.

דער רעליגיעזער עגאָאיזם און דער יאוש שלא מדעת, דער אפּאַטישער אומבאוואוסטזיניגער ביטול, וואָס האָט מיט קאַלטבלו־טיגער גלייכגילטיגקייט באַזעצט זיך אין די הערצער פון א גרויסען טייל פון אונזערע אָרטאָדאָקסישע אידען, איז אָהן ספק א סך גורם צו דעם שרעקליך טרויעריג פאַרנאַכלעסיגטען מצב פון אונזער נאַציאָנאַל רעליגיעזען אידישען חנוך.

אמאָל האָט כאָטש דער סאָרט רעליגיעזער עגאָאיזם, וואָס איינער האָט געגלויבט יוצא צו זיין מיט דעם, וואָס ער אליין איז גוט און פרום, לפּחות אויך כולל געווען די באַציהונג צו דער אייגע־נער משפּחה, דאָס אָבהיטען און דאגה'ן אז די אייגענע משפּחה זאָל געהן בדרך הישר, אויפצוהאַלטען בכל מאמצי כוח די אייגענע משפּחה ביי אידישקייט.

איצט לײדער מוזען מיר צו אונזער גרויסען באַדויערען קאָנ־סטאַטירען דעם טרויעריגען פאַקט, אז דער רעליגיעזער עגאָאיזם פון אונזערע אָרטאָדאָקסישע אידען איז לעצטענס געווענדעט לחלוטין נאָר אויף זיך אליין. מען זאָרגט בלויז פאַר זיך זעלבסט, ניטאָ מעהר די דאגה פאַר די נשמות פון די אייגענע קינדער, זיך פאַרהיט מען, פאַר די אייגענע נשמה זאָרגט מען, מען פיהלט שוין מעהר ניט קיין באַדערפעניש און פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַרן אייגענעם צוקונפטיגען אידישען דור, די אייגענע קינדער איז מען מבטל, מאַכט מען אפּאַטיש אוועק מיט דער האַנט, זיי וועלען סיי ווי אויפ־וואַקסען פרעמדע; דאָס לאַנד באַשולדיגט מען, א לאַנד אַזאַ, אַן אַטמאָספערע אַזאַ, טראַכט מען בלויז וועגען זיך, אויפצוהאַלטען דעם גוף בעולם־הזה און פאַרזאָרגען די אייגענע נשמה בעולם הבא און פאַר די אייגענע קינדער דאגה'ט מען בלויז פאַרן גוף, פאַרן פיזיש קערפּערליכען געבוי און פאַר זייערע נשמות, פאַר דער פאָרט־זעצונג פון אייגענעם אידישען דור איז מען אפּאַטיש, גלייכגילטיג, אָהן א ברעקעל התחייבות. . . .

איז דאָך לײדער אַן אָפענער סוד, אז דער גרעסטער טייל פון אונזער אידישער יוגענד איז פון דער אידישער רעליגיע גענצליך

אָפּגעפּרעמדט, אפילו אין נאַציאָנאַלען און עטישען זין זינקט אונזער יונגענט פון טאָג צו טאָג, זאָל זיין אז די סביבה און עקאָנאָמישע פאַרהעלטעניש[ן] זענען אינדירעקט גורם דערצו, די האָפענונג אבער אז עס זאָל אויפוואַקסען א אידישער דור, וועלכער זאָל אין זיך פאַרקערפּערען, מיט מסירת נפש, מיט אונזער אייגענאַרטיגקייט אין אונזער גלות לעבען, מיט אונזער נשמה, אידיש האַרץ, דענקען און פילען — איז זיכער פאַנטאַסטיש און אוטאָפּיש.

און אז די סכנה פאַרן צוקונפטיגען אידישען דור אויף דער זייט ים איז א גרויסע און היסטאָריש פאַראַנטוואָרטליכע איז דאָך פּשוט ווערטלאָז איבערצו׳חזר׳ן.

אלזאָ ווער עמס שולד איז דאָס?

איז דאָס ווירקליך די גאַנצע שולד פון דער מדינה, פון דער סביבה און אומשטענדען? איז דער יאוש פון יענע אידען, וועלכע זיינען רגיל אוועקצומאַכען מיט ביטול די דערציאונג פון זייערע אייגענע קינדער א באַרעכטיגטע און אומשולדיגע?

יעדער ערליך דענקענדער איד וואָס האָט אָפענע אויגען און זעהט די אַנטוויקלונג פון אונזער אידישער יוגענד, מוז ארומכאַפּען א ציטער ביי דעם געדאַנק, וואָס עס קאָן, חלילה, ארויסוואַקסען פון אונז אין דעם צוקונפטיגען אידישען דור.

באַאָבאַכטענדיג דעם מצב און פרשת־דרכים פון אונזער דער־וואַקסענע אידישע יוגענד, מוז מען אויפציטערען ביי דעם געדאַנק, אויב מיר זאָלען זיך ניט אָנשטרענגען עפּעס ממשות׳דיגס אויפ־צוטאָהן וואָס קאָן ווערען פון אונזערע קינדער וואָס זענען א מאָל געשטאַנען ביים מעמד הנבחר, פון דעם עם הנבחר, פון דעם פאָלק וואָס האָט צו דער מענשהייט געגעבען ליכט, רעליגיעזע און עטישע יסודות.

און אויב מיר זעהן שוין די סכנה, אויב מיר זעהן שוין אין דער פאַנטאַזיע די בילדער פון דער צוקונפט אין אונזערע איי־גענע רייהען, צו קאָנען מיר און מעגען מיר אפילו אויף איין מינוט בלייבען גלייכגילטיג לגבי דאָס, וואָס האָט אונז איבערהויפּט פאַר א פאָלק געמאַכט, וועמענס שטאַם יחוס הויבט זיך אָן מיט׳ן כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו. . . .

גלויבען מיר, אהן צווייפעל, אז ס'איז פאראן נאך גענוג ארטאדאקסישע אידען, וואס עס שטעכט זיי טיעף אין הארצען, זעהענדיג ווי ס'פאלען אוועק שטיקער פון אונזער צוקונפטיגען אידי־שען דור און זיי ווערען פארפרעמדט פון אונז אויף אייביג — וואסזשע האבען זיי אבער געטאן די סכנה צו באזייטיגען און דעם אפפאל פראצעס איינצוהאלטען?

און אט דא קומען מיר צום טרויעריגסטען פונקט פון דער אזוי אנגעוועהטאגטער פראגע פון דער אידישער יוגענד געפאהר, מיר זיינען ניט משיג די אחריות, מיר זיינען ניט יוצא אפילו אויף א האר לגבי דער שאלה מכל השאלות פון דאס אידישע פאלק לגבי דער חנוך פראגע.

דאס איז דער טרויעריגסטער פונקט אינם מצב פון אונזער היגען אידישען לעבען, די גרעסטע אויפגאבע פון אידישער פאלקס־דערציאונג, פארנאכלעסיגען מיר און פארשווענדען אונזערע בעסטע ענערגישע כוחות און אקטיוויטעטען פאר אייגענע אינערליכע נוצ־לאזע צאנקערייען און מחלוקתן.

די אמת'ע סיבה פון אונזער אומבאהאלפענקייט צו לעזען די דערציאונגס פראבלעם איז ניט מחמת ס'איז ווירקליך ניט פאראן קיין תרופה און לעזונג, ניט אמת, ס'איז פאראן — וואלטען מיר נאר מיט געמיינזאמע כוחות אוועקגעלייגט אלע זייטיגע פניות, בשר כשר מחלוקתן און צוויסטיגקייטען, וואלטען מיר בלי ספק, בודאי כיכולת געווען פיל, זייער פיל אויפצוטאהן אויף דעם חנוך געביט. ניין, ס'איז קיינעמ'ס שולד ניט, נאר אונזער אייגענע שולד — מיר זיינען שולדיג!

# מיינע בית־המדרש טעג

## (זכרונות פון פאַרגאַנגענע יאָהרען)

ווען די פריה הערבסטיגע טעג קומען אויף דער וועלט, די בלעטער אויף די בוימער ענדערען ביסלעכווייז זייער גרינעם קאָליר, ווערען געראויטעלט, פארגעלט, פארוועלקט, הויבען אייניציגווייז אָן צו פאַלען, ארום שטאם פון בוים און די בוימער, שוויינענדע, געבויגענע, ווי אַלטע אָפּגעלעבטע זקנים, שטעהן יאוש'דיג פאר־טראכט — אָפּגעבליהט, יונג געוועזן, נאָך א טאָג און נאָך א טאָג און עס קומט דאָס פארגעהן, דאמאָלס דערוואכט אין מיר א שטילע טראכטונג פון מיינע יונגע יאָהרען, ווען איך בין געווען א איינגעל אין בית־המדרש, ווי דורך א געדיכטען נעבעל, דערזעה איך יענע ליכטיגע, לויטערע, נשמה'דיגע צייט, די באַצויבערענדע בית־המדרש טעג, די פאר'כשופ'טע ראָמאַנטישע בית־המדרש אַטמאָספערע.

איך דארף בלויז די אויגען אויף א רגע פארמאכען, אריבער־טראָגען מיינע מחשבות אין מיין געבורטס שטעדטעל, שווימט תיכף ארויס פאר מיר דאָס גרויסע געמויערטע שטעטעלדיגע בית־המדרש מיט די לאַנגע דיקע הילצערנע בית־המדרש טישען, די ברייט־וואנטיגע ספרים שרענק מיט די אין אונאָרדנונג אָנגעוואָרפענע ספרים, די צעהנדליגע בלייכע, אויסגעמאטערטע, לאַנג האַלזיגע בית־המדרש בחורים, די איידעלע, זיידענע, קעסט יונגעלייטלאך און עלטערע אידען לומדי־תורה, וועלכע זיצען יום ולילה איבער גרויסע ש"ס גמרות, אינגאנצען אויסגעטאָן פון עולם־הזה, פאר'מוח'ט, מיט האלב פארמאכטע אויגען, שאָקלען זיך, פארטיפט, מיט התלהבות, מיט רעליגיעזען ברען, מיט פרומען פאטאָס, פארקלינגען די בית־המדרש לופט מיט זייער הארציג זיסע, טיעף נשמה'דיגע, לאַנג ציהענדע טענער.

אויף דער מזרח וואנט, אויבענאָן, ביים קאָצקער טיש, זיצט ר' יוסף לערמאַן, דער עושר פון שטעדטעל, א הייסער קאָצקער חסיד, א מקורב ביים רבין, איינער פון די עלטסטע, חשוב'סטע לומדים פון בית־המדרש, מיט זיין געדיכטער פאטריארכאלישער פעך שווארצער באָרד, מיט די גאָלדענע שפאקולען אויף דער אָדלער נאָז — זיצט ער איבער א ליכטיג, קלאָר אותיות'דיגע ווילנער ש"ס גמרא, לערנט אויפן קול, מיט אזא דביקות, מיט אזא מתיקות, מיט אזא מחיה'דיגער הארציגקייט, אז דורכגעהער פאר'ן בית־המדרש, פארנומענע מענשען, סוחרים, ווערען באצויבערט, בלייבען אויטאָ־מאטיש שטעהן אונטער די פענסטער פון בית־המדרש, צו הערען ר' יוסף לערמאנ'ס לערנען.

ניט ווייט פון ר' יוספ'ן, אויך אויפן מזרח וואנט, ביים צווייטען טיש, ביים לובלינער טיש, זיצט דער ארי־שבחבורה, ווי מען רופט איהם אין בית־המדרש צוליעב זיין שארפען מוח און גראדען שכל — ר' יאקעלע מטות'עס, דער מורה־הוראה פון שטעדטעל. ער זיצט איבער א יורה־דעה, מיט א בארג ספרים אָנגעוואָרפען ארום איהם, שטיל, פארטיעפט, מיט איין האנט אונטערגעשפארט דעם קאָפּ אויפן יורה־דעה, און מיט דער צווייטער קעמט ער, מיט זיינע דארע, ביינערדיגע פינגער, זיין זילבער ווייסע באָרד. איהם איז שטארק קשה א דין אין יורה־דעה, ער זוכט, פאָרשט, נישטערט, עפענט א ספר, טוט א קוק, פארמאכט דאָס ספר און עפענט גלייך א צווייטס. זיין בלייך פארמעט פנים איז פאר־וואָלקענט, שטארק פאר'דאגה'ט, ראשו־ורובו איז ער פארטיפט אין די ספרים, זיינע ברעמען ציטערען, די טיעפע קנייטשען אויף זיין הויכען גאונישען שטערען גראָבען זיך איין, פון מינוט צו מינוט נאָך טיעפער, ווי זיי וואָלטען וועלען אריינדרינגען אינם גרויסען מוח, העלפען דערגעהן דאָרט א תשובה אויף דער הארבער קשיא, אומבאוואוסטזיניג שטעלט ער זיך אויף, צושאָקעלט זיך פאמעלאך, זיינע צוויי ווייסע געקרייזעלטע פאות פון אונטער דער שווארץ סאמעטענער יארמולקע צוטאנצען זיך לייכט איבער זיין בלייכען פנים, ווארפען זיך הין און הער. מיט א מאָל ווערט זיין פנים אויסגעלייטערט ליכטיג, א צופרידען פייערעל באווייזט זיך אין זיינע

גרויסע קלוגע אויגען, ער גלייכט אוים דעם רוקען, ווי ער וואָלט זיך באפרייט פון א שווער וואָגיגע משא. ער איז אינגאַנצען אָנגעפילט מיט אינערליכער שמחה, מיט א ליבליך ווייכען שמייכעל קוקט ער זיך ארום אין בית־המדרש, זיין בליק דריקט אוים ליעבע און צופרידענהייט, גלעט ווי מיט א ווייכען סאַמעט, איהם איז פאַרענטפערט די האַרבע קשיא, ער האָט געפונען א תירוץ.

און נעבען איהם זיצט איבער א גמרא מיין חבר שימעלע אַלטער יוסף׳ס, א קורץ געוויקסיג בחור׳ל, מיט א קלאָר, צאַרט ווייס פנימ׳ל, מיט א גרויסען טלית קטן און לאַנגע ציצית. זיינע לאַנגע געקרייזעלטע פאות׳לאך, וואָס הייגען ארוים פון גלאַנציגען זיידענעם היטעלע, באַמבלען זיך איבער זיין קלאָרען געזיכט, און בלענדען איהם די אויגען, זיין אומעטיגער גמרא ניגון, זיין שטימעלע, זיין אויסזינגען און מעלאָדיש אויסציהען דעם תנו־רבנן איז אזוי האַרציג זיס, אזוי מחיה׳דיג נשמה׳דיג, אזוי דערקוויקענדיג לאַסטשענדיג און ריהרענדיג, אז עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם פון די בית־המדרש מתפללים, מיט אָפענע מיילער און די סידורים אין די הענט, שטעהן זיי פאַרגאַפט, באַצויבערט פון שימעלע׳ס התלהבות׳דיג שאָקלען זיך און מתיקות׳דיג לערנען.

מיר איז שווער עפּעס אין דער גמרא, א צייט ווי איך מוטשע זיך צו פאַרשטעהן דעם פשט פון א שטיקעל גמרא, איך האָב שוין אַלע מפרשים נאָכגעקוקט, אין שיטה מקובצת איינגעזעהן, איך פאַרשטעה פאָרט ניט דעם פשט, באַשלים איך צו פרעגען ר׳ יאַקעלע מטות׳עס, זאָל ער מיר עס ערקלערען.

דערזעהט מיך ר׳ יאַקעלע שטעהן נעבען איהם מיט דער גמרא אין האַנט, פאַרשטעהט ער באַלד, וואָס איך שטעה, שלעפּט ער תיכף ארוים די רויטע פאַטשיילע פון זיין הינטער קעשענע, לייגט אוועק אויף זיין גמרא פאַר אַן עירוב, זיין פנים שמייכעלט גוטמוטיג, די קנייטשען אויף זיין שטערען גלייכען זיך אוים — קום נעהנטער, בחור׳ל, רופט ער מיך ליבליך, פאַטעריש, און גלעט מיך מיט זיינע סאַמעטענע אויגען.

דערמוטיגט פון זיין ווייכקייט און ליעבליכקייט, דערנעהנטער איך זיך צו ר׳ יאַקעלען, פאַרשפּרייט מיין גמרא אויף זיין יורה־

דעה, איך הויב אָן מיט א הויך קוויטשענדיג קול'כעל פון אָנהויב.
— איבעיא להו, האָבען די רבנן אן אבעיא געפרעגט — טייטשענדיג געלאָסען יעדעס וואָרט באזונדער.

ר' יאָקעלע האָט די אויגען איינגעגראָבען אין דער גמרא, הערט מיך אויס אויפמערקזאַם. אז איך בין צוגעקומען צום אָרט אין דער גמרא, וואו מיר איז שווער דער פשט און אָפּגעשטעלט זיך, האָט ר' יאָקעלע אַ רגע פאַרטראַכט זיך, אַ קנייטש געגעבען דעם שטערן, א קינדערשער שמייכעל האָט זיך צוגאָסען איבער זיין בלייך, פאַרמעט פנים, און ער האָט אָנגעהויבען לערנען ווייטער, מיט אזא גרינג, זאַנפטיג לשון, אזוי קלאָהר און פארשטענדליך, אז איך בין א פארגאַפטער געבליבען שטעהן, מיט אויפגעשפּיצטע אויערן זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט, וואָס האָט ווי פון א קוואַל געפלאָסען פון זיין מויל און הנאה'דיג אָנגעפילט מיין הארצען, אז איך האָב זיך געוואונדערט, ס'איז דאָך באמת אזוי פארשטענדליך און פשוט, וואָס איז דאָ געווען צו פאַרשטעהן. . . .

און אַז ר' יאָקעלע האָט געענדיגט דעם פשט פון דער שטיקעל גמרא, האָט ער מיט צוויי פינגער געגעבען מיר אַ קניפּ אין מיין אויפגעפלאַמטער באק און מיט גרויס ליעבשאַפט א זאָג געטאָהן:

— לערן ווייטער, ביסט א גאַנץ וואוילער בחור, שעהם זיך ניט, איז דיר עפּעס קשה אין פשט פרעג מיך, לא הביישן למד.....

פאַרשעהמט, מיט א שטאַרק צופלאַמט פנים, גלייך ווער ווייסט וואָס פאר א חטא איך בין דאָ באַגאַנגען, בין איך אוועק פון ר' יאָקעלען. איך האָב געפיהלט זיין וואַרימען, ווייך סאַמעטענעם בליק אויף מיין רוקען. אַ צושרויפטער, אָנגעפילט מיט הימלישער פרייד פון ר' יאָקעלע'ס ווערטער, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין פּלאַץ, מיט גרעסערע התמדה און עקסטאַז צושאָקעלט זיך איבער מיין גמרא —

— איבעיא להו, האָבען די רבנן אן אבעיא געפרעגט! . . .

* * *

ווי דורך א געדיכטען נעבעל, זעה איך יענע מיסטישע, ראָמאַנטישע בית־המדרש טעג, יענע ליכטיגע, שיינענדיגע צייט פול מיט אמת'ן חן און ריינער פּאָעזיע פון מיין לעבען — די קינדהייט.

וועלכער מענש פארטראכט זיך ניט א מאָל אין זיין שפּעטערדיג פּראַזאישן לעבען וועגען זיינע יונגע יאָהרען. א סך וואסערען זיינען שוין זינט יענער צייט דורכגעפלאָסען, מיין שטעטעלדיג בית־המדרש איז איבער דער צייט חרוב געוואָרען, די קאַזאקען האָבען עס אונטערגעצונדען, יענע לומדים זיינען שוין ניטאָ מעהר. אונפארגעסליך אין מיין זכרון זיינען איבערגעבליבען די ליעבליכע גייסטיגע געשטאַלטען, וואָס שאָקלען זיך דביקות'דיג, פאַרטיפט מיט א שטאַרקער התמדה, איינגאַנצען אויסגעטאָהן פון דער עולם־הזה'־דיגער וועלט, איבער די גרויסע ש"ם גמרות, מיט זייערע אומעטיגע, מעלאנכאָלישע, טיעף הארציגע ריהרענדע ניגונים, און א דריקענדע בענקשאַפט נאָך דער שטראהלענדער פארגאנגענהייט, וואוהין עס איז קיין האָפענונג ניטאָ זיך אומצוקערען, באהערשט און נאָגט מיין הארץ. . . .